STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08202

# BOYER UN SHAFER FUN MAYN DOR

Yitshak Libman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק ליבמאַן

# ביער און שאַפער פון מיין דור

ערשטער באַנד

פאַרלאַג „וואָכנבלאַט"
ניו־יאָרק, 1953

# BUILDERS AND CREATORS OF MY GENERATION

By Isaac Liebman

Volume I

NEWDAW
Copyright 1953
by Farlag "Wochenblat"
New York, N. Y.

Printed by
Grenich Printing Corporation
New York 1, N. Y.
166

# אינהאַלט-פאַרצייכעניש פון ערשטן באַנד
# „בויער און שאַפער פון מיין דור"

זייט


ש. אַדלער ............................ 5
ש. באַנטשעק ............................ 11
מאיר בראון ............................ 18
יוסף ברעסלוי ............................ 27
חיים גוטמאַן (דער לעבעדיקער) ............................ 36
מאַקס גאַפט ............................ 44
ראובן גראַנאָווסקי ............................ 52
מרדכי דאַנציס ............................ 57
אַדאָלף העלד ............................ 63
נייטן וואַרשאַ ............................ 70
מאָריס ווינטשעווסקי ............................ 76
ב. וולאַדעק ............................ 80
הערבערט ב. זוסמאַן ............................ 86
בערנאַרד זעמעל ............................ 92
זאב זשאַבאָטינסקי ............................ 101
ש. טענענבוים ............................ 105
יהואָש ............................ 110
אברהם ליעסין ............................ 123
ישראל מאַץ ............................ 126
אברהם מילער ............................ 129
חנן י. מיניקעס ............................ 138

זייט

דוד סאָהן ........................................ 141
דר. מענדל מודאַרסקי ................................ 148
לואי סטאָלבערג .................................... 153
לואי סיגאַל ........................................ 159
נייטען עהרליך ..................................... 170
ראובן פינק ........................................ 175
אב. קאָהאַן ........................................ 184
דר. אברהם קאָראַלניק ................................ 193
שאול ראַסקין ....................................... 201
אברהם רייזען ...................................... 209
מאָריס שוואַרץ ..................................... 216

# ש. אַדלער

## א.

אין דעם לעבן פון אַ שטערבלעכן פּאַסירט, צי עס קען פּאַסירן, אַ געוויסער קענטיקער דעטאַל אין די פאַרמירונג־יאָרן פון זיין לעבן, — אַ דעטאַל וועלכער איז און בלייבט שיקזאַלהאַפטיק אין דעם גאַנצענעם לעבנס־גאַנג פון דעם באַטרעפנדיקן יחיד. און אויב דאָס איז אַזוי מיט יעדן שטערבלעכן — אַ פשיטא שוין מיט אַ אײנדיווידועל וועלכער געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון בויער־און־שאַפער.

ש. אַדלער ע"ה

אין די חדר־יאָרן פון דעם ערשט־פאַרשטאָרבענעם ש. אַדלער האָט פּאַסירט אַזאַ גורל־אומדרייערישער דעטאַל. אַנשטאָט גיין דעם אידישן גראַד־ליניקן וועג און אַריבערצוטרעטן דעם שוועל פון אַ ישיבה אין זיין געבורטסשטאָט קעשעניעוו, צי פון אַן אַנדער רוסישער שטאָט, האָט אים דער גורל אַריינגעמאַניעוועט אין זיינע קאַפּריזנע הענט און אים פאַרקירעוועט אין אַ פּאַך־שול, וואו ער האָט זיך דערלערנט די תורה פון סטאָלעריי. אָט־דער דעטור האָט דעמאָלט אָוועקגעלייגט דעם אומאָפּמערקבאַרן שטעמפּל אויף די אומעטומיקע וועגן און שליאַכן פון ש. אַדלערס גרויס־צוגיקן טראָט.

## ב.

וואָלט ש. אַדלער ניט געווען אַריינגעפאַלן אין אַ „רעמעסלענער אוטשילישטשע" אוז אַזוי אַרום אונטערגעפאַלן, אין די צאַרטסטע יאָרן זיינע, די פרעמדע השפעות סיי פון דער רוסישער שולע און, שפּעטער־צו, פון דער רוסישער „סלוזשבע", וואָלט ער מסתמא געבליבן אין דער אידישער סביבה, פון וועלכער ער וואָלט

געווען געצויגן געגנוג יניקה אויף צו באַפאַרבן מיט אידישן נוסח די פּנימער פון זיינע פּיל־צאַליקע העלדן און אויף צו באַיאַדערן מיט אידיש־העברעאיש־אַראַמייאישן אידיאָם דעם תוכן פון זיינע ווערק.

חוץ דעם, ניט האָבנדיק קיין „געזונטן פּאַך" אין זיינע מעכטיקע ידים, וואָלט אים די „ביטערע נויט" אונטערגעאיילט צו ווידמענען זיך מער־און־מער צו זיין קינסטלערישן באַרוף, און במילא, צו דער אויס־מייסטערשאַפט פון זיין פּען. אָט יענער דעטור איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס אויף זיינע אומעטומיקע וועגן האָט אים דער העבעל אַרויסגעשלאָגן די פעדער פון האַנט אַרויס. אין 1905, פאַרלאָזנדיק רוסלאַנד, זיינע עלטערן און זיין יונגע פרוי, חנה, מיט 2 קינדער, דערפירט אים דער גורל קיין מינכען, אַ סטאַנציע אונטערוועגנס פון פולע צוויי יאָר, וואו ער ציט חיונה פון זיינע מיאיקע הענט — פון זיין העבל. פון צייט־צו־צייט זינדיקט ער אויך אונטער מיט רייזע־איינדרוקן אין טשערנאָוויצער „וואָכנבלאַט", אָבער קיין צו־האַרבע „זינד" קען עס ניט זיין, ווייל די פרישסטע און שפּרודלדיקסטע ענער־גיעס פון זיין מעכטיקן קערפּער האָט ער ווידמענען געמוזט צום מוז־געקלאַפּ פון זיין געצייג.

דער העבל לאָזט אים אויך אויף אַ רגע ניט אָפּ ביי זיין קומען אין 1907 קיין ניו־יאָרק. אין די ערשטע 4—5 יאָר פון זיין ממשלה אין נייעם לאַנד נוצט ער דעם פּאַך — און דער פּאַך אים — אויס אין פולסטן ווערט. אין יענער צייט פילט ער שוין דעם זיסן טעם פון פאַרדינען אַ דאָלער אַ שעה, און ווערט שנעל דער יחוסדיקער איפּ־זעער איבער דעם דעמאָלט־באַרימטן אַפּאַרטמענט־הויז „וויאַמינג", די רעזידענץ פון מיליאָנערן און פון אַנשי־פיר־הונדערט. איז קיין וואונדער ניט, וואָס נאָך 4—5 יאָר פון אַזאַ אויפזעעריי זאָל אים בלייבן אַן אַפּותיקא אויף צו קענען גיין אין ביזנעס „פאַר זיך".

דאָס איז, אָבער, אַלץ ניט די בעסטע „לדפּט" אויף שרייבערישער השתלמות, כאָטש ש. אַדלער האָט אין יענע יאָרן היפּש געשריבן און איז געווען כמעט דער איינציקער יונגער פּראָפעסיאָנאַל מיט אַ פינף־דאָלערדיקן האָנאָראַר פאַר זיינע סקיצן אין „טאָגעבלאַט", א. אַנד. אַמעריקאַנישע צייטונגען און זשורנאַלן. און כאָטש זיין היים אויף מאָנטגאָמערי סטריט און שפּעטער אויף מעדיסאָן סטריט, איז געווען אַ כמו־סאַלאָן, לויטן רוח פון יענער צייט, און איז אויך געווען „די צווייטע היים" פון חיים גוטמאַן („דער לעבעדיקער"), א. זעלדין, מרדכי דאַנציס, בר־יוסי, וו. פּאַכאַצקי, א. אַ. יונגע ניט־פאַרהייראַטע שרייבער האָט עס, אין תוך, זיין לעבנס־וועג ניט אומגעדרייט. ער האָט, פריער־שפּעטער, געמוזט איבערלאָזן דעם גאַנצן הימליש־שרייבערישן האַק־און־פּאַק און באַטרעטן דעם ערדישן געשטעל פון העבל־און־האַק.

## ג.

אויב דער טעגלעכער 10—12 שעהדיקער אומגיי מיט סטאַליאַרישע מכשירים קען אוועקנעמען אַפילו ביי אַ קרעפקן מאַנס־פאַרשוין דעם האַפט־און־קראַפט פון די אברים, איז וואָס־זשע איז דאָ צו זאָגן וועגן איינעם וואָס איז אין קלעם פון אַ לאַנגזאַם־אַרויפאַרבעטנ־דיקער ביזנעס?

ווען ש. אַדלער האָט מיט די עטלעכע אָפגעשפּאַרטע הונדערטער איינגעהאַנדלט אַ סטאַרקע פון געניצטע מעבל, האָט אים די ביזנעס גענומען אין דער אַרבעט מיט ניט־ווייניקער פעסטקייט ווי דער העבל. און נאָר יאָרן פון ביטערן שמאַיען, מיט דער שטענדיקער און לאַנג־שעהדיקער צו־הילף פון זיין עזר כנגדו, פון זיין טרייער לעבנס־באַ־גלייטערין אַננאַ, און דערצו נאָך מיט דעם אונטערשפּיל פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — די דריי פאַקטאָרן האָבן אים ענדלעך דער־בראַכט צו דריי גרויסע מעבל־געשעפטן אין די בראָנקס מיט אַן איי־גענער גרויסער הויז דערצו, מיט אַ ריי קאָמפּאַרטן וואָס גייען מיט מיט דעם — נאָר אַלץ ניט קיין אידעאַלע ספּערע פאַר זיין פּאַרוואָר־לאַזטער פעדער.

נאָר ווי לאַנג האָט דער דאָזיקער כמו־גבירישער אויפריכט אָנ־געהאַלטן? גלייך נאָך דער מלחמה איז געקומען דער הוריקאַנישער קריזיס און האָט אַוועקגעבעזימט די אַלע ווינטיקע מנחם־מענדלס, און זיי איבערגעלאָזן יאָלדיש־נאַקעט. איינער פון די מיליאָניקע קרבנות איז געווען ש. אַדלער.

בלייבנדיק מיט די בלויזע ידים פון אַ קאַרפּענטער, מיט דעם דערוואָרבענעם זיסן קאָמפאָרט־טעם אין מזיל פון אַ ביזנעסמאַן, האָט ער געמאַכט אַ הערצאַישע קאָמבינאַציע פון ביידע און איז געוואָרן אַ טעקסי־דראַיווער, איבער וועלכער מלוכה ער האָט געקיניגט פולע עלף יאָר. פאַר דער אידישער ליטעראַטור איז געבליבן פון יענע יאָרן ניט קיין גרויס ביכל פון הומאָריסט־ישע דערציילונגען, א. נ. „אַ טעקסי־דראַיווער דערציילט".

## ד.

איך האָב ניט אונטער דער האַנט די צענדליקער, אויב ניט הונדערטער, דערציילונגען און סקיצן און לידער אין די פאַרשיי־דענע איראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע ציי‌טונגען און זשורנאַלן — חוץ די רוסישע דערציילונגען זיינע אין „ניוואַ" און „ראַדינאַ" — וועל־כע ווערן פון בעל־הלעקסיקאָן, פון זלמן רייזענען, כאַראַקטעריזירט אַלס „קינסטלעריש אומבאַדייטנדע". איך וויל האָפן, אַז אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען דער ערשטער באַנד פון זלמן רייזענס

„לעקסיקאָן פון דער אידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע" איז דערשינען און װילנע איז די היגע ליטעראַרישע קליקע נאָך ניט געװען אַזוי גרונטיק פאַרפעסטיקט און פאַרפעסטיקט, און איר אָרם האָט נאָך ביז װילנע ניט געקענט דערגרייכן. די צװיי װערטער „קינסט־לעריש אומבאַדייטענדע" האָבן געמוזט דעריבער געהערן צו דער ערלעכער מענטאַליטעט פון דעם פאַרדינסטפולן ביבליאָגראַף און פאָרשער. װען־עס־איז װעט, האָפנטלעך, קומען אַ יונגער אידישער פאָרשער, װעט זיך װידמענען צו אַ שטודיום פון ש. אַדלערס שריפטן אין די דריי דעקאַדעס, פון 1905 ביז 1935, און װעט אַרויסברענגען זיין אָפּשאַץ פון יענע יאָרן. אויף מיין גורל איז, אָבער, אויסגעפאַלן, אין משך פון די לעצטע 13—14 יאָר, דער גוטער מזל צו האָבן די נאָענטס־טע מיטאַרבעטערשאַפט פון ש. אַדלער — אַ שרייבער מיט געװאַלדיקע ניט־אויסגעלעבטע פּאָטענצן, אַ שריפטשטעלער פון גאָר אַ גרויסן פאַרנעם.

## ה.

אויב זלמן רייזענס פּאָר װערטער האָבן ש. אַדלערן ניט געקענט צו־פיל דערמוטיקן, האָט אים זיין באַרימטער ברודער, אברהם רייזען, אויף איינע פון זיינע סטאַנציעס, אין קראָקאָו, אין 1905, „פריינט־לעך דערמוטיקט" װי ש. אַדלער אַליין דערציילט דאָס אין דעם רייזען־נומער „ניו־יאָרקער װאָכנבלאַט", פון 22טן מאַי, 1936.

## ו.

אויב זלמן רייזען האָט ש. אַדלערן מיט זיינע צװיי װער־טער — ליטעראַריש גערעדט — צוגענומען דאָס לעבן, און אויב אברהם רייזען האָט אים צוגעזאָגט דאָס לעבן, האָט אים אַ דריטער שרייבער, מרדכי דאַנציס, נאָך ביי אַדלערס בליאיקע יאָרן, שוין צוגענומען — אין ליטעראַרישן זין — דאָס לעבן. און גראָד האָט אָט־דער אומשול־דיקער דאַנציס־אַרטיקל געשפּילט אַ ראָלע אין אַדלערס ליטעראַרישן תחית המתים.

דאָס איז געװען אין די יאָרן װען אַדלער האָט זיך שוין ניט פאַר־נומען מיט סטאָלעריי, װען זיין ביזנעס האָט אים ליקװידירט אַלס סוחר און װען זיין טעקסי האָט אים שוין אויך פאַרראַטן. האָט ער, מיט אַמאָל, צייט געגוג געקראָגן און אויך געמיט זיך נעמען דערנענטערן צו זיין נשמה־באַרוף, צו זיין פען. אין יענער צייט, אין יאָר 1935, האָט מ. דאַנציס געדרוקט אין „װאָכנבלאַט" אַ סעריע אַרטיקלען װעגן פאַרגעסענע און געשטאָרבענע אידישע שרייבער אין אַמעריקע. איי־נער פון יענער סעריע איז געװען װעגן ש. אַדלערן. מאַכט זיך, אַז

אַדלער מעסט דעמאָלט די ניו־יאָרקער גאַסן, שטעלט זיך אָפּ ביי איי־נעם פון די ניו־יאָרקער צייטונגס־סטענדס אויף דילענסי סטריט, און באַמערקט אַ נייעם זשורנאַל: „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״. באַצאָלט ער צען סענט פאַרן נייעם זשורנאַל און שפּאַצירט אַוועק. דער הומאָריסט אין אַדלערן מאַכט פון דעם אינצידענט אַ גאַנצן „נומער״: 1) אַז ער האָט באַמערקט אַ פאַרעלטערטע דאַטע אויפן זשורנאַל איז ער צוריק־געלאָפן צום סטענד, אָפּצונעמען די 10 סענט, אָדער קריגן אַ פרישערן נומער; 2) בעת דער „סטענדקיפּער״ האָט געהאַלטן אין זוכן אַ פרישן נומער „וואָכנבלאַט״ האָט אַדלער שוין צייט געהאַט אַריינבליקן אין זשורנאַל און דערזען דאָרט דאַנציסעס אַרטיקל וועגן זיך; 3) ווען דער צייטונג־מאַן האָט אים געשטופּט אין האַנט אַריין, מיט כּעס, דעם דאָים, האָט אַדלער מוט געהאַט צו בעטן נאָך אַן עקזעמפּליאַר פון אָט־דעם פאַרעלטערטן נומער... קורץ און גוט — ווען אַדלער האָט איבערגע־לייענט דאַנציסעס אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט פאַררעכנט אים צווישן די ליטעראַרישע מתים, האָט זיך אין אים צעקאָכט די ניט־אויסגע־לעבטע שרייבערישע ענערגיע, און האָט „פּרובירט מזל״ מיטן „וואָכנ־בלאַט״. ער האָט אַריינגעשיקט אַ בריוול צום שרייבער פון די שורות און אויך אַ דערציילונג. ביידע זאַכן זיינען געווען „אין אָרדענונג״, און ביידע זאַכן זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „וואָכנבלאַט״. גאָר אין קורצן איז ש. אַדלער צוגעצויגן געוואָרן צו נאָענטער מיטאַר־בעטערשאַפט פון „וואָכנבלאַט״. מיט עכטער שרייבערישער התלהבות האָט ער זיין פעדער דאָ געווידמעט. ער האָט אַי געוואוסט אַי גע־פילט אַז ער שרייבט דאָ פאַר דעם זעמל־מעל ־לייענער, אַזוי אַז אויף ניט אַלע זאַכן זיינע האָט ער געוואָלט שטעלן זיין אמתן נאָמען — ש. אַדלער. אויף יענע „זאַכעלעך״, וואו ער האָט געמיינט, אַז ער האָט ניט דערגרייכט די געוואונטשענע פּערפעקציע, האָט ער גענוצט איינעם פון זיינע שלל פּסעוודאָנימען, ווי אַשמדאַי, יחזקאל באַראָן, הערי פישער, שאַ־שאַ, א. אַ.

די מערסטע דערציילונגען, וועלכע זיינען געדרוקט געווען אין „וואָכנבלאַט״ אונטער זיין אייגענעם נאָמען געהערן צו די בעסטע אין דער אידישער ליטעראַטור. זיין „שושנה״, אין 35טן נומער „וואָכנ־בלאַט״, איז אַן אָנגענעמע ראָזע, אַ דופטיקע, אין יעדער ליטעראַטור, און מעג קאַנדידירן אויף יעדער אַנטאָלאָגיע. ער איז געווען אַן עכטער אַמעריקאַנישער שרייבער, ניט נאָר אַ שרייבער אין אַמעריקע, ווי דאָס זיינען די מערסטע היגע אידישע שרייבער. זיין „מיין באַקאַנטער״, „נאָך פופצן יאָר״, „דער האַניק־חודש״, „צוריקצואוועגס״, „די מאַמע רחל״, „איינמאָל אין אַ ווינטערנאַכט״, „פינף נייע פּעניס״, און פיל אַנדערע וועלכע איך קען ניט געדענקען פון אויסנווייניג זיינען ניט נאָר גוט־

געבויטע דערציילונגען, נאָר זיי צייכענען זיך אויס מיט דער טיפֿי־שער אַדלערישער אייגנאַרטיקייט. וואָס כאַראַקטעריזירט דאָס אַדלע־רישע אין דער אידישער בעלעטריסטיק? — צוויי שטאַרקע און שאַרפֿע אייגנשאַפֿטן זיינע: 1) די אַנדערשדיקע טעמאַטיק מיט וועלכער ער „נעמט איך״ גלייך מיטן ערשטן זאַץ, און האַלט איך געשפּאַנט ביזן סוף פֿון דער סקיצע און 2) דער עכטער ליריזם, וועלכער הויכט איבער דער גאַנצער דערציילונג און וועלכער ווינט אויף אין איך, מערסטנס,ביים סאַמע שלוס פֿון דעם נאַראַטיוו.

צוליב אָט־די צוויי גרונט־מעלות זיינע קענט איר אַדלערס אַ דערציילונג לייענען, איבערלייענען און ווידער לייענען. איך האָב עס אויף זיך אויסגעפּרובירט — איינע פֿון די סימנים מובהקים פֿון עכטן שאַפֿן.

ווען ש. אַדלער וווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַשמדאַי, האָט ער אויך דאָרטן זיין צוטראָג. זיין אָרט אין דער הומאָריסטישער ליטעראַטור איז, בפֿירוש, אַ בכבודיקער. ער האָט אין „קונדס״, אין „וואָכנבלאַט״ און אין אַנדערע צייטשריפֿטן געדרוקט פֿיינע הומאָרעסקעס. דאָרטן וואו דער מאַטעריאַל לאָזט זיך ביי אים ניט פֿורעמען אין דעם רעאַ־ליסטיש־לירישן אויסשמעלץ קומט אים, תמיד און געטריי, צו־הילף, „אַשמדאַי״, אָדער ווער פֿון זיינע אַנדערע פּסעוודאָנימישע בנים...

כאָטש ש. אַדלער האָט דער־גרייכט אַ לפֿי־ערכדיקן הויכן עלטער, איבער 70 יאָר, איז ער, אָבער, ניט געווען אויסגעלעבט אַלס אַ שריי־בער. ער האָט געפּלאַנט אַ ריי ראָמאַנען. איינעם האָט ער פֿאַרענדיקט, און ער האָט זיך געדרוקט אין „פֿאָרווערטס״ און איז, אין אויסגע־בעסערטער און סטיליזירטער פֿאָרם, אויך געדרוקט געווען אין „וואָכנ־בלאַט״: „דער מאַן וואָס האָט פֿאַרגעסן״. ער פֿלעגט מיט מיר אָפֿט ריידן וועגן זיינע פֿילע ליטעראַרישע פּראָיעקטן.

ווער וואָלט עס געהאַט אַ פֿאַרדאַכט אויף דעם דעמביקן מענטש, וועלכער האָט אויסגעזען צו קענען דערציען די פֿולע הונדערט יאָר, זאָל לויערן אַזאַ אַכזר׳דיקער שונא? ערשט עטלעכע טעג פֿאַר זיין טויט, בעת מיין באַזוך אין זיין שפּיטאָל — וואו ער האָט די לעצטע 6 יאָר באַדינט, אַלס אַנגעשטעלטער, טויזנטער חולאים, — האָט ער מיך פֿאַרטרויט, — מיט טרערן אין זיינע קינדיש־גוטע אויגן — אין זיין פֿרויס אַנווועזנהייט, אַלס טרייסט איבער זיין ליטעראַרישער ירושה, און מיט די אויסגעציילטע ווערטער „אונזער אָרימער אידיש, נעבעך״ איז ער אין מידקייט איינגעשלאָפֿן.

און — ווי זיין פֿעדער, זיין לעבן, זיין גוטסקייט — איז אויך זיין לוויה געווען אַזאַ שטילע, אַזאַ שרייעוודיק־שטילע...

# ש. באָנטשעק

## א

פאַר דעם „העלד" פון היי־יאָריקן „לייבאָר־דעי"־נומער „וואָכנבלאַט" האָב איך, נאָך אַ היפּשן איבערלייג, גענומען דעם אי־דיש־פּאַרוואָרצלטן און אַמעריקאַניש־דערצויגענעם „סעלף־מעיד־מען" — איינעם, וועמעס נאָמען איז כמעט געוואָרן סינאָנים צו קוואַלי־קער אידישער פאָלקסטימלעכקייט — ש. באָנטשעק.

## ב

דאָס וואָרט „פאָלקסטימלעכקייט" וואָס איך האָב דאָ נאָר־וואָס גענוצט, איז אפשר דער פּאָפּולערסטער פון די כאַראַקטעריסטיק־ווערטער וואָס זיינען היי־יאָר גע־נוצט געוואָרן פון די מערסטע רעדנער ביי די פיל־צאָליקע פייערונגען לכבוד ש. באָנטשעקס 60־יאָריקן געבורטס־טאָג. און גענוצט געוואָרן איז דאָס וואָרט, ווי עס שיינט מיר, צו ווייזן אַז באָנטשעק, דער יובילאַר, איז ניט קיין אוניווערסיטעט־גענע־דיקטער, ניט קיין קאָבינעט־מענטש, ניט קיין מאַן פון טעאָ־ריעס, גייט ניט אויף קיין קול־טוריסטישע שטאָלצן, נאָר איז איינער פון פאָלק, „עמך". און דאָס דערמאָנט מיך אָן אוירווינג בערלינס אַ פּאָפּולער ליד, ווי ער איז געפאָרן אויפן ים, און ער האָט איינגעזען „אַז דער „אַטלאַנטיק" איז ניט אַזוי „ראָ־מאַנטיק".

ש. באָנטשעק

באָנטשעקס פּשטות איז אויך ניט אַזוי איינפאַך. ווער ווערט עס מיט אַ גרינג האַרץ באַשטרייטן צי דאָס דורכגיין דעם גאָרקי־טיפּ „אוניווערסיטעטן" איז „אויב נישט נאָך העכער" פון די אָפּי־

ציעלע אַקאַדעמיעס און קאַלעדזשעס ? נאָר דאָס איז נאָך נישט אַלץ. באַנטשעקן האָט דער גורל אַריינגעפירט אין פיאָנערן־לאַנד ביים סאַמע אָנהויב פון גרויסע רעוואָלוציאָנערע התחלות אין אידישן לעבן. און זיין אינטואיציע האָט אים אונטערגעזאָגט אַז זיין באַרופענער אָרט איז אין דער דעמאָלטיקער קליינער מחנה פון מוטיקע אידישע רעוואָלוציאָנערן און פּאַראויסגייער. ד. ה. ביי די פּועלי־ציון. אין משך פון פולע זיבן און פערציק יאָר האָט ער טאָג אין טאָג, אָן שום איבעררייס, ניט אויפגעהערט, ניט מיד געוואָרן צו אַרבעטן אין די לאַבאַראַטאָריעס פון דעם לעבן גופא, און האָט, אַזוי אַרום, וואו נאָר אַ טעאָריע, וואו נאָר אַ סאָציאַלן, צי נאַציאָנאַלן פּראָיעקט, אויסגע־פּרובירט מיט די אייגענע מוסקולן אויף זיינע אייגענע געבויגענע אָבער ניט־אונטערגעבנדיקע שולטערן. וויפיל פון אונזערע רעקלאַ־מירטע און דיפּלאָמירטע פירער קענען זיך באַרימען מיט אַזאַ מין „גראַ־דזאירונג" ?

ג

אין די 32 יאָר וואָס איך בין דאָ אין לאַנד איז מיר אָפט אויסגעקומען אָנצוטרעפן באַנטשעקן ביי אַלערליי געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, און ביי פאַרשיידענע דעליקאַטע פּאָליטישע סיטואַציעס. אַ דאַנק זיינע צוויי הויפּט־מעלות, מיט וועלכע ער האָט זיך, מסתמא, אויסגעצייכנט אין די לאָמזשער חדרים — תפיסה און זכרון — האָט ער ניט אין באַוועגונג־קאָנפערענץ געראַטעוועט ביים ראַנד פון ערנסטע שטרויכלונגען. ווייל פּונקט ווי ער איז אין לעבן און אין טעטיקייט די פּערזאָניפיקאַציע פון שפּרודלדיקער ענערגיע, אַזוי איז ער דער סאַמע רואיקסטער אין מאָמענטן פון צעברויזטע פּאָליטישע געמיטער ביי פּאַרטיי־צוזאַמענקונפטן. ווען אַ קאָנפערענץ דערגייט אָפט צו אַ טעמפּן ווינקל הויבט באַנטשעק אָן שפּילן אויף זיינע צוויי הויפּט־כלי־זמר: תפיסה און זכרון. די תפיסה דערלאַנגט אים, בליץ־אַרטיק, די נייע, די ווירקנדיקע אָריענטאַציע; מיטן זכרון נעמט ער אין שפּיל די שוואַך־פּונקטן פון די שטרייטנדיקע צדדים. און ווען אָט־די גע־ווער זיינען ניט עפעקטיוו גענוג, שפּילט ער אויף אויף דער לירע פון סאַטירע. ער נעמט דעם הומאָר צו־הילף. ער דערלאַנגט זיי אויף אַ טאָץ די לעכערלעכקייט זייערע, און אַלץ ענדיקט זיך בשלום.

ד

ביים סוף פון 1918, צי אין אָנהויב 1919, האָב איך, אַ 17־יאָריקער בחור, אַרויפגעמאַרשירט צום אָפיס פון די פּועלי־ציון, אין 153 איסט בראָדוויי, אויפן דריטן שטאָק, און האָב זיך פאָרגעשטעלט פאַרן סעקרעטאַר, ה. עהרענרייך, און אים געזאָגט, אַז איך האָב בדעה

צו גרינדן אַ נייעם ברענטש פון יוגנטלעכע פועלי־ציון, פאַר חברים פון מיין עלטער. עהרענרייך איז, הפנים, געווען דעמאָלט פון עפּעס אויפ־גערעגט, ווייל איך האָב באַמערקט אַז אויף זיין „דעסק״ ליגט אַ היפש בערגל פון ניט־געעפנטע בריוו.

— חבר ליבמאַן, — האָט דער סעקרעטאַר צו מיר גערעדט אין ווייכן טאָן — איך וואָלט אייך ניט צוגערעדט צו גרינדן איצט אַ נייעם ברענטש. אונזערע אַלטע ברענטשעס צעפאַלן זיך. שליסט זיך בעסער אָן אין איינעם פון די אַלטע ברענטשעס, און ברענגט דאָרט אויפ־לעבונג.

אָן אַנדערער אין מיין עלטער וואָלט פון אַזאַ באַזוך אַוועק אַן אַנטוישטער און אַ פאַרלאָרענער פאַר דער „באַוועגונג״. ניט איך. אין לויף פון געציילטע טעג האָב איך אָרגאַניזירט אַ נייעם ברענטש. ברענטש זיבן. זייער אַ לעבעדיקער ברענטש געווען. האָט זיך אויס־געצייכנט איבערהויפּט אין געלט־זאַמלונגען. אין יענער צייט האָט דער „פּאַלעסטינער אַרבעטער פאָנד״ פאַרנומען אין דער פועלי־ציון־פּאַרטיי דעם זעלבן אָרט וואָס היינט פאַרנעמט דער „געווערקשאַפטן קאַמפּיין״. אַזוי ווי דער דינאַמישער סעקרעטאַר פון אַט־דעם „פּאַ־לעסטינע אַרבעטער פאָנד״ איז דעמאָלט געווען ש. באַנטשעק, איז מיר גאָר שנעל אויסגעקומען זיך צו באַקענען מיט אים, און באַקענען מיט אים האָט געהייסן: אַ ר ב ע ט ן. און געאַרבעט האָט מען דע־מאָלט גאָר געשמאַק, ווייל עס איז ניט אַוועק קיין האַלב יאָר, און איך בין שוין געווען סעקרעטאַר — שלא על מנת לקבל פרס — פון שטאָט־קאָמיטעט פועלי־ציון אין ניו־יאָרק. עס איז אַוועק נאָך אַ האַלב יאָר, און די „באַוועגונג״ פּראָקלאַמירט דעם „געצייג קאַמפּיין״, אונטער באַנטשעקס ממשלה. איך געדענק זיך גאַנץ קלאָר, ווי איך בין היפּשע עטלעכע וואָכן אומגעפאָרן מיט אַ היימישן באַלעגאָלע קריגן געצייג פאַר ארץ ישראל. און מען האָט געקראָגן. די שיף מיט געצייג, אין ווערט פון איבער הונדערט טויזנט דאָלאַר, וואָס מיר האָבן אין 1920 איבערגעשיקט קיין ארץ ישראל, איז פון אונזערע חברים אויפגענומען געוואָרן בתופים ובמחולות.

און דאָס זיינען געווען מיינע ערשטע באַקאַנטשאַפטן מיט באַנ־טשעקן — דעם נאָך־ניט־גראַדואירטן.

## ה

באַנטשעק וועלכער איז צו צוועלף־דרייצן יאָר אַריין אין דער „באַוועגונג״ איז אַ געבאָרענער פירער. ווי דער אַמעריקאַנער וואָלט געזאָגט: „עי נעטשוראַל״. זיין כוח איז: ס ט ר א ט ע ג י ע. זיינע לעבעדיקע אויגן ביי אַ קאָנפערענץ גיט דעם געניטן באַאָבאַכטער

דעם איינדרוק אַז באַנטשעק האָט זיך גוט צוגעגרייט צו דער אַסיפה. אַז ער קומט שטענדיק צוגעגרייט. און צוגעגרייט ביי אים הייסט זיך באַראַטן מיט וועמען. מיט נאָך איינעם. און אַזוי זע איך אָפט באַנטשעקן אין באַראַטונג. אין זוגות. באַנטשעק און עהרענרייך. באַנטשעק און וועלוול (שוואַרץ) ע״ה. באַנטשעק און בראַון. באַנטשעק און גינגאָלד. און איצט: באַנטשעק און סיגאַל. נאָר די גלאַנץ־פּעריאָדע פון אָט־די זוגות איז געווען ווען וועלוול שוואַרץ האָט געלעבט. זיי זיינען געווען די „שטאַרקע״ אין דער פּאַרטיי, די רעאַל־פּאָליטיקער און — די פירער. באַנטשעק — מיט זיין חכמה, און וועלוול — מיט דעם שטענדיק־גרייטן און רוסישן „מי שברך״ (ווי אַזוי די פּאַרטיי האָט געקענט פאַרגעסן וועלוולען מיט אַזאַ טאָטאַלער פאַרגעסונג — איז אַן ענין פאַר אַ ספּעציעלער שטודיע). באַנטשעק איז אַן אַלזייטיקער אין זיין באַגאַבונג. נאָר זיין גרעסטע „גאַבע״, זיין ווי־געבאָרענע פיאיקייט איז פּאַרטיי־פירערשאַפט — דורך סטראַטעגיע.

ו

ניט לייכט איז אָפט דער גאַנג פון דעם יחיד אין דער פּאַרטיי. און ניט איין אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט האָט ניט געקענט אויסהאַלטן די טעאָרעטישע צי פּראַקטישע אומבאַקוועמלעכקייט פון דער פּאַרטיי. און האָט איר, אַזוי אַרום, פאַרלאָזן. דר. זשיטלאָווסקי, האָט, אויף די עלטערע יאָרן, פאַרלאָזן די פּועלי־ציון און גענומען פלירטעווען מיט דער יעווסעקציע; חיים קאַנטאַראָוויטש איז אַוועק צו די אַלגעמיינע סאָציאַליסטן; קענדזשערסקי איז, צווישן טאָג און נאַכט, סתם פאַרשוואונדן. אַ היפּשן העפט קען מען פאַרשרייבן מיט נעמען פון „געוועזענע״. ניט ווייניק כוח און אויסדויער פאָדערט זיך צו בלייבן אויסגעהאַלטן. באַנטשעק האָט אָט־די כוחות, די געבענטשטע, געהאַט אין אַ פולער מאָס. און דאָס זאָל גאָר ניט גרינג גענומען ווערן.

ז

דאָס עקשנותדיקע אָנהאַלטן זיך אין פּאַרטיי־פּאָזיציעס באַקומט נאָר דאַן זיין פולן באַדייט ווען עס איז ניט־נאָר אַ ריין־אָרגאַניזאַציאָנעלער אויסדרוק, נאָר עס איז אויך באַגלייט מיט פּרינציפּןטרייקייט. באַנטשעק איז אויך אין דעם זין פון די זעלטענע אויסנאַמען. די מערסטע פּועלי־ציון־טוער אָון, אַפילו, פירער האָבן, אין לויף פון די יאָרן, פון זיך, גראַדנוויז, אַראָפּגעוואָרפן איין פּועלי־ציוניסטישע מצווה נאָך דער אַנדערער. פון דעם גאַנצענעם פּועלי־ציוניסטישן באַראָכאָוויסטיש־סירקיניסטישן שולחן ערוך איז זיי כמעט געבליבן די איין־איינציקע מצווה פון ציוניסטיש־פּראָלעטאַרישע געלט־זאַמלונגען

פאַר ארץ־ישראל. אין דער שול־באַוועגונג, אין וועלכער די פועלי־ציון זיינען געווען אי די וויזיאָנערן, אי די פּיאָנערן, נעמען זיי איצט נאָר אַ ריין־פאָרמאַליסטישן אָנטייל. ווען מען זאָל מאַכן אַן אויספאָרשונג, וואָלט זיך באַשטעטיקט מיין השערה, אַז די מערסטע פּוע״צ שיקן אַפילו ניט זייערע קינדער, צי זייערע אייניקלעך, אין זייערע אייגענע פאָלקס־שולן.

די אידישע שפּראַך, וועלכע האָט ביי די פּוע״צ געפונען סיי ד י ה י י ם און סיי דעם געהעריקן נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקן תיקון, האָט שוין, די לעצטע יאָרן, גענומען פאַרביטן ווערן, מיט פסיעות גסות, דורך דעם אָפּאָרטוניזם פון דער לאַנד־שפּראַך.

באַנטשעק, אָבער, גייט נאָך אַלץ אין דעם פּועלי־ציוניסטישן דרך פון די ראשונים אין דער באַוועגונג; איז מקפּיד אויף יעדן איינעם פון די פּאַרטייאישע מצוות און זיין אָפענער מוח און זיינע לעבעדיקע אויגן וואַכן מיט טרייקייט אויף אַלץ וואָס די גרונט־לייגער און באַדן־צעאַקערער פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער קאָלאָניע אין אַמע־ריקע האָבן, מיט אַזוי פיל מי און מסירת־נפש, אויסגעקאָרבט זייערע פּיאָנערישע צייכנס.

ח.

אויף וויפיל די פּאַרטיי האָט גענומען מאַניפעסטירן אירע ליקווידאַציע־טענדענצן, אויף אַזויפיל איז געווען נאַטירלעך און לאָגיש פאַר די מילגרוימיקע פועלי־ציון צו נעמען וואַרעמען פאַר זיך אַ נעסט אין אַ היימיש־שכניש הויז. און אַזאַ צווייטע היים איז פאַר די „אָלד־טיימערס״ געוואָרן דער „נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד״. דאָ האָט דער פרומער פּועלי ציון געקראָגן זיינע צווייטע בירגער־פּאַפּירן. דאָ האָט ער געקענט אויפשפּילן די מערסטע מצוות מעשיות. און דאָ האָט זיך באַנטשעק ערשט געקענט צעוואַרעמען און אַרויסשיינען אין פולן בלענד פון זיין אַלזייטיקער באַגאַבונג. די אויסגעברייטערטע באַזע פון פאַרבאַנד איז פאַר אים געוואָרן די אידעאַלע טריבונע, פון וועלכער ער האָט, פּאַראַלעל מיט דעם אימפּעט פון די אַל־געביטיקע טעטיקייטן, זיך אַנטוויקלט אַלס אַן אייגנאַרטיקער רעדנער און אונ־טערהאַלטער גם יחד. זיין זכרון האָט אים טרעפלעך געדינט, צו קענען ביי די פאַרשיידנאַרטיקע ברענטשעס מיטשפּילן אויף זייערע לאָקאַלע פּאַטריאָטיזמען בכלל און, איבערהויפּט, אונטערצוטראָגן דעם געהעריקן גוט־ברודערישן וואָרט צו די אַמביציעזע און לויב־דורשטיקע יחידים. און עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס באַנטשעק איז איצט פון די באַליבטסטע, — אויב ניט דער באַליבטסטער — גדולים אין פאַרבאַנד.

## ט

דער לאַמזשער בחורל, וועלכער האָט ביז 12־13 יאָר אַזוי גרינטלעך באַנומען, אין זיין היים־שטאָט, דעם טעם פון „לחם צר", האָט לייכט געקענט, ווי די מערסטע לאַנדסלייט זיינע דאָ אין לאַנד, פאַרכאַפּט ווערן פון דעם גלאַנץ און פון כישוף פון דעם אַלמעכטיקן דאָלער, און דערוועבן, לויט זיינע פעאיקייטן, מעכטיקע מאַטעריעלע גיטער. האָט ער גובר געווען דעם עגל הזהב, און איז געבליבן: מענטש. זיינע לאַמזשער ביטערע טעג און זיינע ערשטע שווערע טריט אין נייעם לאַנד שפּיגלען זיך תמיד פאַר אים, און האַלטן זיין האַרץ פּיל־באַר פאַר די ליידן פון דעם יחיד, און, איבערהויפּט, פאַר די ראַנגלע־נישן פון דעם עמפּינדלעכן, דעם קינסטלערישן מענטש. טרעפלעך כאַראַקטעריזירט בנימין טעלער, סעקרעטאַר פון ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט, א.נ.א.פּ., באַנטשעקס שטענדיקע גרייטקייט צו דינען דעם יחיד, וואו און פון וואַנען דער „עס־אָ־עס" זאָל ניט קומען.

„אונזער חבר באַנטשעק, איז דער איד מיט דער רויטער פאַ־טשיילע אין אַ מאָדערנער אויפלאַגע.

„עס איז אָפטמאָל צו באַוואונדערן, וואו ער נעמט אַזוי פיל צייט, ענערגיע און געדולד אויסצוהערן יענעמס צרות. מען גייט צו אים מיט אַ פול האַרץ און ער קומט ניט אָפּ בלויז מיט אַ טרייסט, נאָר גלייך אויפן אָרט זעט ער טאָן עפּעס ממשות׳דיקס. באַנטשעק באַ־גרענעצט ניט זיין אינטערעס בלויז אויף נאָענטע חברים און פריינט, ער אינטערעסירט זיך מיט מענטשן וואָס ער האָט קיינמאָל פריער ניט געקענט. עס איז גענוג אַז דער מענטש זאָל זיך צו אים ווענדן אָדער אַ באַקאַנטער זאָל אים וועגן דעם טעלעפאָנירן, און באַנטשעק איז גרייט עפּעס צו טאָן.

„באַנטשעק איז אַן אינסטיטוציע און אַן אַפּאַראַט. דאָס קליינע ביכעלע מיט נעמען און אַדרעסן און טעלעפאָנען, וואָס ער טראָגט אין בוזעם־קעשענע איז געוואָרן אַ שם־דבר. אין דעם ביכעלע געפינען זיך נעמען פון מענטשן (אָדער ווי לצים זאָגן: „סאָקערס"), צו וועלכע באַנטשעק ווענדט זיך נאָך בייזשטערונגען סיי פאַר יחידים און סיי פאַר אינסטיטוציעס. מען ווענדט זיך צו אים אַז מען דאַרף אַ קראַנקן מענטשן באַזאָרגן מיט מעדיצינישער הילף, אָדער עמעצן גיבן פינאַנ־ציעלע שטיצע; נעמט באַנטשעק אַרויס זיין ביכעלע, זעצט זיך צו צום טעלעפאָן און נעמט קערן וועלטן. דאָס דאָזיקע ביכעלע זיינס איז אויך אַ „קאַמפּעין אינדעקס". דאַרף אַן אינסטיטוציע אין אונזער באַוועגונג דורכפירן אַ באַנקעט, אַ טעאַטער בענעפיט, דאַרף אַ אידי־שער דיכטער אָדער שרייבער אַרויסגעבן אַ בוך, נעמט באַנטשעק

אַרויס דאָס ביכעלע פון בוזעם קעשענע און זיין טעלעפאָן הייבט גלייך אָן אַרבעטן און נעמט באַווייזן נסים ונפלאות.

„אין זיין אָפּמאַך מיט זיינע בעלי בתים, האָט ער אויסגענומען, אַז אויסער זיין געהאַלט, מוז ער אויך האָבן אַ דעסק און אַ טעלעפאָן, וואָס ער נוצט כמעט אויסשליסלעך פאַר זיין קהלשער אַרבעט. צוריק מיט עטלעכע יאָר איז זיך צעגאַנגען דער שידוך צווישן אים און אַ בעל הבית, ווייל יענער האָט ניט מקיים געווען דעם צוזאָג אים צו געבן אַ דעסק און אַ טעלעפאָן. ער איז איבערגעגאַנגען צו אַן אַנדער פירמע, דער עיקר, ווייל זי האָט צוגעזאָגט צו שטעלן אין זיין רשות אַ טעלעפאָן.

„באָנטשעק איז אויך אַן „עמפּלאָימענט איידזשענסי”. דאַרף עמעצער אַרבעט פאַר זיך אָדער פאַר אַ קרוב אָדער פריינט, ווענדט מען זיך ווידער צו באָנטשעקן, וועלכער נעמט זיך ווידעראַמאָל צום אַדרעס־ביכעלע און טעלעפאָן.”

יאָ, באָנטשעק איז פון די גאָר געציילטע פירער, וואו אין גייעג און אין געשמאַי פאַר דער מענטשהייט, פאַרפעלט ער ניט צוצונויגן זיין אויער צו דעם קרעכץ און זיפץ פון דעם איינצלנעם.

י.

אין די זיבן און פערציק יאָר פון זיין זעלנערישן פאָסטן אין וואַך פון אידישע אינטערעסן האָט באָנטשעק, קען מען זיך משער זיין, ניט ווייניק צער אָנגעזאַמלט, און ניט איין ערגערניש האָט זיין האַרץ געגאָגט. ער האָט, אָבער, צוזאַמען מיט אונז אַלעמען, זוכה געווען צו מדינת ישראל, און צו אַ מדינה, אונטער אַ לייבאָרישן רעזשים.

ווייל אויב ניט איינער אין דער אַמעריקאַנער באַוועגונג איז שוין גרייט געווען צו מוותר זיין אויף דעם סאָציאַליסטישן טייל פון פועלי־ציוניזם, איז, אָבער, באָנטשעק פאַרבליבן געאַנקערט אויך אין אָ ט ־ ד ע ם יסוד פון דער פועלי־ציוניסטישער פילאָזאָפיע.

די דערוואַרבונג פון מדינת ישראל אונטער דער מאַפּאַ”אישער ממשלה איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, די העכסטע טריאומפאַלע קרוי־נונג אין דעם לעבן פון אַזאַ מין יחיד־קעמפער.

און — אויפן סמך פון זיין ביז־איצטיקן דרך אין אונזער לעבן, איז ניט שווער פאָראויסצוזען די קאָנטורן פון דעם ווייטערדיקן גאַנג זיינעם, אין בוי־און־שמיד פון אידישע און מענטשלעכע אינטערעסן.

# מאיר בראַון

## א

געוויינלעך, לערנט אונז די געשיכטע, אַז וויזיאָנערן איז
זעלטן־ווען באַשערט צו דערקלעטערן צום שפּיץ פון זייער צויבער־
באַרג, אָדער צו שטעלן,
אַפילו, אַ טראָט, אַן ערשטן,
ביים בראשית פון פאַר־
ווירקלעכטן חלום. אָבער
דאָ, אין אָנגעגעניש מיט
אונזער איצטיקן העלד,
שטייען מיר פּנים אל פּנים
מיט אַ גליקלעכן וויזיאָ־
נער, וועלכער האָט ניט
נאָר זוכה געווען אַריבער־
צושפּרייזן דעם גרענעץ
פון זיין טרוים־לאַנד, נאָר
וועלכער האָט אויך, אין
לויף פון מער ווי פיר דע־
קאַדעס, אָנגעפירט מיט
דער כסדרדיקער באַפעס־
טיקונג פון זיינע מלוכה־
שע גרענעצן, געווען אַ
מיטבאַטייליקטער אין דעם
אויפשטעל פון די אומע־
טומיקע און פאַרשיידנאַרטיקע בנינים פון זיין רייך און האָט נאָך האַרץ
און מוח צו אַרויסשטראַלן ווי דער „קאָפּ" פון אָט־דער אימפּעריע
עד היום הזה.



מאיר בראַון

דער נאָמען פון אָט דעם אויסנאַמלעכן טרוימער איז מאיר בראַון,
אָדער ווי מען רופט אין דער פאָלקסטימלעכער און עכט־דעמאָקראַ־
טישער סביבה פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אָט־דעם
עפּאָלעטנלאָזן גענעראַל מיטן פּראָסט־ און פּשוטן „עמך"־טיטל: חבר
בראַון.

## ב

חבר בראַון, — און דאָס וועט פיליכט זיין אַן איבער־
ראַשונג פאַר פילע פריינט און פאַרערער זיינע — איז אַ פּראָדוקט פון
אַמעריקע. געבאָרן אין ביאַליסטאָק אין יאָר 1889, האָט די עיר־ואם־

בישראל אים נאָר מדריך געווען ביז 1901, און האָט, מסתמא, צוזאַ־מען מיט די ביאַליסטאָקער פלעצלעך, אין אים אויך אַריינגעפּעקלט געגוג פסיכישע וויטאַמינען — אידישע ידיעות און לימודים וואָס נערן אים נאָך ביז היינט־צו־טאָג. ווען ער איז צו זיין צוועלף־יאָריקן עלטער, געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער זיך, מיט זיין כאַראַקטעריס־טישן ערנסט און פלייס, אַ נעם־געטאָן צו דעראָבערן וועלטלעכע חכמה, ענדיקנדיק פריער אַ פילאַדעלפיער האַי־סקול און דערנאָך געלערנט אין טעמפּל־אוניווערסיטעט, וואו ער האָט געשטודירט אַלס כעמיקער. שפּעטער־צו האָט ער שטודירט סאָציאָלאָגיע אין וואַל־פּאַרייזאָ אוניווערסיטעט, פון סטייט אינדיאַנאַ.

צווישן זיין שטודיום און אַ צווייטן האָט ער, דערוויל, ניט אָנגע־וואָרן דעם קאָנטאַקט מיט דער „אידישער גאַס". דער סינטעז פון דער קוואַליקער ביאַליסטאָקער אידישער פאָלקסטימלעכקייט און דער האַר־טער מעטראָפּאָלישער ווירקלעכקייט פון כרך ניו־יאָרק, צי כרך פי־לאַדעלפיע, האָט אים, עמאָציאָנעל און אינטעלעקטועל, געפירט, בקומה זקופה, צו די מאָגערלעכע, פאָדערשטע רייען פון די ראשונים אין דער היגער געוואַגטער און פאַרלאַכטער פועלי־ציוניסטישער מחנה.

חוץ שטודירן, חוץ פאַרזאָרגן זיך — פאַרשטייט זיך — מיט מינימום חיונה, האָט דער יונגער סטודענט געפונען נאָך געגוג צייט, אינטערעס און ענערגיע פאַר טעטיקייט און וואָרט־זאָגעריי אין די פורעם־יאָרן פון די היגע פועלי־ציון, אַזוי, אַז אין סעפּטעמבער, 1908, זעען מיר אים שוין ביים סאַמע רודער פון דער פאַרטיי, אַלס דער־ווייַלטער גענעראַל־סעקרעטאַר, וועמעס אַמט ער האָט איבערגענומען פון חיים פיינמאַן.

אין דעם איינעם יאָר פון זיין סעקרעטאַרשאַפט, האָט ער, חוץ אַנדערע דערגרייכונגען, אויף זיין יחוס־צעטל, די פאַראייניקונג פון די פועלי־ציון מיט די טעריטאָריאַליסטן און מיט דער זשיטלאָווסקיאַ־נישער גרופּע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואו אַ דאַנק דעם איז די דעמאָלטיקע קליינע פאַרטיי באַרייכערט געוואָרן מיט נייע גדולים: אב. גאָלדבערג, דר. נחמן סירקין, דר. חיים זשיטלאָווסקי און ברוך צוקערמאַן.

דער „אייביקער סטודענט" דערפילט, אָבער, אין זיך דעם דראַנג פון באַטראַכטן דעם ווייטערדיקן וועג פון שטודיום, פון תורה־לשמה, לאָזט ער איבער דעם פאַרטיי־אַפּאַראַט אין די הענט פון ברוך צו־קערמאַן און ער פאַרט אַוועק שטודירן סאָציאָלאָגיע — ווי פריער דערמאָנט — אין אַן אוניווערסיטעט פון שטאַט אינדיאַנאַ.

פאַר זיין אָפּפאָר האָט ער, אָבער, דורכגעפירט זיין לעבנס־שליחות: אַ היסטאָרישע טאַט — די פאַרטראַכטונג און די גרינדונג פונם פאַר־

באַנד, — יע, פון דעם איצטיקן אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַר־באַנד.

ג

למען געשיכטע איז כדאַי צו לאָזן דעם בעל־דבר אַליין דער־ציילן, כאַטש עטוואָס, פון די ערשטע טריט פון זיין גרויסער היסטאָ־רישער טאַט:

„פילאַדעלפיע האָט דאַן פאַרנומען אין דער יונגער פועלי־ציוני־פאַרטיי דאָס צענטראַלע אָרט פון פּראַקטישע מעשים. דאָרט איז גע־שאַפן געוואָרן דער „אידישער קעמפער", אַ דאַנק דער אומדערמידלע־כער אַרבעט פון יחזקאל עדעלשטיין (אַן אומרואיקער,ליידנשאַפט־לעכער טוער; דערטרונקען געוואָרן אין 1908); דאָרט איז אָנגעפירט געוואָרן פרייוויליק די אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד און קאָלאָניאַל־באַנק אונטער דער פירערשאַפט פון מאיר בראַון; דאָרט איז געלונ־גען צו געווינען פאַר דער פאַרטיי אַמעריקאַנער און אַמעריקאַניזירטע אינטעליגענטע כוחות.

„האָבן דאַן דריי חברים, אויף דער איניציאַטיוו פון מ. בראַון, זיך צוזאַמענגעטראָפן און באַשלאָסן צו גרינדן אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־אונטערשטיצונגס־פאַראיין, אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם פאַר אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן און פאָרלייגן פאַר אַ גרעסערער פאַרזאַמלונג דעם פּלאַן. די דריי זיינען געוועזן די חברים וועקסלער, מילער און בראַון. אַלע דריי זיינען נאָך געוועזן זייער יונג, און די פּראַקטישע צילן פון אַן אָרדן האָבן פאַר זיי געהאַט דעם אינטערעס אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ס׳וועט געלינגען צו געווינען מער חברים פאַר אונזערע אידע־אישע אויפגאַבעס. זיי האָבן געהאַט נאָך אַ צוועק: פאַרזוכן צו פאַר־איניקן אין אַ געמיינזאַמער אָרגאַניזאַציע פועלי־ציון, ס.־ט., גלות־נאַציאָנאַליסטן, זשיטלאָווסקיאַנער, און גוט מאַכן דורך פּראַקטישער אַרבעט דעם פּריציפּיעלן ריס און די שפּאַלטונג אין דער פועלי־ציון־פאַרטיי.

„אָנהויב אויגוסט 1908 האָט חבר בראַון גערופן אַ גרעסערע פאַרזאַמלונג אין פילאַדעלפיע, צו וועלכער ס׳זיינען געקומען אַ 15 פּערזאָן, פון וועלכע 11 האָבן נאָכדעם ווי זיי האָבן אויסגעהערט די פאָרמולירטע צילן און זיי דיסקוטירט, באַשלאָסן זיך אָנצושליסן אַן דעם פאַראיין. צווישן די 11 זיינען געווען 8 פועלי־ציון, ס.־ט. און 1 סיימיסט (בן־עמי, סטאָלבערג, פאַלקאָוו, פליקאָוו, ראָטמאַן, בערלין, מילער, וועקסלער, סטרוק, גערסאָן און בראַון).

„די צילן זיינען פאָרמולירט געוואָרן און זיי ווערן דאָ איבערגע־געבן אין קורצן:

„שאַפן אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַראיין פאַר קעגנזייטיקער פאַר־

זיכערונג און הילף; שטאַרקן דעם אידישן נאַציאָנאַלן און סאָציאַ־ליסטישן באַוואוסטזיין פון זיינע מיטגלידער; קעמפן קעגן אַסימילאַ־ציע־טענדענצן אין אידישן לעבן און אין אידישן אַרבעטער־לעבן; אַנ־פירן אַ אידישע קולטור־ און דערציאונגס־אַרבעט; אָפּגעבן זיך מיט אידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט; אַרבעטן פאַר דער ווידער־פאַראייניקונג פון פועלי־ציון און ס.־ט. פאַר פּראַקטישע מעשים לטובת דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן אידעאַל און פאַרבינדן זיך מיטן לאַנד, מיטן צוועק צו גרינדן ענלעכע פאַראיינען, וואָס זאָלן פירן צו דער פאָרמולירונג פון אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אַלס פּראָגרעסיוון אידישן אַרבעטער־אָרדן".

ד

ווען איינער דערדינט זיך צו גענעראַלשאַפט אין אַ פּאַר־טיי — און דאָס איז חל אויף אַלע פּאַרטייען און אויף אַלע לענדער כמעט — מוז ער, נאַטירלעכערווייז, מיטן איינגעוואוינטן גאַנג אויף דעם פּאַרטייאיש־אויסגעטראָטענעם דרך, אָנציען אויף זיך אַ פּאַר־שטייפטע, צי פאַרהאַרטעוועטע הויט און אַ שטרענג־מאָניסטישן בליק אויף מענטשן און דערשיינונגען. ניט פון אַזאַ טייג געקנאָטן איז, אָבער, דער איצטיקער בויער און שאַפער פון מיין דור. ווייל — קען ווער אים ווען געדענקען דען אין אַ מאָמענט פון טאַדלענדיקן וואָרט? ניט איך, אין די דרייסיק יאָר פון אונזער קענטשאַפט, און — כ'וואָג צו באַהויפּטן — ניט קיינער פון זיינע טויזנטער מיטאַרבעטער קענען זיך פאָרשטעלן ה' בראַונען מיט טאַדל־וואָרט אין זיין מויל, צי מיט אַ נעגירנדיקן שטעל בכלל. מיר זעען אים, געוויינלעך און שטענדיק אַן עקזאָלטירטן, אַ יוגנטלעכן מיט בעטנדיקן רוף אין זיין קול, מיט וויאָלינישן קלאַנג אין זיין שטים — אַ „זיידענער יונגערמאַן".

איז דען אַ וואונדער וואָס מר. בראַון האָט ניט געקענט בלייבן קיין צוגעשרויפטער צום פּאַרטיי־בענקל? זייענדיק דורך־און־דורך פּאַר־טיי־דענקער, האָט ער דאָך ניט געקענט שטענדיק און אומעטום אויס־שרייען: „מאַי פּאַרטי — ראַיט אָר ראָנג"! ער איז געווען געצוואונגען צו זוכן און צו געפינען אַ זכות ניט נאָר אויף יחידים, נאָר אויך אויף זיינע אַזוי־גערופענע קעגנערישע געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען. דער־פון — זיין אינטערעס אין אויסגלייכן חלוקי־דעות, אין אַרומזעצן מענטשן ביים טיש פון גאָלדענער פּשרה. זיין צוזאַמענברענגען די קרובהשע פּאַרטייען אונטער איין דאַך איז געווען אַ קאָסטבאַרער פּע־דער אין זיין הוט, אָבער בעת דער שדכנות איז אים קלאָר געוואָרן עטוואָס: אַז ניט אַלע שאלות־ותשובות קענען פאַרענטפערט ווערן אַפילו לויט זיין פּועלי־ציוניסטישן שולחן־ערוך, און דעריבער וועט זיין ממש אוממעגלעך דערנענטערן, אַפילו אין דער וויטערער צו־

קונפּט, ברייטערע שיכטן פון פאָלק, פון דער אידישער אַרבעטער־שאַפט, תחת כנפי בער באָראָכאָוו.

און דעמאָלט איז אים אויפגעלויכטן דער חזיון: אַ נייע, אַ ברייטערע ראַם פאַר דער פאָלקישער, פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלעכער אויסלעבונג: דער אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד.

## ה

ווי עס איז שוין דער גורל פון ניט איין פּיאָנער, איז אויך מר. בראַון באַלוינט געוואָרן פאַר זיין היסטאָרישער טאַט מיט — שטיינער. חוץ דעם ביטול פון די קעגנער, חוץ דעם חוזק פון דער „קיבעצאַרניע״, איז ער באַגעגנט געוואָרן מיט טאַדל פון זיין אייגענער פּאַרטיי. די דאָקטוירים זשיטלאָווסקי און סירקין האָבן פאַרשריבן אַ רפואה, וואָס האָט געהייסן: „בויערן פון אינעווייניק״ (מיינענדיק דעם „אַרבעטער רינג״). אַנדערע פּועלי־ציוניסטישע רופאים האָבן אַנגעוויזן אויף דעם ציוניסטישן אָרדער „בני ציון״. אַלע האָבן, אָבער איינגעשטימט, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט אויף אַ באַזונדערן אָרדן. ס׳האָט ניט ווייניק צייט און געזונט געקאָסט מאיר בראַונען און זיינע מיטגייער ביז זיי האָבן אַרויסגעקראָגן דעם פּאַפּירענעם הכשר אויף דעם „פאַרבאַנד״ מצד זייער אייגענער פּאַרטיי.

נאָך שווערער איז, אָבער, אָנגעקומען חבר בראַונען, דעם פאַרבאַנד־סעקרעטאַר פון 1910 ביז 1922, צו קריגן דעם מלוכהשן הכשר („טשאַרטער״). איבער דריי יאָר האָט זיך די נייע אָרגאַניזאַציע געוואָרפן אין קאָנוואולסיעס, געליטן מוראדיקע חבלי־לידה צוליב דעם פאַרהאַלטן פון טשאַרטער. פון מאיר בראַונס רייד וועגן יענער צייט קענען מיר פיל לערנען:

„מיט דער אַלבאַני־טשאַרטער־קאָנוועגשאָן הויבט זיך אָן די עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון פאַרבאַנד אַלס געזעצלעך־פונקציאָנירנדער אָרדן, וואָס האָט געפייערט אין 1943 זיינע דרייסיק יאָר עקזיסטענץ. אָבער די צייט פאַר אַלבאַני, די יאָרן פון פּיאָנערן־אַרבעט, אידעען־זוכעניש, פאַרבאַרייטונגען און צוגרייטונגען זיינען ווייניק באַקאַנט צו דער גרויסער צאָל איצטיקע מיטגלידער, און דערפאַר איז כדאַי געווען צו באַקאָנען די חברים מיטן הינטערגרונט, אידעען־קאַמף, ערשטע שריט און איניקע יאָרן פון שווערער, שווערער אַרבעט, אידעאַליסטישער און פּראַקטישער, פון די הונדערטער חברים־בויער פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. היינט זעצט פאַר דער פאַרבאַנד דאָס, וואָס זיינע ערשטע גרינדער און טוער אין ניו־יאָרק און אין דער פּראָווינץ האָבן אויפגעבויט אין יענע יאָרן, ווען אַלץ איז אָנגעקומען שווער און אָפּט מיט יסורים. אַלבאַני האָט פאַרענדיקט אַ וויכיקן קאַפּיטל פון פאַרבאַנד־לעבן.

„דעם 6טן יאַנואַר 1913 איז דעם פאַרבאַנד אַרויסגעגעבן גע־וואָרן זיין טשאַרטער. ס'איז געווען אַ טאָג פון גרויס פרייד. חברים און פריינט האָבן ניט אויפגעהערט צו טעלעפאָנירן אַ גאַנצן טאָג; אויך די, וועלכע האָבן געראָטן דעם פאַרבאַנד אויפצוגעבן זיינע פאַרזוכן, האָבן אָנערקענט דעם פעסטן ווילן פון פאַרבאַנד. קעגנער האָבן צו־געגעבן, אַז דער פאַרבאַנד פאַרמאָגט עקשנות. דער פאַרבאַנד האָט פאַרנומען זיין פלאַץ אין דער אידישער אָרדן־וועלט, און די אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע האָבן צוגעקראָגן אַ וואַרעמען מיטקעמפער פאַר אַ בעסערן און שענערן לעבן.

„דאָס לאַנד איז טעלעגראַפיש אינפאָרמירט געוואָרן וועגן טשאַר־טער, און דער מזל־טוב האָט אָפּגעקלונגען פון איין עק לאַנד ביזן צווייטן. די צאָל מיטגלידער איז געווען קליין, אַרום 700—750, אַ צאָל איז אַרויס אין 1912, אָבער איצט האָבן זיך הונדערטער צוריקגעקערט, נייע זיינען צוגעקומען, אַזוי אַז סוף 1913 האָט דער פאַרבאַנד שוין גע־ציילט קרוב צו 2 טויזנט חברים, גוטשטייענדיקע און אָרגאַניזירט אין אַ 50—55 פאַראיינען."

ו

מען קען אָנשרייבן ניט איין בוך פון בראַונס טאָג־אין־טאָג ראַנגלערייען אין משך פון די ערשטע 12 יאָר, אַלס דער באַרג־אַרויפּי־קער אַרכיטעקט פון דעם נייעם געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם אין לאַנד אַמעריקע. מיר שיינט, אַז דער שאַפער אַליין וואָלט געדאַרפט וועלן צוטרעטן צו אַ פּרטימדיקער אַרבעט אויף דעם געביט למען האמת, למען געשיכטע און למען ידעו. ווייל אַזאַ אַרבעט וואָלט ניט נאָר געווען די אינטערעסאַנטע געשיכטע פון אָט־דער איינער אָרגאַניזאַציע, נאָר אויך די געטרייע כּראָניק פון פיר צענדליק יאָר פון צאַפּלדיקער אידישער קהלשער באַלעבאַטישקייט אין קאָלאָמבוסעס מדינה. און אין אַזאַ מין אַרבעט וואָלטן אַוודאי פאַרנומען אַ פּראָמינענטן אָרט די אָפּרופן פון די ראשי העם אין יענע טעג.

פון אָט־דעם אַרויסבליק איז כדאַי דאָ צו אויסהערן דאָס עדות־זאָגן פון דעם גאונישן טעאָרעטיקער בער באָראָכאָוו. נאָך דעם ווי די יונגע אָרגאַניזאַציע האָט שוין, מיט מזל, פאַרענדיקט פולע זעקס יאָר פון לעבן־און־קאַמף האָט דער פּועלי־ציוניסטישער וויזיאָנער און דענקער פאַרעפנטלעכט אין „אידישן קעמפער" אַן אָפּשאַצונג פון דעם „פאַרבאַנד און זיין צוקונפט". נאָכדעם ווי ער אַנאַליזירט די פאַר־שיידענע מינים אָרדנס, אַלגעמיינע און אידישע, קומט באָראָכאָוו צו נעענטער צו דער טעמע, כהאי לישנא:

„די דאָזיקע נאַציאָנאַלע אָרדנס זיינען פאַקטישע פעסטונגען פון די פאַרשיידענע נאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די אָרדנס האַלטן

אויף זייער פאָלק, שיצן אים קעגן אַסימילאַציע, שאַפנדיק אַן אייגענע קולטור־סביבה, היטן אָפּ און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַלע שפראַך, שיצן די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען פון זייערע ברידער אויף יענער זייט ים. און עס וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז אַפילו די ניט־נאַציאָנאַלע אָרדנס, וואָס שטעלן זיך ניט דירעקט קיין נאַציאָנאַלע אויפגאַבן, טיילן זיך אויך פּאַקטיש לויט נאַציאָנאַליטעטן.

„אונזער יונגער אָרדן, דער אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פּאַרבאַנד, איז בכן ניט קיין אויסנאַם פון אַנדערע; ניט קיין פּראָדוקט פון אַ קאַפּריז פון אַ פּאָר פּועלי־ציון גרינדער, נאָר ער איז אַ נויטווענדיקער רעזולטאַט פון דעם היגן נאַציאָנאַלן לעבן און פון דעם אויפגעוואַכטן אידיש־נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. פּאַקטיש זיינען אַלע אידישע אָרדנס נאַציאָנאַל, הגם זיי שטעלן זיך ניט קיין נאַציאָנאַלע צוועקן. אַפילו דער אַרבעטער־רינג איז נאַציאָנאַל, להיפוך צו די אַסימילאַטאָרישע כוונות פון זיינע גרינדער און פירער. לויטן סטאַטוט פון אַרבעטער־רינג, האָט ער געדאַרפט זיין „אינטערנאַציאָנאַל", אַריינגעמען אין זיך אַלע אַרבעטער, אָן אונטערשיד פון פאָלק. זיינען דען אַ סך איטאַליענישע, אַ סך איירישע אַרבעטער פאַראַן אין אונזער אַרבעטער־רינג? קיין איינציקער ניט. און אַפילו דער כשרסטער „געבאָסע" וואָלט געוועזן איבערראַשט ביזן העכסטן גראַד, ווען אַן איטאַליענער וואָלט אַריינגעגעבן אַן „אַפּליקיישאַן" צום אַרבעטער־רינג.

„דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פּאַרבאַנד איז אַן אָרדן, וועלכער האָט קלאָר געמאַכט זיין נאַציאָנאַלן איך. ביי די אַנדערע אידישע אָרדנס איז דאָס נאַציאָנאַלע פאַרטונקלט דורך אומזיניקע פּאַראַלן און פּראַזן. דערפאַר טאַקע ווערט אונזער אָרדן אויפגעבויט אויף מאָדערנע, באַוואוסטזיניקע, וויסנשאַפטלעכע פּרינציפּן, סיי אין זיין קולטורעלער טעטיקייט און סיי אויף זיין פאַרזיכערונגס־סיסטעם. יענע אַלטע אידישע אָרדנס זיינען אומרייפע „בעיבים" אין פאַרגלייך מיט אונזער יונגער אינסטיטוציע. זייער פאַרזיכערונגס־סיסטעם איז פּרימיטיוו און פאַרשוועדעריש. זייער קולטורעלע סביבה — קינדיש און פאַרקריפּלט. דאָס איז ניט קיין צופאַל, וואָס אונזער אָרדן האָט לכתחילה איינגעפירט דאָס וויסנשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע סיסטעם פון „פּראָטוירנאַל רעיטס". ער האָט עס געטאָן, ווייל ער איז אַ מאָדערנער אָרדן. דער מאָדערנסטער און דער פּאָלקאָמסטער אידישער אָרדן; מאָדערן אין זיין ווירטשאַפט, מאָדערן אין זיין פּאָליטיק, מאָדערן אין זיין קולטורעלער טעטיקייט.

„לאָמיר־זשע וויסן, אַז אָן דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד קען ניט זיין קיין געזונטע נאַציאָנאַלע אויפלעבונג פון די היגע אידישע מאַסן. לאָמיר וויסן, אַז עס איז די פליכט פון יעדן

ציוניסט־סאָציאַליסט צו שטיצן אונזער אָרדן און צו שטאַרקן אים, ער זאָל אויסוואַקסן צו אַ גרויסער, געזעלשאַפטלעכער מאַכט.

„די אַלטע אָרדנס האָבן געוואָלט שאַפן אַ היימישע סביבה פאַר די יחידים און פאַרזיכערן איינצלנע מענטשן קעגן קראַנקהייטן און טויט. אונזער אָרדן וויל דאָס אויך, אָבער ניט נאָר דאָס. זיין עיקר שטרעבן איז צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלע קולטור־סביבה פאַרן גאַנצן אידישן אַרבעטער־קלאַס און דורך דעם צו פאַרזיכערן קעגן קראַנקהייטן און טויט דאָס אידישן פאָלק.״

די רייד פון דעם גרויסן פּראָלעטאַרישן אידישן דענקער אויף דעם הינטערגרונט פון די אַלזייטיקע פּיאָנערישע מעשים און דערגרייכונגען פון דער נייער אַמביציעזער מחנה וועלטלעכע אידן האָט שטום געמאַכט די צינישע מיילער און לעכערלעך געמאַכט די אנשי הביטול.

ווען חבר בראַון האָט זיך אין 1922 געקענט דערלויבן פון צוריקציען זיך אַלס סעקרעטאַר פון א. נ. אָ. פּ. האָט ער געפילט אַז די אָרגאַניזאַציע האָט שוין געשלאָגן וואָרצלען אין היגן באָדן און אַז אירע טוער און פירער זיינען פון פילע, פילע פאַררעכנט ווי די נכבדי העם.

ז

אין לויף פון די קומענדיקע עלף יאָר באַקליידט ער דעם העכסטן אַמט — פּרעזידענט פון „פאַרבאַנד״, — ביז זיין אָפּפאָר נאָך ארץ ישראל, אַלס דער לייטער פון דער „יהודה אינשורענס קאָמפּאַניע״.

אין 1920, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, באַטייליקט זיך חבר בראַון אין דער ערשטער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, וואו עס ווערט פּראָקלאַמירט דער קרן היסוד און וואו דר. וויצמאַן ווערט דערוויילט אַלס פּרעזידענט. אין דעם זעלביקן יאָר נעמט ער אויך אַן אַקטיוון אָנטייל אַלס דעלעגאַט צו דער אַלוועלטלעכער פּועלי־ציוניסטישער קאָנפערענץ אין ווין — די אַזוי־גערופענע שפּאַלטונג־קאָנפערענץ.

אין 1926 ווערט חבר בראַון איינגעלאַדן פון דעם וועד הפּועל פון „הסתדרות״ אויסצופאָרשן די מעגלעכקייט פון אַן אַרבעטער־פאַרזיכערונג געזעלשאַפט. דער נעטער רעזולטאַט פון יענער אַרבעט איז דער „הסנה״—ביז היינט צו טאָג די גרעסטע „אינשורענס קאָמפּאַניע״ אין ישראל.

אין 1930 ווערט חבר בראַון דעלעגירט צום ערשטן אַלוועלטלעכן אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל אין בערלין, איינגערופן פון דער הסתדרות. פון דאָרטן איז ער אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל אַלס מיט־

גליד פון דער אַמעריקאַניש־אידישער אַרבעטער דעלעגאַציע. אויפן וועג אַהין האָט ער באַזוכט פוילן, מיט דערפאַלגרייכע אויפטריטן אין די גרעסערע שטעט.

סוף 1933 נעמט חבר בראַון אורלויב פון דער „באַוועגונג", צו באַזעצן זיך אין ארץ ישראל, וואו ער האָט געוואוינט, אָן איבעררייס, אַכט יאָר.

נאָך זיין צוריקקער קיין אַמעריקע ווערט ער גלייך מאָביליזירט פאַרן קולטור־פּראָגט, אין דער אויפלעב־אַרבעט פונם אידישן לערער־סעמינאַר, וועמעס אַמט אַלס עקזעקוטיוו־דירעקטאָר ער האָט אָנגע־האַלטן צען יאָר. און כאָטש פאַר די לעצטע פופצן חדשים שטייט ער ראשו ורובו אין דער פירערשאַפט פון די באָנדס פאַר ישראל, האַלט ער נאָך אַלץ אַ וואַכזאַם אויג אויפן סעמינאַר אַלס זיין פּאַרזיצער.

אין די אויבן־אָנגעוואָרפענע און אויבנאויפיקע סקיצירטע שורות מיינע האָב איך זיך, מערסטנס, אָפּגעשטעלט אויף בראַונען דעם ווי־זיאָנער, פּאָליטיקער און אויפבויער פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער ראָם פון דער בכבודיקער אידישער אָרגאַניזאַציע. איך האָב, לײדער, גע־מוזט אויסלאָזן די אַלערליי אינהאַלטן מיט וועלכע חבר בראַון האָט, דורך יאָרצענדליקער, זיך באַמיט אויסצופילן אָט־די ראָם (עס וואָלט, צ. ב. געווען זייער אינטערעסאַנט דאָ צו דערציילן, באריכות, ווי אין די ערשטע יאָרן פון „פאַרבאַנד" איז פאַרגעקומען אַ שטרייט אַרום דעם פאָרשלאַג פון איינפירן אַ דריי־סענטיקן שטייער אַ קוואָרטל — 12 סענט אַ יאָר — פאַרן פאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד). אינהאַלטן מיט וואָס אויסצופילן די אָוונטן, די צוזאַמענקונפטן און אינהאַלטן כלפּי חוץ — צום פאָלק און צום קלאַס; התחיבותן לגבי ארץ ישראל און פאַרפליכטונגען צו די אַלערלייאיקע פראָנטן אויף די ערטער — אין אַמעריקע, ווי קינדער־דערציאונג, צ. ב., וואו דער „פאַרבאַנד" האָט דאָ געשטעלט זיינע קאַרביקע פּיאָנערישע טריט. אויף דעם אַלעם פאָדערן זיך ביכער אויף ביכער.

ווייל אויב דער „פאַרבאַנד" איז אָנגעלאָדן מיט מצוות ווי אַ מילגרוים איז עס פיל צו פאַרדאַנקען דעם „זיידענעם יונגנמאַן", דעם גליקלעכן וויזיאָנער, וועלכער האָט זוכה געווען אַריבערצושפּרייזן די גרענעצן פון זיין טרוים־לאַנד, אין לויף פון פיר דעקאַדעס אָנפירן מיט דער כסדרדיקער באַפעסטיקונג פון זיינע מלוכהשע גרענעצן, זיין אַ מיטבאַטייליקטער אין דעם אויפשטעל פון די אומעטומיקע און פאַרשיידנאַרטיקע בנינים פון זיין רייך, און נאָך האָבן האַרץ און מוח אַרויסצושטראַלן ווי דער „קאָפּ" פון אָט־דער אימפּעריע עד היום הזה.

# יוסף ברעסלוי

## א

דינט קאָלאָמבוס, דער איד, האָט אַנטדעקט אַמעריקע אַלס מקום מקלט פאַר פאַרפאָלגטע און אונטערדריקטע, פאַר אוואַנטוריסטן און וויזיאָנערן, פאַר גאָט־זוכנדיקע און געלט־גייציקע —



האָבן אידן ניט אויפגעהערט צוצוטראָגן צו קאָלאָמבוסעס מדינה זייער חלק, סײַ אין מענטשן־צאָל און סײַ אין מענטשן־קוואַליטעט. און וויפיל מען זאָל ניט שרייבן וועגן דעם גרויסן אידישן צוטראָג

צו דער אַל־מעכטיקייט פון אַמעריקע וועט מען אַלץ ניט אויסשעפּן די טעמע. אַזוי גרויס, אַזוי גראַנדיעז איז דער אידישער צוטראַג צו אַמעריקע, און אַזוי ריזיק איז די ריי פון אונזערע בויער און שאַפער. און אויב אויך איין געביט, מזון מיר צוגעבן, זיינען אידן אין אַמעריקע ניט געווען מן הראשונים און ניט פון די גרעסטע, און דאָס איז אויפן געביט פון רעוואָלוציע — פּאָליטישע און אינדוסטריעלע — האָבן מיר אויך דאָ אונזער קענטיגן צוטראַג, אַ היפּש־היפּש גרעסערן לויט אונזער צאָל אין לאַנד.

די געלע און רעאַקציאָנערע פּרעסע אין אַמעריקע וויל ביי יעדער געלעגנהייט און ניט־געלעגנהייט אַריינקנעלן מיט דעם ניט־אַריענ־טירטן עולם אַ געוויסן געמיינעם פּאָליטישן טייטש, אַ נייעם סינאָנים פון וואָרט „אויסלענדער". „אויסלענדער" איז ביי זיי דער סינאָנים פון אַרבעטער־פירער. און וואָס זאָלן מיר זיך דאָ נאַרן? מען קלאַפּט אַזוי לאַנג אין די גולמ׳עוואַטע מוחות פון דעם צייטונג־לייענער ביז מען האַמערט אַריין. און מיליאָנען אַמעריקאַנער גלויבן באמונה שלימה אַז ראַדיקאַליזם, יוניאָניזם, סטרייקס זיינען אימ־פּאָרטירטע, טריפה׳נע „גרינע" סחורה וואָס מען וויל מיט גוואַלד פאַרקויפן דעם סאָלידן, סטאַטעשנעם אַמעריקאַנער.

אַז דער אמת איז פּונקט דער היפּוך וועט זיין, אפשר, אַן איבער־ראַשונג פאַר פיל אידישע לייענער, איבערהויפּט טאַקע פאַר פיל קלאוק־אַרבעטער אַליין, וועלכע זיינען פאַר די לעצטע 4—5 דעקאַדן פון די סאַמע רעוואָלוציאָנערסטע אין דער אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. די רעוואָלוציאָנערסטע אַרבעטער אין דער וועלט זיינען אפשר די ניט־אידישע אַמעריקאַנער. אין קיין לאַנד האָט זינט יאָר הונדערטער ניט געבושעוועט אַזוי די סטרייק־מגפה ווי אין אַמעריקע. און ניט איין אידישער לייענער אפילו גלויבט אַז דאָס האָבן די אידן אין משך פון די לעצטע 60—70 יאָר אַריינגעשמוגלט אין קאָלאָמ־בוסעס מדינה דעם וואָרט און דעם באַגריף „סטרייק". איבער הונדערט יאָר, איידער ס׳האָט זיך (אין די אַכציקער יאָרן פון לעצטן יאָר־הונדערט) אָנגעהויבן די אידישע מאַסן־אימיגראַציע אין די פאַר־אייניגטע שטאַטן, איז שוין אין אַמעריקע געווען אַ גאַר־ניט־שלעכט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג — אַ באַוועגונג אין וועלכער אידן האָבן כמעט — אָדער אַן אַ כמעט — קיין שום ראָל דאָן ניט געשפּילט. אַזוי ווייט ווי אין 1786 האָט מען שוין געוואוסט פון אַ סטרייק אין אַמעריקע. דאָס האָבן געסטרייקט די שריפטזעצער פון פילאַדעלפיע פאַר אַ מינימום געהאַלט פון 6 דאָלאַר אַ וואָך. זעקס יאָר שפּעטער האָט אין דער זעלבער „פאַרשלאָפענער" שטאָט אויסגעבראָכן אַ סטרייק פון די שוסטער. נאָך די סטרייקס פלעגן טאַקע די דעמאָלטדיגע

יוניאָנס צעפאַלן, אַזוי, אַז מען קען זאָגן אַז די געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג אין 18־טן און אין 19־טן יאָר־הונדערט איז אַ געשיכטע פון סטרייקס. אָבער געסטרייקט האָט מען אויף טיש און אויף בענק און אַזוי מיט התמדה. און געסטרייקט האָבן אַלץ ניט־אידן. ווייל אידן זיינען פּשוט געווען דאַן ווייניג אין לאַנד און נאָך ווייניגער איז געווען די צאָל פון אידישע אַר־בעטער און גאָר־גאָר ווייניק די צאָל פון יוניאָן־באַוואוסטזיניקע אידישע אַרבעטער. פאַרקערט, אויף אידן פלעגט מען אין די יוניאָן־קרייזן קוקן אַזוי ווייט ווי אין די אַכציקער יאָרן פון לעצטן יאָר־הונדערט ווי אויף סטרייק־ברעכער. אַזוי דערציילט בפירוש דער ערשטער סעקרעטאַר פון „די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטן", ב. וויינשטיין, אין זיין בוך „די אידישע יוניאָנס אין אַמעריקע".

אויף צו באַשטעטיגן זיין שאַרפע באַהויפּטונג, ברענגט ב. וויינ־שטיין ניט קיין קלענערן עדות ווי סעמועל גאָמפּערס. און ער דער־ציילט דאָס אַזוי:

„אין מיין בוך ,פערציג יאָר אין דער אידישער אַרבעטער־באַ־וועגונג' האָב איך אויספירלאַך באַשריבן ווי אַזוי איך האָב זיך אין אָנפאַנג פון די אַכציגער יאָרן באַקענט מיט סעמיועל גאָמפּערס'ן, אַר־בעטנדיק צוזאַמען מיט אים אין איין סיגאַר־פאַבריק. דעמאָלט איז ער נאָך ניט געווען דער פּרעזידענט פון דער אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר. האָט ער פאַרלאָזן דעם דזשאָב. אַוועקגייענדיג פון שאַפּ, האָט ער מיר געגעבן דעם אַדרעס פון זיין נייעם אָפּיס און איינגע־לאַדן מיך צו קומען אים באַזוכן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך טאַקע באַזוכט דעם אָפּיס פון דער אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין ניו־יאָרק, אין אַ קליינער פּריוואַטער הויז, אויף דער אַכטער סטריט, וועסט־סאַיד, וואָס מען רופט איצט „גרינוויטש ווילעדזש". דער אָפּיס איז ניט געווען קיין גרויסער, בלויז איין קלוירק האָט דאָרט געאַרבעט. „בראָדער סעם", ווי אַלע אַרבעטער האָבן גאָמפּערסן גערופן, האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר אַ פּאָר איירישע אַרבעטער־פירער און ער האָט זיי דערציילט, אַז איך אַרבעט צו אָרגאַניזירן די גרינע אידישע אַרבעטער פון דער איסט־סאַיד. — „אַ, — האָט אויסגערופן אַן איירישמאַן, — וואו נאָר מיר האָבן אַ סטרייק, ברענגט מען גלייך די גרינע רוסישע אידן."
— „מיר וועלן שוין אויף דעם אויפּפּאַסן..." — האָב איך דעם איירישמאַן צוגעזאָגט."

און — פולע 30 יאָר האָט גענומען אַט־דאָס אויפּפּאַסן. ווייל מאַסאָווע אידישע אַרביטער־יוניאָנס אין אַמעריקע וואָס זאָלן ווערט זיין דעם נאָמען האָבן אָנגעהויבן אויפקומען

ערשט אין 1910. און ווער זיינען געווען די דורכשניט־אַרבעטער, איידער זיי זיינען געוואָרן קלאוק־אָפּערייטאָרס, קלאוק־פּרעסערס א.אַז.וו. ? געוועזענע מלמדים, ישיבה־בחורים, ויידענע יונגעלייטלעך, שטעקל־דרייער, פּריקאַזטשיקעס, הערינג־פּאַרקויפער, — ניט קיין אידעאַלער עלעמענט אויף צו אָרגאַניזירן אים אין אַ סאָלידער, דיס־ציפּלינירטער יוניאָן. אויף צו קענען „איינגעמען״, אָרגאַניזירן און האַלטן אין צאַם אָט דעם מין יוניאָן־קאַנדידאַטן האָט מען געדאַרפט זיין היפש פון „שולטער און העכער״ איבער דעם פאָלק. איינער פון די, אין וועמען דאָס „פאָלק״ האָט גלייך,ביים סאַמע אָריינקומען, דערזען סמנים פון פירערשאַפט און וועמען אָט־די אינדיווידואַליסטיש־קאַפּריזנע מאַסע איז מרוצה געווען נאָכצופאָלגן, איז געווען **יוסף ברעסלוי.**

## ב

**וו**ען דער באַלעבאַטיש־אַרויסגעוואַקסענער 20־יעריקער אַדעסער יונגערמאַן, יוסף ברעסלוי, ווערט אויף די כוואַליעס פון דער דעמאָלטיקער מאַסן־אימיגראַציע געבראַכט קיין ניו־יאָרק, אין 1907, מיט אַ בינטל בונדיסטישע שמות אין זיין פּאַרמעג, קען ער דאָ זיך לאַנג מיט אָט־דער עשירות זיינער ניט אַרומדרייען. די היגע ווירק־לעכקייט נעמט אים גלייך אין די הענט אַריין, און רעדט צו אים תכלית. און תכלית אין יענע טעג האָט געהייסן: פאַרוואַנדלען אים אין אַ קלאָוק־אָפּערייטאָר און, שפּעטער־צו, אין אַ קלאָוק־פּרעסער, וואָס איז, דאַכט זיך, אַ שטאַפּל העכער אויפן לייטער פון עקאָנאָמישער באַ־פעסטיקונג. אין 1909 ווערט ער אַ מיטגליד אין דער קלאָוק־פּרעסער־יוניאָן, און ווערט גלייך דערוויילט אין דער עקזעקוטיוו, שטייגט שנעל אין אָנזען ביי דעם אַקטיוו פון דער מיטגלידערשאַפט און ווערט, אין קורצן, דערוויילט אַלס סעקרעטאַר, שפּעטער־צו — „טשערמאַן״, נאָך שפּעטער — ביזנעס־אַגענט, ביז צו מענעדזשער פון דער יוניאָן אין 1916. זעקס יאָר שפּעטער, אין 1922, ווערט שוין זיין פייאיקייט אָנער־קענט ווייט איבער דער גרענעץ פון זיין לאָקאַל, און ער ווערט אויס־דערוויילט אַלס וויצע־פּרעזידענט פון דער „אינטערנעשאָנאַל״.

אויב די ערשטע אויפגאַבע פון אַן אַרבעטער־פירער אין אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט אין אַמעריקע איז געווען איינצוזקנעלן מיט דער רויער אידישער אימיגראַנטן־מאַסע אַ קאַפּיטל טרייד־יוניאָניזם האָט יוסף ברעסלוי פולשטענדיק אויסגעהאַלטן אָט די פּראָבע.

די צווייטע אויפגאַבע וואָס יעדער פירער דאַרף זיך שטעלן איז: צו קריגן אָנזען אין די פירערשע קרייזן. און אויך דאָ האָט ברעסלוי שנעל דערוואָרבן אָנערקענונג.

די האַרץ פון דער מאַסע האָט יוסף ברעסלוי געוואונען מיט דריי הויפּט־שטריכן פון זיין כאַראַקטער:

1. עכטע דעמאָקראַטישקייט,
2. דער קאַמף פאַרן אמת,
3. אין דינסט פון דעם יחיד.

ביי די קעפּ פון דער פירערשאַפט פון דער „אינטערנעשאַנאַל לייר־דיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן" האָט ער אַרויסגערופן דרך־ארץ מיט דריי גרונט־אייגנשאַפטן פון זיין פערזענלעכקייט:

1. מיט דער פעסטקייט פון זיין כאַראַקטער;
2. מיט זיין אויסערגעוויינלעכן שכל הישר;
3. מיט זיין בליץ־שנעלער אָריענטאַציע אין קאָמפּליצירטע סיטואַציעס.

ג

ער האָט זיך נאָך ניט געהאַט אָנגעוואַרעמט אין דער „דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד", אַלס ערשט־דערוויילטער וויצע־פּרעזידענט, און די געלעגנהייט אויפצושפּילן אַלס פירער־צווישן־פּי־רערס איז אים אונטערגעקומען.

ס'איז געווען דעם 12־טן יאַנואַר, 1923. די דזשענעראַל עקזעקו־טיוו באָארד האָט דעמאָלט אָפּגעהאַלטן איינע פון אירע שטורמישע מיטינגען. אויף שלעזינגערן, דעם דעמאָלטיקן פּרעזידענט פון „אינ־טערנעשאַנאַל", זיינען געצילט געוואָרן פיילן פון פאַרשיידענע ריכטונ־גען: פון דער אַנאַרכיסטישער פראַקציע, פון דער קאָנסערוואַטיוו־סאָ־ציאַליסטישער און, אָוודאי, פון דער קאָמוניסטישער. שלעזינגער, זייענ־דיק בטבע עמפּינדלעך צו קריטיק, האָט געסטראַשעט צו רעזיגנירן, אָבער קיינער פון די עלטערע וויס־פּרעזידענטן האָט ניט געהאַט די וואָגונג אים אונטערטראָגן אַ טשאַלענדזש. אָבער יוסף ברעסלוי, דער עכטער דעמאָקראַט, דער, וועלכער האָט פיינט געהאַט שלעזינגערס פּרימאַדאָנאַ־גענגעלעך, האָט ניט פאַרפעלט קיין רגע און, האָט, ווי אַ געניטער יעגער, אים אַ שליידער געטאָן אין פּנים דעם טשאַלענדזש:

— ברודער פּרעזידענט, שרייבט אויף אייער סטראַשונאָק!

און — בנימין שלעזינגער האָט אונטערגעשריבן זיין רעזיגנאַציע, וועלכע איז גלייך אָנגענומען געוואָרן. אַט־אַזוי האָט ברעסלוי דעטראָ־נירט אַ מלך, און זיין שטול צווישן די אַנדערע וויצע־פּרעזידענטן האָט זיך דורך דעם זיכער אַרויסגעהויבן.

ד

אין זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישער פילאָזאָפיע איז יוסף ברעסלוי איינער פון די רעכטע שברעכטע. אין דעם קאַמף קעגן דער

קאָמוניסטישער „דזשאָינט עקשן קאָמיטי״, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1922 און האָט אָנגעהאַלטן, אויף מעסער־שטעך, אַזוי ווייט ווי ביז 1934, איז ברעסלוי געווען פון די עקשנזתדיקסטע און אויסגעפּרו־בירטסטע פירער און קעמפער. אָבער אָט ווערט די לאַנג פאַרצויגענע מלחמה אין דער „אינטערנעשאַנאַל״ געוואונען, די קאָמוניסטן אין די לאָקאַלן ווערן כמעט ווי אָפּגעווישט, און איינער פון די זיגרייכע גע־נעראַלן, יוסף ברעסלוי, פאָרט אין 1935 צו דער מעקאָ פון קאָמוניזם — קיין סאָוועטן פאַרבאַנד.



ביים „דריטן סדר״ פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין — 1טע ריי (זיצנדיק): אב. מיללער, משה שאַרעט, א. אילת; 2טע ריי: א. העמלין, י. ברעסלוי, י. ה. גאָלדבערג און צוויי אומבאַקאַנטע

ער האָט אין אַדעס דריי ברידער און צוויי שוועסטער, פאָרט ער זיי זען. ביי זיך אין האַרצן ווייסט ער, אַז ער זוכט דאָ ניט קיין פּאָלי־טישע מאַנעווורעס אויפצושפּילן, ער וויל, פּראָסט און פשוט, פאַר זיך אַליין, דערגיין דעם אמת.

אין יענע טעג פּלעגט די „פרייהייט״ באַקעמפן ברעסלוין שאַר־פער ווי איצט דובינסקין. דער נאָמען ברעסלוי ביי די היגע אידישע קאָמוניסטן איז געווען סינאָנים צו רעאַקציע און צו אַלדאָס־בייז אין אַרבעטער־לעבן.

אויך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט ברעסלוי ניט פאַרבאָרגן זיין

טעאָרעטישע קעגנערשאַפט צום קאָמוניזם, צום דריטן אינטערנאַ־ציאָנאַל, זיין ביטערע קעגנערשאַפט צו דער קאָמוניסטישער טאַקטיק אין די דעמאָקראַטישע לענדער, פון „בויערן פון אינעוויינק״, א. אַז. וו. און אָט קומט ברעסלוי צוריק, און אַלע, אַלע צדדים אין דער אַרבעטער באַוועגונג וואַרטן געשפּאַנט אויף ברעסלויס „גרוס פון קאָמוניסטישן גן־עדן״. זיין יוניאָן וויל פאַר אים אָרגאַניזירן אַ פּאַראַדנעם קבלת פּנים, ד. ה. אַ באַנקעט, אָבער דער דעמאָקראַטישער ברעסלוי וויל בעסער ריידן צום פאָלק אַליין. און ער רעדט צו אַ מאַסע פון 1500 מענטשן. פולע צוויי שעה געדויערט זיין גרוס: 1) עס איז דאָ אויפ־ריכטיקער שטרעבן צו קאָמוניזם; 2) עס איז דאָרט פאַראַן געגנוג צו עסן; 3) די רעגירונג דינט, לויט איר באַגריף, דאָס פאָלק; 4) די מלוכה האָט אָפּגעשאַפט דעם קאַפּיטאַליזם; 5) די רוסלאַנד פון 1935 איז פיל פרייער ווי „מיין״ רוסלאַנד פון 1907.

אָט־די רעדע האָט ווי אַ באָמבע עקספּלאָדירט אויף דער אַרבעטער־וועלט. די קאָכעניש איז דערגאַנגען עד לב השמים. קאָמוניסטן האָבן זיך געפרייט און „רעכטע״ זיינען געווען דערשלאָגן, פאַרביטערט. די „פרייהייט״ האָט דעם באַריכט צעלייגט אויף טעלערלעך און דער „פאָרווערטס״ האָט באַריכטעט פונקט דעם היפּוך וואָס ברעסלוי האָט גערעדט. דער „טאָג״ האָט זיך אַריינגעלייגט אין מיטן, האָט געשיקט אַ רעפּאָרטער צו ברעסלוין, צו דערציילן דעם אמתן אמת. דאָס איז גע־ווען ווי אויל אויפן פייער. דער סוף איז געווען, אַז דער „פאָרווערטס״ האָט געמוזט שיקן דעם שרייבער ליליפוט צו נעמען ביים קאָנטראָווער־זיאָנעלן מרגל אַ וואָרט־אין־וואָרט באַריכט, אים אָפּדרוקן לויט נוסח ברעסלוי און זיך פאַר אים אַנטשולדיקן.

וואָכן און חדשים, אויב ניט יאָרן, האָט מען ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן דעם פּריטשמעליענדיקן „גרוס״ פון דעם מענעדזשער פון דער קלאָוק־פּרעסערס יוניאָן. אַזוי וויט, ווי אין 1939, האָט אַב. קאַהאַן, אין איינעם פון זיינע לענגערע אַרטיקלען קעגן ברעסלוי אים אָנגערופן „דער טראָיאַנער פערד״. פון דער אַנדערער זייט, איז ניט קליין געווען די צאָל פון די אַלץ־וואָקסנדיקע פאַרערער פון יוסף ברעסלוי, סיי פון דער מאַסע און סיי פון די פירער. אויף אַ צאַתך לשלום־באַנקעט פאַר וולאַדעקן, צו זיין אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל און רוסלאַנד, אין יאָר 1936, האָט וולאַדעק ניט פאַרפעלט צו דערמאָנען, אַז ער וועט זיך באַמיען צו זיין אַזוי אָביעקטיוו ווי עס זיינען געווען די שלוחים וואָלטער סיטרין פון ענגלאַנד און יוסף ברעסלוי פון אַמע־ריקע.

## ה

און פונקט אַזוי האָבן זיך פאַר דער עפנטלעכקייט אַנט־פּלעקט, צוויי יאָר שפּעטער, ברעסלויס אייגנשאַפטן און כאַראַקטער־

שטריכן, ביי זיין ברענגען אַ „באַריכט״ פון ארץ־ישראל, וואוהין ער איז דעלעגירט געוואָרן צוזאַמען מיט זעקס אַנדערע יוניאַן־פירער.

ברעסלויס גייסטיקער באַגאַזש אין אַמעריקע איז געווען דער בונדיזם. ציוניזם איז פאַר אים געווען טאַבו. ווען מאַקס פיין — מיט וועמען ער האָט, אַגב, פיל כאַראַקטער־ענלעכקייט — האָט אים איינגעלאַדן צום ערשטן מיטינג פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, ביי גרינבערגן אין רעסטאָראַן, האָט ער די איינלאַדונג ניט אַנגענומען. און — איצט פאָרט ער גאָר אויסקוקן דאָס לאַנד...

און אויך אין היפּאָדראָם, וואו עס איז פאָרגעקומען דער קבלת־פּנים פאַר די טרייד־יוניאַן שלוחים, איז ניט איין פאַר אויגן געווען געווענדט צום אויסגעפּרובירטן אַנטי־ציוניסט. און אָט קומט ברעסלויס ריי צו ריידן. און, אויף זיין כאַראַקטעריסטישן פאָלקסטימלעכן שטייגער, זאָגט ער:

— זינט איך בין געקומען פון ארץ־ישראל זיינען מיך מענטשן בודק, צי איך טראָג ציצית. זאָג איך דאָ קלאָר: אויב אַלץ וואָס איך האָב געזען דאָרט איז ציוניזם, בין איך אַ ציוניסט״.

און האָט ברעסלוי דערזען דעם אמת און די שיינקייט פון דעם חלוצישן לעבן אין ארץ־ישראל, איז אים ניט אַנגעקומען שווער צו צעברעכן זיינע יוגנט־לוחות פון „בונד״. און זינט דאַן איז ער אין שפּיץ פון דער היגער פירערשאַפט פאַר דער „הסתדרות״, — אַן עובדא און אַ דערגרייכונג מיט וועלכער אַלע טוער פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין שטאָלצירן.

## ז

ניט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו זען ברעסלוין „ביי דער אַרבעט״. ווי ער מישט זיך, אַן פּאַזע, אין פאָלק. ווי ער נעמט אַ וואַרעמען אינטערעס אין יעטווידן מיטגליד פון לאָקאַל. ווי מען לאַדט אים איין צו די אינטימע שמחות פון „זיינע״ פּרעסערס. ווי מען קומט צו אים מיט היימישע „פּראָבלעמען״. ווי זיין „מענעדזשער־טיר״ איז שטענדיק אָפן פאַר יעדן איינעם. ווי זיין טעלעפאָן ווייסט ניט פון קיין „דיפּלאָמאַטישע אָפּוועזנקייטן״... ווי ער האָט פאַר יעדן געדולד און פאַר אַלעמען — צייט. און ס'איז מיר קלאָר געוואָרן ניט איין זאַך: זיין פאָרגעטערונג ביי „עמד״ און דער דרך־ארץ פאַר אים ביי די אַקטיוויסטן פון דער יוניאַן; זיין קאַמף קעגן זיגמאַנען און זיין חברן זיך מיט דעם פּאָעט העלערן; זיין ליבע־שוואַכקייט פאַר דער „פעדער״, וועלכע ער נעמט גאָר אָפט אין האַנט און זיין שטאַרקע האַס צו דער פּוסטער פּאַרטייאישער פראַזע. ווייל ברעסלוי האָט געזען, סיי היסטאָריש, ווי אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, צ. ב., און סיי אין זיין

אייגענעם דור, ווי מען זשעסטיקולירט אַפּט מיט דער „מענטשהייט" און ווי גלייכצייטיק טרעט מען און מען צעטרעט דעם מענטשן, דעם יחיד.

האָט ער דעריבער, באַטראָטן דעם וועג פון רעאַליסטישן אידעאַ־ליזם; דעם דרך פון עכטער דעמאָקראַטישקייט, אין קאַמף פאַרן אמת און אין דינסט פון דעם יחיד.

ז

אין זיין „טרער אויף יעקב י. העלערס קבר", אין „גע־רעכטיקייט" שרייבט יוסף ברעסלוי:

„איבער דעם וואָס ביי אונז איז אַ באַוועגונג פון אידייען, זיינען דאָ מיינונגס־פאַרשיידנקייטן. און אַזוי ווי יעדער דענקט אַז זיין מיינונג איז די ריכטיקסטע, האַלט מען אין איין אַרגומענטירן. אַזוי, צי אַזוי, זיינען מיר אַלעמאָל אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד.

„ביי אונז גייט מען ניט, מען לויפט; ביי אונז רעדט מען ניט, מען שרייט; אַלץ ווערט געטאָן אונטער אַ גרויסן דרוק און מיט שרעק־לעכן אימפעט. און אין מיטן דעם גרויסן אימפעט לאָזט מען אונז וויסן, אַז איינער פון אונזערע קאַלעגן איז געפאַלן אויף זיין פּאָסטן. מיר דערוויסן זיך, אַז אונזער גוטער פריינט און חבר, אונזער באַליבטער יעקב י. העלער איז געשטאָרבן.

„דאָס גיסט אָפּ אַלעמען ווי מיט אַן עמער קאַלטן וואַסער. אַלע ווערן פאַרגליווערט, און אויפן מאָמענט פרעגן אַלע די אַלטע קשיא: צו וואָס דאָס לויפן, צו וואָס דאָס קריגן זיך, צו וואָס דער אימפעט? וואָס איז דער צוועק פון דעם גאַנצן לויפעניש? נאָר אַזוי טראַכטנדיק און מעכאַניש גייען אַלע צו העלערס לוויה".

אַפילו ביי דער לוויה פון אַ קאַלעגע באַמערקט ברעסלוי די מע־כאַנישקייט פון מאַנכע באַטייליקטע אין צוטיילן דעם לעצטן כבוד אַ ברודער־אין־קאַמף, אַ נאָענטן קאַלעגע, איינעם מיט וועלכן מען האָט אָט־ערשט געפאָכטן צוזאַמען אויף די „באַריקאַדן", ווי דער אַמאָליקער פאַרטיי־זשאַרגאָן פלעגט עס אָנרופן, און אָט פירט מען אים שוין אויפן לעצטן וועג.

ברעסלוי פאַרלירט קיינמאָל ניט פון אויג אָט־דעם לעצטן וועג. ער פאַלט אָפּט אַריין אין מעדיטאַציע פון דעם מענטשנס הבל־הבלימדי־קייט. און אין ליכט פון אָט דער פילאָזאָפיע, און אין שיין פון אָט־דער ליכט וואָס קען זיך היינט־מאָרגן אויסלעשן, שטייט ער, ווי אַ געטרייער שומר, אויף זיין פּאָסטן צו וואַכן איבערן גורל פון זיינע ברידער, און צו באַשיצן די לעבנס־ליניע וואָס די מיט־מענטשן זיינע האָבן אים מיט אַזוי פיל צוטרוי אָנפאַרטרויט.

# חיים גוטמאַן (דער לעבעדיקער)

### א.

די טעג איז מיר אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט אים ביי אַ מסיבה פון שרייבער, רבנים און געלערנטע לכבוד אַ יונגן געלערנטן. דער איבערוועגנדיקער טייל פון די געלאַדענע געסט זיינען געווען רעליגיעזע אידן, און — געוויינלעך — באַיאַרמעלקטע. און איז נאָך ווער געווען דאָרט בגלוי ראש, האָט שוין אויף יענעם געוואָרט אַ יאַרמעלקע ביי זיין בענקל, ערב דער סעודה. צווישן די 40 — 50 בעלי משתה איז, דאַכט זיך, דער לעבעדיקער געווען דער איינציקער וואָס האָט ניט אַרויפגעצויגן אויף זיין קאָפּ די יאַרמעלקע אַפילו ביים עסן. דער עכטער, דער נאַטירלעכער „וועלטלעכער איד".

דער לעבעדיקער

זיצנדיק לעבן אים, האָט ער מיר פּרובירט באַגרינדן זיין אויסנאַמלעכע הנהגה. ס'איז קעגן זיין עסטעטיק — אָט־די פלאַכע, סטעראָטיפּישע יאַרמעלקעס. און פון יאַרמעלקעס איז ער אַריבער צו אַנדערע מינים היט און קאַפּעליושן, און צילינדערס, אַזוי אַז ניט־ווילנדיק האָט ער פאַר מיר אויפגעשפּילט אַ גערעדטן פעליעטאָן. ווי־זשע קומט ער אַהער, צווישן די חברה אַנשי־פרומאַקעס? איז דער תירוץ: חברשאַפט. דער יונגער געלערנטער, וועמען מען באַערט דאָ, איז זיינער אַ גוטער פריינט. און פאַר אַ גוטן פריינט איז ניטאָ ביי אים קיין גרענעץ פון איבערגעגעבנקייט.

מיט איבער צען יאָר צוריק האָבן זיינע פריינט, אונטער דר. א. מוקדונים רעדאַקציע, אַרויסגעגעבן אַ זאַמלבוך לכבוד זיין 50־יאָ־

ריקן יובילײ. רעדט כמעט יעדער אײנער פון די באַטײליקטע שרײַ־בער מיט התפעלות פון דעם לעבעדיקנס עקסטרעמע לאָיאַליטעט צו חברים. דר. מוקדוני אַלײן דערצײלט װעגן דעם בײַ זײַן קומען קײן אַמעריקע מיט 25 יאָר צוריק:

„איך האָב געװאוסט אַז שרײַבער ליגן ניט אײנע די אַנדערע אויף די הענדזער, אָבער אויף אַזאַ משונהדיקער פרעמדקײט און קאַלטקײט האָב איך זיך ניט געריכט.

„איך בין ממש געבליבן אײנער אַלײן אין דער פרעמדער װעלט.

„קײן קרוב און קײן גואל צװישן אײגענע, צװישן קאָלעגן... האָב איך אַלײן פּרובירט טאַפּן די װענט און געמאַכט, פאַרשטײט זיך, אַ היפּש ביסל טעותן, ביז איך האָב אין דער רעדאַקציע פון „קונדס" באַגעגנט דעם לעבעדיקן. דאָ האָב איך געפונען אַ אידישן שרײַבער, װאָס האָט אַראָפּגענומען די שװערע שטײנער פון מײַן האַרצן, װאָס אַנדערע קאָלעגן האָבן אַרויפגעלײגט, און האָט מיך חבריש און קלוג אַרײנגעפירט אין דער פרעמדער װעלט."

דערצײלט מער באַגרינדעריש װעגן דעם זײַן לאַנג־יאָריגער פרײַנט ש. יורסאָן:

„װאָס מיר געפעלט צום בעסטן בײַ דעם „לעבעדיקן — חיים גוטמאַן — איז דער חבר; זײַן חברשע באַציאונג און איבערגעבנקײט צו מיט־שרײַבער און מיט־מענטשן.

„מיר געפעלט דאָס אַזױ שטאַרק, װײַל חברשאַפט איז אַ יקר המציאות אין דער אידישער שרײַבער־װעלט.

„איר באַגעגנט אַפילו אַמאָל סימנים פון „גוט־ברודערשער" חברשאַפט אויף אונזער שרײַבער־גאַס, אָבער דאָס איז נאָר גרופּן־חברשאַפט, װאָס װערט געשלאָסן צוליב געװיסע טעמים, דורך גע־װיסע „טריטיס" און װאָס ס'װערט צעפאַלן װען די „טריטיס" װערן געבראָכן.

„בײַ חיים גוטמאַן איז חברשאַפט אַ טײל פון זײַן טאַלאַנט; בײַ אים װערט חברשאַפט דערהויבן צו קונסט, װײַל ער איז פון נאַטור אַ חבר, אַ פרײַנט, אָן טעמים און אָן טריטיס.

„מען דאַרף, נאַטירלעך, אים נאָענט קענען צו קאָנען אָפּשאַצן ריכטיק דעם אוצר װאָס ער טראָגט אין האַרצן. אין זײַנע שריפטן, סײַ די ערנסטע, סײַ די שפּילערישע, לאָזט ער דעם אוצר זיך ניט אַנטפּלעקן. ער האַלט אים פאַרטוליעט, פאַרבאָרגן, און די מערסטע לײענער זײַנע קריגן אָפּט דעם אײנדרוק, װי ער װאָלט געבלאָזן פון זיך מיט קאַלטקײט, מיט אינדיפערענץ."

צװישן די װאָס שרײַבן מיט באַגײסטערונג װעגן חיים גוטמאַנס חברשאַפט־קונסט זײַנען תלוש, א. זעלדין, יואל סלאָנים, מ. דאַנציס, מ.

י. חאַימאָוויטש, אברהם רייזען און שאול ראַסקין העכסט איבער־צייגנדיק.

מיר שיינט, אָבער, אַז די בעסטע דערקלערונג פאַר דעם לע־בעדיקנס עקסטרעמע לאָיאַליטעט צו חברים איז די ערנסטקייט פון זיין כאַראַקטער. כאָטש ער איז געווען דער גרינדער־רעדאַקטאָר און הויפט־מיטאַרבעטער פון „קיבעצער״, האָט יאָרן־לאַנג מיטגעלעבט מיט די „סטאַר״־קיבעצער פון „קונדס״ האָט דער קיבעץ צו אים זיך קיין־מאָל ניט צוגעקלעפּט. די הפקרדיקע לצנות האָט ניט געקענט צוקומען נאָענט צו אים און קריגן איבער אים די שליטה.

מיט דעם מאָסשטאָב פון ערנסטקייט קענען פיל שטריכן פון דעם לעבעדיקנס פּנים ווי געהעריק געצייכנט און באַלויכטן ווערן, און מיט דעם קען אויך דערקלערט ווערן זיין אומבאַגרענעצטע ליבשאַפט און געטריישאַפט צו יענע מזלדיקע חברים זיינע, וועמען ער האָט אָנגע־געגנט און אויסגעוויילט און זיי צו זיך צוגעהאָפטן.

ב.

ביים דערמאָנען מאָלצייט האָב איך אים דערמאָנט וועגן אַ געוויסער עולם־הזהדיקייט וואָס מען שרייבט אים צו. האָט ער זיך מודה געווען אין זיין „זינד״, וואָס ער קען, קיין עין־הרע, „אַריינעסן״. נאָר דאָס איז נאָר געוואָרן צווישן חברים, „צו האַלטן געזעל־שאַפט״. אין דער היים עסט ער וויניק. „אָפט — זאָגט ער מיר — איז מיין וועטשערע אַ גלאָז מילך.״

די לעגענדעס וועגן זיין גרויסן אַפּעטיט, קומען פון דעם וואָס בטבע האָט דער קורץ־געוויקסיקער „לעבעדיקער״ ליב צו טאָן זאַכן אויף אַ גרויסן פאַרנעם: שטיפן אַ סך, רעדן „פאַר אַ מייל״, שפּאַצירן אָן אַ ברעג, לייענען אָן אַ גרונט און שרייבן אָן אַ סוף...

ג.

און דער לעבעדיקער האָט אַ סך געשריבן. פאַר אַזאַ טיפּ שרייבער ווי חיים גוטמאַן איז — אַ באַקעמפער פון דער פּאַרטיי־אישקייט פון פּאַרטייען און אַ מענטש אָן עלנבויגנס — האָט ער דאָך דערלעבט נחת פון צען בענד געזאַמלטע ווערק זיינע. און וויפיל זיי־נען ניט געזאַמלט געוואָרן? מינדעסטנס נאָך צוויי מאָל צען בענד. און דערצו שרייבט ער די לעצטע יאָרן זיינע אין אַזאַ סביבה, וואו ער קען זיכער זיך ניט צעוואַרעמען אַלאַ פּאַמפּאַדור... וויפיל פרייהייטן ער זאָל ניט האָבן אין קאָנסערוואַטיוו־אָרטאָדאָקסישן „מאָרגן זשור־נאַל״ קען ער דאָ ניט לאָזן אין גאַנג זיין שפּרודלדיקן וואָרט־שפּיל, קען ער דאָ ניט אויפבליצן מיט זיין משלי־מעסיקן אַפאָריזם און אומגיין ווי אין די טעג פון „פּאַמפּאַדור״, אַ גאַלאַנט־שפּאַצירנדיקער, מיט אַ

פרעג־צייכן שפּאַקטיוו אויף די טומל־גאַסן און שקר־עוועניוס פון אונזער קולטור־געזעלשאַפטלעכן יאַריד.

ד.

מיט דער זעלביקער ערנסטקייט ווי ער נעמט זיך און זיין פעדער, אַזוי טרעט ער צו צו דעם וואָרט, דעם געשריבענעם און געדרוקטן, פון זיין חבר און ניט־חבר. דער לעבעדיקער איז פון דעם סאַמע ערשטן מנין אויפמערקזאַמע לייענער פון אַלץ וואָס דערשיינט אין אידיש.

אין זין פון הויבן די חשיבות פון אידיש אין אַמעריקע קען מען אים שטעלן שולטער־אין־שולטער מיט דר. חיים זשיטלאָווסקי. נאָר בעת חיים זשיטלאָווסקי איז געקומען צו אונז פון דער דרויסנדיקער וועלט, האָט חיים גוטמאַן ניט געדאַרפט קומען: ער איז געווען אַן אינעווייניקסטער. זיין רעוואָלוציאָנערישקייט האָט ער געשעפּט פון איינעם פון זיין פאָלק — פון אחד העם; אַ פרוי האָט ער זיך גענומען פון איינער פון די טעכטער בישראל — און טאַקע פון זיין געבורט־שטעטל; און קינדער, אידיש־דערצויגענע, און אַפילו אידישע שריי־בער האָט ער אויפגעשטעלט פאַר זיין פאָלק (ס'איז מיר אַ שטאָלץ צו דערמאָנען, אַז זיין הי־געבאָרענעם זונס, עזרא גוטמאַנס, ביכל לידער „ערשטע טריט" האָב איך פינאַנסירט און אַרויסגעגעבן).

בעת זשיטלאָווסקי איז געקומען צו אונז מיט מוסטערן פון דרויסן, פון דער ניט־אידישער וועלט, איז גוטמאַן אומגעגאַנגען איבער די שליאַכן און שטעגן פון רויען היגן אידישן לעבן און האָט געזוכט אָפּט מיט זיין סאַטירע און אַמאָל מיט זיין פּאַמפּאַדורישער לירע אויסוואָרצ־לען דאָס קליינשטעטלדיקע ווילדפלייש וואָס איז הרובעסוויז געלעגן ביי די שוועלן און אין די שטיבער פון דעם הילפלאָזן אידישן אימי־גראַנט.

ה.

חיים גוטמאַן האָט אין זיינע אָנפאַנגער־יאָרן אָנגעהויבן מיט לידער און דערציילונגען. ער האָט, אָבער, קענטיק געשטעלט צו הויכע פאָדערונגען צו זיך, און, אין רעזולטאַט, זיינען די בעסטע עלעמענטן פון זיין דיכטערישער באַגאַבונג און די תוכיגסטע מעלות פון זיין דערציילערישן טאַלענט אַריינגעקאַרבט געוואָרן אין זיין עסיי־איסטישן פעליעטאָן און אַזוי אַרום האָט זיך אויסגערייפט די פעדער פון דעם לעבעדיקן וואָס איז אַ געבענטשטע קאָמבינאַציע פון דיכטער, דערציילער, עסייאיסט און דענקער־פילאָזאָף גם יחד.

איך האָב איצט ניט אונטערן האַנט זיינע צען בענד געזאַמלטע שריפטן. וועל איך מיין טעזיס קענען נאָר אילוסטרירן דורך די לעצ־

טע צוויי בענד שריפטן זיינע: 1) „אידן אויף דער וואָגשאָל״, פּאַראַ־דאָקסן און שטימונגען און 2) „די אייביקע מלחמה״, סאַטירן, הומאָ־רעסקעס און לעקציעס וועגן מאַן און פרוי. ביידע ביכער זיינען דער־שינען אין וואַרשע, אין 1937 אין פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ.

ו.

**ד**עם לעבעדיקנס סאַמע לעצטע צוויי בענד פעליעטאָנען, אָדער פעליעטאָניסטישע עסייען, האָבן אַלע כאַראַקטעריסטישע הויפּט־מעלות פון זיינע פריערדיקע ווערק: 1) **אַפאָריזם־מעסיקע פּרעציזקייט** פון אויסדרוק; 2) אייגנאַרטיקער אופן פון אַריינברענגען אין זיין טע־מאַטיק די צאַפּלדיקע געגנוואַרטיקע פּראָבלעמען, אַלגעמיינע און, איבערהויפּט, אידישע און דערביי קיינמאָל ניט פאַרלירן פון אויג די היסטאָרישע פּערספּעקטיווע; 3) זיין ערנסטער, זאָל איך זאָגן — זיין אידעאַליסטישער צוגיי צו זיך און צו דער וועלט, וואָס זעט זיך בולט אַרויס פון זיין יעדן זאַץ, ניט געקוקט אויף דער שטאַרקער באַמיאונג פון דעם איראָניקער אין דעם לעבעדיקן אויף ווי ווייט מעגלעך צו פאַרהילן און אַרויפצוציען אַ שלייער פון טוי אויף אָט־דעם ערנסט. דאָס איז דעם לעבעדיקנס חוט המשולש — די פעסטונג פון זיין דריי־אייניקייט פּראָנט.

דעם לעבעדיקנס איצטיקע געזאַמלטע ווערק האָבן אויך די ביי־מעלה פון זיינע אַלע מערסטע שאַפונגען: זיי לייענען זיך אָנגענעם אין דער שטיל, און בעטן זיך פאַרלייענען פאַר וועמען אין דער הויך. אַז מען האָט דעם לעבעדיקנס ווערק ביי זיך אין הויז (אַ גוטער „שלאָג־לער״ פאַר ביכער־אַגענטן) קען מען שוין איינשפּאָרן כיבוד. מען נעמט אַרויס אַ ספר זיינעם, און מען הויבט אָן פאַרלייענען. ווערט שוין זיין פריילעך. עס ווערט שוין פּראָוואָצירן אַ דיסקוסיע.

און נאָך האָבן אָט־די צוויי ביכער אַ מעלה: מען דאַרף ניט בלע־טערן קיין סך, צו געפינען עפּעס פּיקאַנטס פּאַסיקעס אויף פאַרצוליייענען. וואו מען גיט אַן עפן — איז אינטערעסאַנטער מאַטעריאַל. דאָס ערשטע בוך — אידן אויף דער וואָגשאָל — איז אַ מין אייגנאַרטיקער טעקסט־בוך פאַר סטודענטן פון געגנוואַרטיקע אידישע פּראָבלעמען. איר האָט דאָ: אידישע פּראָדוקטיוויזאַציע, פּאָגראָמען, קאָלאָניזאַציע, ציוניזם, בירא־בידזשאַן, אַנטיסעמיטיזם, אידישע פּרנסות, א. אַז. וו. דאָס צווייטע בוך — די אייביקע מלחמה — איז אַ פעליעטאָניסטישער שפּיל מיט די פונדאַמענטן פון אייביקן פּראָבלעם „מאַן און פרוי״ — אין לעבן. דער לעבעדיקער וויל דאָ אָנווינקען, אַז אַפילו נאָך משיחס קומען, ווען אַלץ און אַלעס וועט שוין זיין אויסגעגליכן און פאַרענטפערט, וועט דער מאַן־פרוי פּראָבלעם בלייבן אַ ניט־פאַרענטפערטער, אַ ניט־געלייזטער.

ז.

ווי געזאָגט, איז דער לעבעדיקער פון אונזערע גע־ציילטע שריפטשטעלער וואָס האָט ניט פאַרלאָרן זיין ערנסט, ניט גע־קוקט אויף זיינע היפשע יאָרן זיין אין דער פאַרמאַטעריאַליזירנדיקער אַמעריקע. ער איז נאָך אַלץ אַן אידעאַליסט. ער איז אָבער פון יענע גליקלעכע אידעאַליסטן, ביי וועמען דער וועלט־שמערץ הענגט ניט נאָך שטענדיק ווי אַ לונג־און־לעבער אויפן נאָז. ער איז אַ מייסטער אויף באַלאַנס. ער ווייסט דעם סוד פון פּראָפּאָרציע. ער דערגייט זעלטן צום גרענעץ פון „צופיל". און רעדנדיק וועגן צופיל, בעט זיך טאַקע ציטירן דעם סוף פון זיין עסיי „אַ פאַלק פון צופיל".

„מיר באַהאַנדלען שלעכט אַ קעגנער. און אַפּלאָדירן צופיל צו־זאָגער, צו־פיל דעמאַגאָגן, צו־פיל מענטשן, וואָס „לויפן" אין אונזער נאָמען... צו־פיל וואונדער־קינדער, צו־פיל פּאָעטן, לויט אונזערע שוואַ־כע פּראָזאַאישע כוחות. און בכלל שרייבן מיר צו־פיל. און דיסקוטירן וועגן קליינִיקייטן און נישטיקייטן: פון אַ בלאָז פון אַ שטרויעלע מאַכן מיר אַ ציקלאָן. פון אַ זשוזשע פון אַ פליג — אַ רעווע פון אַ לייב.

„און מיר זידלען זיך צו־פיל.

„רעזומע: מיר זיינען די „צופילניקעס" פון דער וועלט. אונז פעלט איינגעהאַלטנקייט און אויסגעהאַלטנקייט...

„מיר האָבן וויניק פון אַלץ, וואָס מיר דאַרפן, און האָבן צו־פיל פון אַלץ וואָס מיר דאַרפן נישט..."

ווען דער לעבעדיקער וועט לייענען אָט־דעם ציטאַט זיינעם, וועט ער זיכער שמייכלען: צו־פיל ציטירט. אָבער דאָס איז דער לעבע־דיקער. זיינע פּסוקים בעטן זיך ציטירן, פּונקט ווי זיי בעטן זיך צו לייענען בלחש, פאַר זיך, און נאָך מער — זיי פאַרצולייענען פאַר אַנדערע.

ח.

זיין עסיי „פּאָגראָמען אויף זיך אַליין" קען געַנומען ווערן ווי אַ מין קרעדאָ, ווי זיין אַני מאמין פון דער שרייב־אויפגאַבע:

„... נישט נאָר מאַכט די גאַנצע וועלט אויף אונז פּאָגראָמען, נאָר מיר אַליין מאַכן אויף זיך אַליין אויך פּאָגראָמען... אונזער פּרעסע — אַ פּאָגראָם־פּרעסע... אָפט, ווען איך לייען אונזער פּובליציסטיק, און מיינע פעליעטאָנען אַריינגערעכנט, הויב איך אָן צו גלויבן, אַז מיר אַליין זיינען די געפערלעכסטע ליבהאָבער פון פּאָגראָמען... און ווילט איר אַוועקנעמען אָט די דאָזיקע פּאָגראָם־אייגנשאַפט פון אונזער פּו־בליציסטיק, בלייבט ביי אונז אַ טויטקייט... אַפילו אַנאָנסן שרייבט מען ביי אונז ווי פּאָגראָמשטשיקעס... אין אונזער פּרעסע, ווי אין אונזער

שאַפן בכלל, פעלט איבערהויפּט די שטילקייט, דער שאַ, דער פּיאַני־סימאַ, דער בלחש־טאָן".

און דאָ קומט אַריין די ראָליע פון לעבעדיקן אין דער מלוכה פון אידישן וואָרט אין אַמעריקע: ער האָט פאַרווייכערט דעם האַ־מעטנעם אידישן זאַץ. ער האָט אַריינגעבראַכט דעם ליריש הומאָריס־טישן טאָן אין דער אידישער פּובליציסטיק. ער האָט באַשטראַלט מיט טוי פון איראָניע די פּראָקלאַמאַציע־מעסיקע זשורנאַליסטיק וואָס הערשט נאָך, מיט געציילטע אויסנאַמען, עד־היום, אויף אונזער טומל־גאַס. און ועל כולם — ער האָט פאַרהומאָריזירט די איינטאָגיקע, די איינזייטיקע, די היסטערישע אידישע פּובליציסטיק פון אַמעריקע.

און אָט־די אײדעלע עובדא פירט דער לעבעדיקער שוין דורך איבער 40 יאָר דאָ אין לאַנד. און אין נאָך אַ זין איז ער פאַרגליכן צו דר. זשיטלאָווסקין: פּונקט ווי זשיטלאָווסקי, האָט ער אי חסידים, אי תלמידים. חסידים — ביי דעם עולם לייענער, און תלמידים — ביי די שרייבער. תלמידים — גוטע און שלעכטע. ב. צ. גאָלדבערג, צ. ב. — איז איינער פון זיינע תלמידים. אַ גוטער אָדער אַ שלעכטער? — זאָל דער לייענער אַליין משפּטן. אָבער יעדער קאָלום זיינער איז ווי גע־שריבן מיטן לעבעדיקנס האַנט. איר געפינט דעם לעבעדיקנס אַפאָ־ריזם־נוסח ביי אַ ריי אַנדערע שרייבער היגע, אַפילו ביי זייער פּראָ־מינענטע. צי אונזער קאַזיאָנע קריטיק וועט עס אַרונטערשלינגען, צי ניט — דער לעבעדיקער האָט געשאַפן אַ שולע אין דעם היגן אידישן זשורנאַליזם.

צו דעם לעבעדיקנס מעלה פון פּרעציזקייט, איז ער נאָך אויך געבענטשט מיט געוואַלדיקער פּראָדוקטיוויטעט. די תושבים־לעזער זיינע וועלן זיכער געדענקען, אַז ס'איז געווען אַ צייט ווען דער לעבע־דיקער האָט געשריבן גלייכצייטיק אין 5־6 צייטשריפטן: אין „גע־רעכטיקייט", „קונדס", „אידישער קעמפער", „אידישע פאָלק" און „פרייע אַרבעטער שטימע", און, אפשר, נאָך ערגעץ־וואו. און אַ דאַנק אָט־דער פּראָדוקטיוויטעט זיינער פון איין זייט, און דער נייאיקייט און אַנגענעמקייט פון לייענען אים, פון דער צווייטער זייט, האָט דער לע־בעדיקער דערוואָרבן טויזנטער חסידים־לייענער עד־היום הזה.

מיר איז דעריבער געווען אַ וואונדער אויף אָט־די חסידים זיינע, וואָס זיינען געבליבן אין באַהעלטעניש ווען ניגער איז אַרויס מיט אַ בייזער, אומגערעכטער און איינזייטיקער רעצענזיע אויף דעם לעבע־דיקנס צוויי בענד שריפטן, וועגן וועלכע איך האָב דאָ מאריך געווען.

מילא, שרייבער — איניקע, לכל הפחות — האָבן אפשר געקענט אַנקווועלן ווען זייערס אַ קאָלעגע ווערט מיסהאַנדלט. וואו, אָבער, וואו זיינען געווען די אמתע, ניט צוויי־פּנימדיקע פאַרערער זיינע?

נאָר דאָס איז שוין, הפנים, דער וועג פון דעם פּיאָנערישן שריפט־שטעלער אונזערן: אַנשטאָט בלומען — דערנער.

אַ דערנער־וועג איז דער דרך פון אונזער ערלעכן אידישן שרייבער. דאָס איז דער גורל פון אונזער איידעלן אידישן וואָרט בכלל.

ט.

מיט חיים גוטמאַנען, מיין בן־עיר, אַ איד פון פּעטריקאָוו, מינסקער גובערניע, האָב איך זיך ערשט באַקענט אין אַמעריקע. ווען איך האָב נאָך אין דער היים געשפּילט קנעפּלעך, האָט ער שוין געהאַט פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע און האָט גענומען רודערן אַלס שרייבער אין נייעם לאַנד.

נאָר זיין טאַטן, עליע דעם ברעגער, האָב איך געקענט. און אויף דעם „פאַראַכאַד״ בין איך עטלעכע מאָל געפאָרן קיין מאָזיר, צו באַזוכן מיינע אַ מומע. נאָר וואָס פאַר אַ פאַרגלייך איז דאָס מיט חיימקען, וועלכער איז אין דער גאַנצער יוגנט זיינער און אין זיין בחורשאַפט אָפּגעלעגן אויף דעם ברעג און פלעגט קוקן אַ פאַרבענקטער צו יעדן אָפּפאָרנדיקן פאַראַכאַד, און פלעגט מקנא זיין די פּאַסאַזשירן, וועלכע ציען אין די וויטע מקומות, אין די גרויסע שטעט.

נאָר בעת אין דער יוגנט האָט ער, פון זיין אונטערבאַרגישן שטיבל, אַראָפּגעקוקט, אַ פאַרטרוימטער, צום פּריפּיעט, און געבענקט נאָכן טומל פון די גרויסע שטעט, קוקט איצט דער לעבעדיקער פון זיין איצטיקער ניו־יאָרקישער רעזידענץ, ביים דראַיוו, צום האָדסאָן צו, און גאַרט צו אַנטלויפן, אויף וויפיל עס לאָזט זיך, פון אָט־דעם שטאָטישן רעש, פון געזעלשאַפטלעכן האַרמידער, פון שרייבערישער קנאה־שנאה, און פאַרוואָגלט ווערן וואו אויף אַ פאַרם און פאַרטיפן זיך, ווידער, ווי אין די טעג פון זאַראַטוסטראַ, אין די אייביקע אומגעלייזטע פּראָבלעמען און רעטענישן וואָס מאַטערן דעם איש תמים.

ווייל בטבע איז דער לעבעדיקער איינער פון די שטילסטע בירגער אויף דעם שרייבערישן קאָנטינענט.

און — צו זיין איצטיקן פאַרשוויגענעם בן־ששים, ווינטש איך אים, ער זאָל מוט און כוח האָבן ווייטער צו גיין דעם באַרג־אַרויפאיקן שליאַך פון פאַראַנטוואָרטלעכן, פון בויענדיקן אידישן וואָרט אויפן צעקיבעצטן, צעצינישטן און פאַרקליקעוועטן היגן באָדן.

# מאַקס גאָפּט

## א.

די וואָס זאָרגן וועגן גורל פון אידן און אידישקייט דאָ אין לאַנד האָבן זיך ניט איינמאָל אָנגעשטויסן אָן דעם פּראָבלעם „ניו־יאָרק". ווייל ווי עס ניו־יאָרקעוועט זיך, אַזוי לאַנדעוועט זיך. אין אַנדערע ווערטער — דאָס לאַנד קוקט ניו־יאָרק אין מויל אַריין. און דער־פאַרענע כלל־טוער ווייסן, אַז ניו־יאָרק איז שווער צו אָרגאַניזירן. באַלד האַלב פון אידנטום אין אַמע־ריקע איז צוזאַמענגעקלאַמערט אָט אין דער איין שטאָט. איז די פּי־גור פון שטאָטישן אידנטום זיך, קיין עין־הרע, אַזוי צעוואַקסן, אַזוי דיספּאָרמירט געוואָרן, אַז עס איז גאָר שווער אַרומצונעמען אַפילו מיטן אויג אָט די מעכטיקע פיגור. דער רעזולטאַט איז, אַז די צוויי און אַ פערטל מיליאָניקע אידישע מעטראָפּאָליע איז היפּש הינטער־שטעליק לגבי דער פּראָווינץ.

מאַקס גאָפּט

וואָס האָבן, אָבער, געטאָן די גרויס־פאַרנעמיקע אויפטוער און, איבערהויפּט, די קאַמפּיינער פון די מיליאָנען דאָלאַרדיקע פאָנדן? זיי האָבן צעפּאַלמעסט די שטאָט ניו־יאָרק אין 40 קליוולאַנדס. איין שטיקל קליוולאַנד הייסט וויליאַמסבורג, אַן אַנדערער — באָראָ־פּאַרק, א.אַ.וו. יאָרן לאַנג פון שוועריקייטן, פון פאַרלאָרענע ענערגיע האָט דאָס גע־נומען ביז מען איז געפאַלן אויפן שכל פון צעפּערציקטלען די שטאָט. די גבורה פון געלט קען, הפנים, אַלץ גובר זיין.

אָט־דאָס לענגלעכע הקדמהלע האָט דאָ געדאַרפט אַריינגעזעצט ווערן, כדי צו ווייזן די שוועריקייט פון צו דערגיין ביז צום שוועל פון אַ ניו־יאָרקער געזעלשאַפטלעכן רודערער. דרייסיק יאָר האָט אַ מענטש געבויט און געשאַפן, האָט דורכגעפירט זיין באַשטימטע היסטאָרישע שליחות, און ערשט ביים ראַנד, כמעט, פון זיין לעבנס־ווערק האָב איך אים געקענט אַנטקעגנטראָגן מיין ערשטן שלום עליכם.

ב

מיין באַקאַנטשאַפט מיט דעם שטאָל־ריינעם און שטאָל־שטאַרקן אַרבעטער־פירער מאַקס גאָפּט איז פאָרגעקומען אויף אַ ליטעראַרישער אַלייע, אין די אָנהויב וואָכן פון 1935, אין סאַמע קאַמף פאַר געבורט פון מיינע ערשטע שטורעם־נומערן „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט". דער זשורנאַליסט י. ד. גאָלדמאַן, וועלכער האָט זיך אין יענער צייט געמחותנט מיטן „וואָכנבלאַט", האָט מיר דערציילט וועגן אָט־דעם פאַר־מיר־נייעם אידישן אַרבעטער־פירער, און וועגן זיין סימפּאַטישער באַציאונג צו אידיש, צו אידישע שרייבער; ער האָט מיר אויך מגלה־סוד געווען, אַז אונטער זיין רעדאַקציע דאַרף באַלד דערשיינען אַ זאַמלבוך, א. נ. „גאָפּט יובּיליי־זשורנאַל" מיטן אָנטייל פון ב. וולאַדעק, ה. לאַנג, מ. אָשעראָוויטש, מ. פּערלמוטער, י. לאַלאַ, נ. כאַנין, ב. באַטווינ‍יק, ב. ווײַנשטיין, ליליפּוט, א. אַנד.

אָט די אַלע חשובע טוער און שרייבער — טראַכט איך ביי זיך — באַטייליקן זיך מיט אָפּשאַצונגען, איבערבליקן, מעמואַרן, איינדרוקן וועגן אַ מענטשן וועמעס נאָמען איז פאַר מיר געווען, כמעט, אומבאַקאַנט, איז, בפירוש, אַ מצווה צו באַקענען זיך מיט אַזאַ אידן. און דער ערשטער טראָט צו באַקאַנטשאַפט איז געווען מיין דערמוטיקן אָט־דעם גאָלדמאַנען, אַז ער זאָל טאַקע דערציילן אויף די קאָלומס פון „וואָכנבלאַט" וועגן די פּיאָנערישע ראַנגלערייען, די געוואונענע מוראדיקע שלאַכטן און די אַרבעטער־פּאָזיציעס דורך די קאָמבינירטע מעלות און באַגאַבונגען פון דעם אידישן אַרבעטער־סטראַטעג און רעוואָלוציאָנערן דורכברעכער מאַקס גאָפּט.

ג

דער נעמלעכער גאָלדמאַן, דער ליטעראַרישער שדכן צווישן גאָפּטן און מיין באַשיידענער ליטעראַרישער מלוכה, וואַרפט־אָן אינם דערמאָנטן זאַמלבוך, געגוג בולטע שטריכן פון גאָפּטס אינגל־און־בחור־יאָרן, געגוג אויף אַ סאָלידן הינטערגרונט צו אַ פּענזל־צייכענונג פון מיין איצטיקן העלד:

„מאַקס גאָפּט איז געבאָרן געוואָרן דעם 28טן אָקטאָבער, 1884, אין דעם קליינעם שטעטעלע שימיאַטשי, מאָהליווער גובערניע, ביי שטרענג־אָרטאָדאָקסישע עלטערן פון דעם סוחרישן שניט. גאָפּטס פאַמילע האָט הינטער זיך אַ דורות־לאַנגן יחוס־צעטל פון רבנים, לומדים און סוחרים. גאָפּטס פאָטער איז נאָך דערצו געווען אַ הייסער חסיד, אַזוי אַז זיינע ערשטע קינדער־יאָרן האָט גאָפּט פאַרבראַכט אין אַ סוחריש־חסידישער אַטמאָספערע.

„אַלס קינד האָט גאָפּט באַקומען אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישע דער־

ציאונג. ווען ער איז אַלט געווען עלף יאָר איז ער שוין אָנגעקומען אַלס תלמיד אין דער דאָרטיקער ישיבה. צו פופצן יאָר איז שוין די אָרטיקע ישיבה געווען צו קליין פאַר אים, און ער איז אָנגעקומען אַלס תלמיד אין דער דעמאָלט באַוואוסטער לעבעדעווער ישיבה, וואו דער יונגער גאָפּט האָט זיך געשניטן אויף רבנות.

„אויף דעם 17טן יאָר פון זיין לעבן, ווען ער איז געווען פלייסיק פאַרטאָן אין דעם תלמוד מיט זיינע מפורשים, און איז געווען שוין גאָר ניט ווייט פון קריגן סמיכה אויף רבנות, איז אין גאָפּטס גייסטיקער וועלט פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס וואָס האָט געבראַכט צו אַ טיפן שניט אין זיין ביז־דעמאָלטיקן לעבנס־שטייגער, און האָט גרינטלעך געענ־דערט זיין גאַנצן ווייטערן לעבנס־גאַנג. דער ערשטער פייער פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט זיך דאַן אָנגעהויבן דורכ־ברעכן דורך שטאָט און דאָרף, און באַוויזן צו פאַרכאַפּן אויך דאָס שטעטל לעבעדעוו, וואו אונזער יונגער מתמיד איז געזעסן און גע־לערנט, גרייטנדיק זיך צו ווערן אַ מורה הוראה בישראל.

„אין דעם שטעטל לעבעדעוו, האָט זיך דאַן באַוויזן אַ יונגער סטודענט, וועלכער האָט גערעדט עפּעס מאָדנע ווערטער, און האָט אָנ־געהויבן פאַרשפּרייטן נייע געדאַנקען צווישן דער דאָרטיקער אידישער יוגנט. דער יונגער גאָפּט האָט זיך צופעליק באַגעגנט מיט אָט דעם סטודענט, וועלכער האָט שוין דעם ישיבה־בחורל ניט אָפּגעלאָזן. אויף דעם יונגן מתמיד וועלכער האָט ביז איצט אומגעוואַנדערט בלויז אין די לאַבירינטן פון דער גמרא, תוספות און מהרשא, האָבן די נייע ווער־טער און געדאַנקען פון דעם סטודענט געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. עס האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעעפנט פאַר אים אַ נייע, גרויסע וועלט. אַ וועלט פון וועלכער ער האָט ביז איצט קיין אַנונג ניט געהאַט. אַ וועלט וועלכע האָט אויפגעטרייסלט זיין פאַנטאַזיע און אויפגעציטערט זיין נשמה מיט נייע באַגריפן, נייע פאַרלאַנגען, און אַ ניי לעבן.

„מיט דער זעלבער התמדה און התלהבות, מיט וועלכער דער יונגער גאָפּט האָט ביז איצט געלערנט די הייליקע ספרים, האָט ער זיך איצט גענומען שלינגען די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. מיט דעם גאַנצן כוח פון אַ יונגער צאַרטער נשמה האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט די גרויסע אמתן פון פרייהייט, מענטשלעכקייט און ברידערלעכקייט. און שוין דאַן האָט דער יונגער גאָפּט באַוויזן, אַז ניט נאָר האָט ער אַ שיינע אידעאַליסטישע האַרץ, נאָר אויך אַ שטאַרקן ווילן און אַ פעסטן כאַראַקטער. ער האָט שוין דאַן ביי זיך באַשלאָסן, אַז ער דאַרף זיין לעבן ווידמענען צו פיל ברייטערע און וויכטיקערע צילן, ווי די ענגע פיר ווענט פון דער ישיבה, און דעם אומאויפהערלעכן ים פון נוצלאָזן פּלפּול. זעקס חדשים נאָכדעם ווי גאָפּט האָט זיך צום ערשטן מאָל

דערוואוסט אַז אויף דער וועלט איז דאָ עפּעס אַנדערש ווי ישיבה און דער בית המדרש, זעען מיר אים שוין אַלס דער אָנפירער און לעקטאָר פון דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער גרופּע אין לעבעדעוו.

„גאַפּאָן האָט זיך מיט אַ וואונדערבאַרן חשק גענומען לייענען השכלה־ביכער און ביכער פון וויסנשאַפט. ער האָט מיטאַמאָל גע־וואָלט דערכאַפּן דאָס, וואָס ער האָט פאַרפעלט אין די יאָרן וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דער ישיבה. פאַרשטייט זיך, אַז צווישן די ישיבה לייט און די פרומע באַלעבאַטים פון שטאָט האָט די ענדערונג אין דעם פעאיקן ישיבה־בחור, אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקן שטורעם. מען האָט אים געסטראַשעט מיט אַלערליי פאַרפאָלגונגען, און ווען זיי האָבן ענד־לעך איינגעזען, אַז זייער סטראַשונאַק און טענות וועלן ניט העלפן, האָבן זיי זייער כעס געשטילט דערמיט, וואָס זיי האָבן איינמאָל אַ ביי־נאַכט זיך אַריינגעריסן אין זיין חדרל און פאַרניכטעט אַ גאַנץ היפּשע קאָלעקציע פון ביכער וואָס דער יונגער מתמיד האָט אין אַ קורצער צייט באַוויזן אָנצוזאַמלען.

„דער יונגער גאַפּאָן האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלו־ציאָנערער אַרבעט מיט דעם גאַנצן כוח פון אַן איבערגעגעבענעם אידעאַ־ליסט. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון „בונד“, און דער „בונד“ איז געוואָרן זיין נייע רעליגיע, וועמען ער האָט איצט געדינט מיט אַלע פיבערן פון זיין יונגער נשמה. עס האָט ניט גענומען לאַנג און דער יונגער בחורל איז געוואָרן איינער פון די אַקטיוויסטע פון „בונד“ אין דעם מינסקער ראַיאָן. אויפטרעטנדיק אַלס רעדנער אויף הונדערטער פאַרזאַמלונגען, אין מינסק, סמאַרגאָן, ווילייקע און אַ גאַנצע רייע אַנדערע שטעט. זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט איז באַלד געוואָרן אַזוי אָנגעזען און אָנערקענט, אַז ניט קוקנדיק אויף זיינע יונגע יאָרן, איז אים אָנפאַרטרויט געוואָרן די ריזיקאַלישע אַרבעט, פון באַזאָרגן דעם גאַנצן מינסקער ראַיאָן מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור.

„אין 1903 איז גאַפּאָן געשיקט געוואָרן פון „בונד“ צו פאַרשפּרייטן דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק צווישן די אַרבעטער אויף די זאַוואָדן פון קאַלוגער גובערניע, אַן אויפגאַבע פאַר וועלכער עס האָט זיך גע־פאָדערט אויסערגעוויינלעכע פעאיקייט, רעוואָלוציאָנערער מוט, און זעלבסט־קאָנטראָל. דאָרטן, אַרום די קאַלוגער זאַוואָדן, איז טאַקע גאַפּאָן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די צאַרישע הענקער, וועלכע האָבן אים אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצן יאָר אין דעם פינצטערן קאַלוגער קאַזימאַט. צו פאַרדאַנקען זיין מינדעריאָריקייט האָבן די צאַרישע משרתים מיט אים גאָר ניט געקענט מאַכן, אויסער אָפּשיקן אים מיטן עטאַפּ צוריק אין זיין געבורט־שטעטל, און דאָרטן אים שטעלן אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי ביז ער וועט ווערן פול־יאָריק. גאַפּאָן האָט אָפּגעוואַרט

ביז ער איז געשטעלט געוואָרן צום פּריזיוו, אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אַ סאָלדאַט, און דאַן אויף אייביק זיך צעזעגנט מיט די צאַרישע משחיתים, אַנטלויפנדיק קיין אַמעריקע.

„אין אַמעריקע איז גאָפּט אָנגעקומען אין 1906, און פּיינטינג איז געווען די ערשטע מלאכה צו וועלכער ער האָט זיך אין דעם נייעם לאַנד גענומען."

באַנוגנט זיך, קען זיך באַנוגענען אַזאַ אייזן־פעסטער כאַראַקטער ווי גאָפּט מיט מלאכהווען בלויז? אָט איז וועגן דעם אַ וואָרט, פון אַ יוניאָן־טוער, פּנחס באַראָן, איינער פון גאָפּטס חסידים, — אַ וואָרט וואָס וואַרפט ליכט אויף גאָפּטס ערשטע געזעלשאַפטלעכע טריט אין אַמעריקע, אויף זיין גלויבן און אויף זיין רעדנערישן פייער:

„געווען איז עס מיט אַ יאָר פינף און צוואַנציק צוריק. אַ גרויסער ברודיקער אָפּגעלאָזענער זאַל אויף דער איסט סייד. עס זיינען פאַר־זאַמלט עטלעכע הונדערט פּיינטערס, פאַרשמירטע, פאַרקויטיקטע, מיט פאַרטריקנטע פּיינט אויף די הענט, אויף די פּנימער, און אויף די קליידער. אויף דער פּלאַטפאָרמע שטייט אַ יונגערמאַן מיט אַ גרויסער געדיכטער קוטשמע האָר אויף דעם שיין מאָדעלירטן קאָפּ, און פון זיין מויל שיסן זיך פייער פונקען. פונקען, וואָס גרייכן יעדן איינציקן פון די פאַרזאַמלטע, פאַרזאָרגטע צוהערער, און צינדן עפּעס אָן ביי יעדן איינעם פון זיי. דאָס רעדט גאָפּט צו די פּיינטערס, און רופט זיי אין קאַמף פאַר אַ מענטשלעך לעבן."

אָבער געהעריקע וואָג זאָל געלייגט ווערן אויף די „דעריגנערונ־גען" פון דעם אידישן אַרבעטער־היסטאָריקער, ב. ווייבשטיין:

„דער לאָקאַל 261 פון דער בראָדערהוד אָוו פּיינטערס, איינע פון די אינטערנעשאָנאַל יוניאָנס אין דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, פייערט איצט דעם 50 יאָריקן געבורטסטאָג יובילייִ פון זיין סעקרעטאַר מאַקס גאָפּט. מיך אַלס געוועזענעם יוניאָן באַאַמטן פרייט עס צו זען ווי אַן אַרבעטער יוניאָן גיט עפנטלעכע אָנערקענונג צו זייערן אַ טוער פאַר זיין איבערגעבנהייט צו אַרבעטער אינטערעסן.

„לויט מיין וויסן האָט דער איצטיקער יובילאַר, גענאָסע גאָפּט, ערליך פאַרדינט אָנערקענונג, שוין פאַר דעם אויפטו אַליין, וואָס ער האָט באַוויזן נאָך מיט 25 יאָר צוריק, ווען ער צוזאַמען מיט אַ קליינער גרופּע אידישע פּיינטערס און פּייפּער־הענגערס האָבן נאָך אין 1910 זיך גענומען צו אָרגאַניזירן די פינף־זעקס טויזנט אידישע אַלטעריישאָן פּיינטערס, וועלכע פלעגן אַרבעטן אין די אַלטע הייזער אין אַלע טיילן פון גרייטער ניו־יאָרק.

„ווי עס האָט דעמאָלט אויסגעזען, האָט די בראָדערהוד אָוו פּיינ־טערס פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, וועמעס מיטגלידער

עס פלעגן דעמאָלט אַרבעטן ביי ניי־געבויטע הייזער, זיך זייער וויניק אינטערעסירט מיט די אימיגראַנטישע „אַלטערייִשאַן" פיינטערס, וועמעס לאַגע עס איז צו יענער צייט געווען זייער אַ קלעגלעכע. די טעגלעכע שכירות פון די אימיגראַנטישע פיינטערס, וואָס האָבן געפּראַצעוועט ביי אַלטע הייזער, האָט באַטראָפן פון צוויי ביז דריי דאָלער אַ טאָג, פאַר לאַנגע שטונדן אַרבעט, אין אַ צייט ווען די שכירות פון די בראַ־דערהוד מעמבערס איז שוין דאַן אין יענע יאָרן (דאָס איז געווען נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה) געווען פון פינף ביז זעקס דאָלער אַ טאָג פאַר אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג.

„אַט יענע פריוויליקע גרופּע אידישע פיינטער אַרבעטער, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען געג. הערי לאַנג, דער איצטיקער מיט־אַרבעטער פון „פאָרווערטס" און דער איצטיקער יובילאַר מאַקס גאָפּט, האָט אין דעם יאָר 1910 אָרגאַניזירט די גרעסטע צאָל פון יענע אַלטע־רייִשאַן פיינטערס פון דער ניו־יאָרקער איסט סייד, האַרלעם, ברוקלין און בראַנזוויל. איינער פון די טיכטיקסטע טוער, וואָס האָט מיט יענער אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט אָנגעפירט איז געווען ברודער מאַקס גאָפּט".

ד

פון די עטלעכע לענגערע ציטאַטן וואַקסט אַרויס פאַר אונז אַ מענטש אַ רודערער, אַ שטורעמער, אַ פּרינציפּן־פעכטער און אַ שטאָל־האַרטער. דאָס אַלעס איז, אָבער, נאָר אויף דער אַרענע. בין אדם לחברו איז דעם „עפּנטלעכן" גאָפּט גאַרניט צו דערקענען. איבער־הויפּט פאַרוואַנדלט ער זיך אין אַ טאָטאַל־פאַרשלאָסענעם אין אַנגע־געניש מיט שרייבער, דערצו נאָך מיט אַזוינע, צו וועמען ער קוקט ווירקלעך אַרויף.

עס האָט מיר ניט גענומען לאַנג אויסצוגעפינען און פעסטצו־שטעלן אַ הויפּט־אייגנשאַפט פון גאָפּטס כאַראַקטער: עקסטרעמע באַ־שיידנקייט. פּונקט ווי אין קאַמף פאַר איינעם פון זיינע אידעאַלן האָט ער לייכט געקענט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דינאַמאָ, אַזוי אַז אין די אויגן פון זיינע יוניאָן־ברידער און פּאַרטיי־געגנאָסן האָט ער, שטענדיק כמעט, אויפגעלויכטן אין דער געשטאַלט פון אַ שטורמער און אַן אומ־פאַרמיידלעכער דורכברעכער, איז ער לגבי זיך און זיינע פילע מעלות געווען אַ שרייענדיק־צוריקגעצויגענער, אַ פאַרשלאָסענער.

אין זיין יראת הכבוד פאַר דעם שריפטשטעלערס וואָרט, האָט ער ניט געוואַגט צו אַ טראַכט־טאָן אפילו, אַז אין אים אַליין דרעמלען אפשר געזונטע זשורנאַליסטישע כוחות. אין דער פעריאָדישער פרעסע פון זיין אייגענער פּאַרטיי, פון וועלכער ער האָט שוין פאַר לאַנגע יאָרן פאַרנומען דעם אויבנאָן, איז אים קיינמאָל ניט איינגעפאַלן צו באַ־

לעסטיקן דעם פּאַרטיי־רעדאַקטאָר מיט אַ מינדסטן בריוול אַפילו. ווען מיר איז, אָבער, געלונגען אויפצופלאַמען אין גאָפּטן זיין קוואַליקע ריידעוודיקייט, האָב איך גלייך דערזען די פּאָטענציעלע שרייבערישע סימנים זיינע.

ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל פאַרגעלייגט גאָפּטן, ער זאָל אויפשרייבן אַ געוויסע אויפגעפלאַמטע רעדע זיינע, האָב איך גלייך דערזען די עכטע פאַרלעגנהייט, אין וועלכער איך האָב אים אַוועק־געשטעלט, און דער 50־יעריקער רייפער אַרבעטער־פירער האָט זיך אָנגעהויבן — פּראָסט־ און פּשוט — רויטלען ווי אַ אינגל. און — ס'איז גאָרניט געווען קיין לייכטע עובדא אַרויסצוקריגן פון גאָפּטן אַ צו־זאָג, אַז ער וועט „פּרובירן" און פיל־פאַך שווערער דער אַקט פון אַריינקריגן זיין ערשטן אַרטיקל אין מיין האַנט אַריין.

פינף־זעקס יאָר האָט גאָפּט געדאַרפט מיטאַרבעטן ווי אַן אַרבע־טער־זשורנאַליסט אין „וואָכנבלאַט" ביז די „וועקער"־חברה זאָל האָבן דערוואַכט, דערזען אין גאָפּטן אַ באַרופענעם לייבאָר־זשורנאַליסט, און האָבן צו זיך אַריבערגעפּעקלט זיין „וואָכנבלאַט"־שטול, זיין „פּי־טשור", מיטן קעפּל, מיט האַק־און־פּאַק.

## ה

דינט זיין 50־יאָריקער יובילײ איז געפייערט געוואָרן עפּנט־לעך איז שוין באַלד אַוועק 18 יאָר. אין דעם צייט־אָפּשניט האָט גאָפּט זיך ניט אַוועקגעזעצט רוען אויף זיינע לאָרבער־קרענץ. אין אָט די יאָרן האָט ער אויך דורכגעפירט אַ היסטאָרישע שליחות, אַ דימענט אינם קרוין פון וועלכן־עס־איז אַרבעטער־פירער. עס איז, נעמלעך, געווען זיין סטראַטעגיע, זיין אָרגאַניזאַטאָרישער טאַלענט, זיין אומ־דערמידלעכע ענערגיע וואָס האָט אַרויסגעריסן דעם ניו־יאָרקער „פּיינ־טערס דיסטריקט קאָונסיל נומער 9" פון די קאָמוניסטישע ידים. די אינעווייניקסטע מענטשן ווייסן, אַז גאָפּט איז דאָ געווען דער זיגריי־כער פעלדמאַרשאַל. אָבער וואָס טוט גאָפּט? ווי שאול, איז ער אַ „נחבא אל הכלים". ער נעמט איינעם פון זיינע יונגע תלמידים, און זעצט אים אַוועק על כסא המלוכה. ער פּלאַנירט פאַר אים, ער לויפט פאַר אים, ער רעדט פאַר אים, און שרייבט אַפילו פאַר אים. ווייל גאָפּטן אינטערעסירט דער געזעלשאַפטלעכער יושר און מער נאָך: דער נצחון, אָבער ניט זיין אייגענע פּערזאָן.

## ו

דינט ער איז אין אַמעריקע, דאַכט מיר, איז ער אַ מיטגליד און אַ טוער אין אַרבעטער־רינג. אַלץ הייסט אַ טוער: פון די טיכ־

טיקסטע רעדנער און אָרגאַניזאַטאָרס ביז דער באַקליידער פון כלערליי אַמטן, ביז צו דער שטול פון וויצע־פּרעזידענטשאַפט פון גרעסטן אידישן אַרבעטער־אָרדן. אָבער אויך דאָ בלייבט ער דער כאַראַקטעריסטישער לשמה־טוער.

עס געדענקט זיך מיר די ספּעקטאַקולאַר־רייכע און דעמאָנסטראַטיווע 50־יאָריקע יובל־קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג, מיט פיר יאָר צוריק אין ניו־יאָרק. גאַפט איז דעמאָלט געווען דער שני־למלך פון דער אָרגאַניזאַציע. זעלטן ווען האָב איך, אָבער, אָנגעטראָפן גאַפטן אין די פּאַראַדן, אין די ערשטע רייען פון די גדולים, אונטער דעם פּראָזשעקטאָר פון די פאָטאָגראַף־אַפּאַראַטן. אין דעם אָפיציעלן אָרגאַן, אפילו, פון אַ. ר. — „דער פריינט" — האָט ער זיך כמעט ווי ניט אָנגעזען, בעת קלענערע באַאַמטע האָבן זיך צעלייגט איבער אַלע בלעטער כמעט.

דאָס איז גאַפט.

ז

גאַפט איז איינער פון דער זייער באַגרענעצטער צאָל אינטעליגענטע אַרבעטער־פירער אויף דער אידישער גאַס. פּונקט ווי ער איז פאַרוואָרצלט געוואָרן אין אידישע ידיעות, אַזוי איז ער היימיש אין דער גרויסער סאָציאַל־פּאָליטישער ליטעראַטור. און ווייט ניט פרעמד איז ער אין די פּאָליטישע ענינים פון זיין ניי אַדאָפּטירט לאַנד. און כאָטש דעם אָנפאַנג פון זיינע סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע טריט האָט ער געשטעלט אין „בונד", איז ער ניט פון די שטרענגע אָפּהיטער פון די בונדיסטישע חטאות־נעורים. פאַרקערט, ער האָט שוין לאַנג פאַרוואָרפן דעם בונדישן פאַנאַטיזם, און איז געווען פון די ערשטע צו שטעלן זיך מיטן פּנים צום אַרבעטער־ציוניזם, און, איבערהויפּט, צום היגן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר ארץ־ישראל. אין זיין גאַנצער פאַרנומענקייט, טרעפט מען גאַפטן אָפט אויף שמחות פון די קינדער־שולן און אויף די פאַרשיידנאַרטיקסטע קולטור־פייערונגען און נייגעשאַפענע יום־טובים. יעדעס אידיש בוך דערגרייכט זיין שוועל, און צו יעדנס נייעם וואָרט נויגט ער צו אַן אויער. און כאָטש זיינע הויפּט־שליחותן אין לעבן האָט ער לאַנג שוין דורכגעפירט, איז ער איצט, ביי זיינע זיבן־און־זעכציקער יאָרן, אין פולן געזונט, ביים סאַמע פרישסטן ענטוזיאַזם, און עס איז, דעריבער, גאָר ניט אויסגעשלאָסן, אַז דער קיינמאָל־זיך־ניט עלטערנדיקער גאַפט, דערמוטיקט דערצו פון זיין זעלטן־האַרמאָנישער אשת־חיל, זאָל נאָך ניט אַ שיין־טאָן פאַר אונז אין אַ נייעם לבוש און אין אַ נייעם זיגרייכן אַקט.

# ראובן גראַנאַווסקי

## א.

דער מאָראַלישער קריזיס, פאַר די לעצטע צוויי־דריי דעקאַדעס, אין דער אידישער ליטעראַטור, לכל הפחות אין געוויסע טיילן אירע, איז ניט געשאַפן געוואָרן פון איין־איינציקער סיבה און איז ניט פאַראורזאַכט געוואָרן פון איין באַשטימטער ליטעראַרישער גרופּע, און אַוודאי ניט פון איין־איינציקער ליטעראַרישער פּערזענלעכ־קייט. מער ווי איין אורזאַך קען אָנגעגעבן ווערן פאַר די ירידה־שטי־מונגען אין דער אידישער ליטעראַטור, וואָס אין אונזערע טעג, און מער ווי איין יחיד קען גערופן ווערן צום קהלשן באַלעמער, — צו אָפּגעבן דין־וחשבון פאַר זיין דעפיניטיוון צוטראָג צו די דעמאָראַלי־זאַציע־כוחות, וואָס באַוועלטיקן די לעצטע יאָרן די אינטערקאָנטינענ־טאַלע אידיש־ליטעראַרישע וועלט, און איבערהויפּט די ליטעראַרישע עוועניו פון דער אידישער אַמעריקע.

עקסטרעמער עגאָצענטריזם איז, צ. ב. איינע פון די הויפּט־סיבות. און פונקט ווי עקסטרעמער עגאָצענטריזם ביי געוויסע אַקטי־ווע אידישע ליטעראַטור־פּאָליטיקער אונטערמינעוועט די מאָראַל פון אונזער פאָלקס־קולטור און גראָבט אונטער דעם פונדאַמענט אויף וועמענס באַדן די געגעבענע ליטעראַטור, ווי די קרוין פון דער פאָלקס־קולטור, דאַרף זיך צעבליטן, צעבליען און צעפּרוכפּערן, אַזוי איז דער אַלטרואיסטישער טיפּ שרייבער אַ מזל־ברכה אין אַ ליטעראַטור און פירט־דורך, באַוואוסטזיניק צי אומבאַוואוסטזיניק, אַ שעפערישע פונק־ציע אין דער ליטעראַטור פון זיין פאָלק.

צו אָט־דער לעצטער קאַטעגאָריע שרייבער געהערט ראובן גראַנאַווסקי.

## ב.

שוין איבער זעקס יאָר, ווי מיר, נאָענטע שרייבער און פריינט פון ראובן גראַנאַווסקי, האָבן אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו, און מיר קענען אים אין דער מינדסטער וואַכזאַמקייט אונזערער ניט פאַרגעסן. ניט נאָר לעבט ער מיט אונז, און איז מיט אונז אַ מיטגייער אין אונזערע רייען, נאָר אָפט אַ פאָראויסגייער. ווייל ראובן גראַנאַווסקי איז געווען פון יענע לויטערע אידעאַליסטן וואָס פלעגן תמיד מיט אייגן לייב־און־לעבן גרייט זיין צו אילוסטרירן דעם טייטש פון דעם־און־יענעם דרש זיינעם. ד. ה. ער פלעגט זיך שטענדיק רייסן צום קאַמף פאַר וועלכן־עס־איז פון זיינע אמתן, און פלעגט זיך פּרובירן דורכברעכן צו דער פאָדערשטער ריי פון דעם קאַמף.

און אויב דאָס נעמען אַ פעדער אין האַנט (אין האַנט פון באַרופענעם

שרייבער, פאַרשטייט זיך) זאָל קענען געטייטשט ווערן — ווי עס דאַכט מיר אָפּט — ווי דאָס ציען אַ שווערד פון שייד, אָדער — נאָך קאָנקרעטער גערעדט — ווי אַ קריג־דעקלאַראַציע דער וועלט. דאַן שטעלן גראַנאַווסקיס אַל־פאַרמיקע שרייב־טעטיקייטן מיט זיך פאָר איין לאַנגן אומאונטערבראָכענעם פראָצעס פון געפעכטן אין דער אַלגעמיינער וואָרט־מלחמה וואָס דער מיעוט פון דעם קנאַישן שרייבער־מין ווערט ניט מיד אָנצופירן אויף אונזער ווייט־ניט־ווייניק זינדיקן עולם־התחתון.

„מיטן שווערד אין האַנט" איז דעריבער, — אַזוי דאַכט זיך מיר, לפּחות — די סאַמע כאַראַקטעריסטישסטע פראַזע וואָס קען דעקן דעם לפּי־ערך לאַנג־קורצן שרייבער־לעבן פון ראובן גראַנאַווסקי. ווען ער זאָל ניט האָבן געווען אָנגעהויבן שרייבן (מיר, אין דעם מאָמענט איז, אַלנפאַלס, ניט באַקאַנט. „זיין ערשטע בראָשור, אַ סאַטירע אין פערזן, א.ג. „אונזערע ציוניסטן" איז דערשינען אין אָדעס, אין 1899. שרייבן די בראָשור און, וואַרשיינלעך, אויך אַנדערע זאַכן האָט ער געמוזט אָנהויבן פיל פריער) האָט ער, אָבער, אָנגעהויבן ווי אַ קעמפער, ווי אַ קיינמאָל־ניט־נאָכגעבנדיקער — אַ מין „אַנקאַנדישאַנאַל־סאַרענדער"־טיפּ פון אַ קריגער.

ער האָט אָנגעהויבן ווי אַן אידעאַליסט און האָט ביז זיינע סאַמע לעצטע רגעס דורכאויס געלעבט דעם ווייט־ניט־לייכטן לעבן פון אַ באַרג־קלעטערער — ווערליק אַ רויט־בלוטיקער בונטאַר און מאַן פון פּרינציפּן.

קרוב צו אַכצן יאָר האָט ער מיטגעאַרבעט אין די צייטשריפטן וואָס כ'האָב די אַלע יאָרן אַרויסגעגעבן. ווען ער איז צו מיר דאָס ערשטע מאָל געקומען מיט אַ כתב־יד (מיט אַן אַרטיקל וועגן אַברהם רייזענען — דאַכט זיך), האָב איך געוואוסט זיין „יחוס". איך האָב געוואוסט וועגן זיינע צוויי בראָשורן („אונזערע ציוניסטן" און „דער ציוניסטישער גלאָק") קעגן ציוניזם און האָב געוואוסט פון זיין ביז דעמאָלטדיקער קעגנערשאַפט צום ציוניזם. אים, ווידער, זיינען ניט אומ־באַקאַנט געווען מיינע ציוניסטישע אַספּיראַציעס. און כאָטש ער האָט געוואוסט פון דער „פרייע־פּלאַטפאָרמע"־ליניע אין די אַלע זשורנאַלן מיינע, האָט ער, אָבער, מיך קיינמאָל צום נסיון ניט געשטעלט און איז ניט געקומען צו מיר מיט פּאָליטישע טראַקטאַטן (כאָטש, אין אַמעריקע — אויף ווי ווייט עס איז מיר באַוואוסט — האָט ער זיך זייער זעלטן באַשעפטיקט מיט פּאָליטישע ענינים. ער האָט דאָ, אין נייעם לאַנד, קענטיק, אויסגעפאָלגט לינעצקיס עצה, ווי ער דער־ציילט עס, אויף 60־טער זייט, אין זיין בוך „לינעצקי און זיין דור":

„אָט די אַלע פאַרפאַלגונגען זיינען דיין דערפאָלג! דו ביסט מיין גייס־טיק קינד—דו האָסט מיך געירשנט. איך האָב פריער געוואוסט,

אַז דו וועסט ליידן — אָבער אַ סאָלדאַט מוז קענען פּולווער שמעקן. מיין ראַט איז, אַז דו זאָלסט אויפגעבן דעם גאַנצן קאַמף. דו ביסט צו־יונג און צו־שוואַך פאַרצוזעצן דעם קאַמף. עס פאָדערט זיך אַ רי־זיקע אַרבעט. אַט זעסטו מיך — ווי איך שוויג, כאָטש איך בין אויך קעגן זיי; איך שוויג, ווייל איך בין ניט גרייט קעגן זיי אַרויסצוטרעטן עפנטלעך — ניט קוקנדיק וואָס איך בין מער ציוניסט פּיליכט פון זיי — דאָס קען מען זען אין מיין ביכל וואָס איך האָב געדרוקט „אַמעריקע אָדער ארץ־ישראל״).

אים האָט אימפּאָנירט די שקאַצישקייט פון אייניקע מיטאַרבעטער וואָס פלעגן זיך קלעפּן אַרום מיינע „בלעטער״. די אפכאַ־מסתברא־שטימע וואָס האָט געקענט געהערט ווערן אין דעם „אויפגאַנג״, אין דעם פאַר־אים־צו־מאָדערניסטישן „אונזער בוך״, אין דעם קעמפערישן „אונזער פאָלק״, אין דעם באַנייטן „נייע יום־טוב בלעטער״ און שפּעטער, עד־היום־הזה, אין דעם „וואָכנבלאַט״ — אַט־דער פרייער גייסט, אַט־דער אין־תוך־רעוואָלוציאָנערער, ניט־פּאַרטייאיש־געפּענ־טעטער אויסדרוק וואָס אַ שלל מיטאַרבעטער האָט געקראָגן אין די אַלע זשורנאַלן וואָס כ׳האָב אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט פאַר די איבער צוואַנציק יאָר האָט אים ווי פאַרצויבערט און אים פאַר־וואַנדלט אין איינעם פון די סאַמע געציילטסטע לאַיאַלע פריינט מיי־נע, שטענדיקע מיטפילער און מיטקעמפער.

ביי אים זיינען אַט־די אַלע מיט־מי אַרויסגעגעבענע זשורנאַלן מיינע געווען אַ מין פאַרווירקלעכונג פון לינעצקיס אַ טרוים, ווי גראַנאָווסקי, ע״ה דערציילט עס אין זיין בוך „יצחק יואל לינעצקי און זיין דור״:

„לינעצקי האָט מיר פאַרטרויט אַ סוד, אַז מנשה מרגולית איז געקומען צו אים רעדן וועגן אַרויסגעבן אַ אידישע ציימונג. האָבן זיי געדאַרפט האָבן אַ קאָנפערענץ מיט מענדעלי מוכר ספרים, וועל־כער איז אויך געווען אין דעם פאַראינטערעסירט. נאָך די פאַר־האַנדלונגען אויפן קאָנפערענץ, האָט ער מיר געזאָגט: „מנשה מרגולית האָט גרויסע פאַרבינדונגען אין די גאַר הויכע קרייזן פון פּעטערבורג און אויב עס וועט אים געלינגען צו קריגן אַ דערלויבעניש אויף אַ ציימונג — דעמאָלט, מיין קינד, וועסטו זען וואָס לינעצקי קען נאָך אויפטאָן, און דו וועסט אויך אויפגעריכט ווערן. די ציימונג וועט זיך ניט פאַרקויפן צו פאַרטייען און וועט אויך ניט זיין קיין ציימונג אויף געלט צו מאַכן. הלוואי זאָלן מיר דאָס דערלעבן. איך באַשווער דיך אַז קיין מענטש זאָל דערווייל דערפון ניט וויסן. ס׳איז אַ גרויסער סוד״ (זייטן 62 און 63).

פון לינעצקיס חלום און גראַנאָווסקיס האָפענונגען איז גאָר־נישט געוואָרן. די רוסישע צענזור האָט ניט געוואָלט געבן מרגוליתן

קיין דערלויבעניש אויף דער צייטונג. איז ביי גראַנאָווסקין כל־ימיו געוועז אַ בענקעניש נאָך אַזאַ מין טריבונע. אין זיין ערשטן יאָר אין אַמעריקע, „מיט אַ יונגער פרוי, ערשט נאָך דער חתונה, אַ מענטש ניט קיין פּראָפעסיאָנעלער, אָן געלט, מיט פאַרפּליכטונגען" האָט ער שנעל אויסגעפונען — שוין מיט דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו פון דינע־זאָנען צו זעווינען (תשר״ק) — אַז זיינע „ליטעראַרישע חלומות וועלן אַזוי גיך אין אַמעריקע ניט פאַרווירקלעכט ווערן". אים „שפּייזן — אוודאי ניט." זיין ערשטער האָנאָראַר אין אַמעריקע — 4 דאָלאַר — איז געווען אַ רעצענזיע־אַרטיקל איבער דינעזאָנס „יאָסעלע" אינם „אַמעריקאַנער". ער פלעגט פון־צייט־צו־צייט אויך פאַרעפנטלעכן הומאָריסטישע זאַכן אין „פאָרווערטס", אַ ריי אַרבעטן געדרוקט אין קאָרלינס „פעדער". אַ היים — ווי ב. י. קליין האָט עס געשילדערט אין זיין אַמאָליקן שלושים־אַרטיקל אין „וו." — האָט ער געפונען אין די דין־העפטיקע און — אָפּט — דיק־העפטיקע זשורנאַלן און זאַמל־ביכער מיט וועלכע איך בין געווען „פאַרבונדן".

### ג.

איך פלעג אים גערן מיטנעמען אויף מיין וואַנדער־וועג. די ערשטע און העכסטע פאָדערונג וואָס איך פלעג שטעלן אַ שרייבער — אידעאַליזם און אָפּפערווויליקייט — האָט ער גלענצנד אויסגע־האַלטן. אין לאַנד פון קלאַסישן אָפּאָרטוניזם איז ער געבליבן פאַר־האַרטעוועט, האָט זיך ניט געלאָזן אויסגליטשן און איז — אויף וויפל איך געדענק — קיינמאָל ניט געשטרויכלט געוואָרן. ער איז גע־שטאָרבן אָן אַ פּגימה אויף זיך. וועגן וויפל, אַ, וויפל שרייבער — מכל הגראַדן — קען מען דאָס, מיטן האַנט אויפן האַרצן, זאָגן?

ער האָט אָנגעהויבן, אין אָדעס, אַ לעבן צווישן דער שענסטער געזעלשאַפט. ער האָט פאַרקערט אין דער העכסטער אַריסטאָקראַטיע. ער פלעגט פאַרברענגען אין מיליאָנערסקע אידישע פּאַלאַצן וואָס פלעגן אים אויסזען „ווי אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט". ער פלעגט אומפאָרן אין די פיינסטע פאַיעטאָנען איבער אָדעסער בול־וואַרן. פלעגט, אָפּט, ביז אין שפּעטער נאַכט־שעה, אין אַ „באַוואַ־ריע" פאַרברענגען, וואו מען פלעגט טרינקען „ביר מיט פאַרבייסן און יונגע מיידלעך, שאַנסאָנעטקעס, (פלעגן) מאַכן פריילעך מיט זינ־גען און טאַנצן". ער האָט דאָרט, אין אָדעס, געאַרבעט אין אַ קאָנ־טאָר, וואו ער און זאַמאָשטשין, באַוואוסטער אידישער דיכטער, זיינען „כמעט געווען די בעלי־בתים". האָט, אַלנפאַלס, ניט געוואוסט דעם טייטש פון דחקות. דאָ — אין לאַנד פון גרעסטער שפע — האָט ער גענומען באַגרייפן דעם מיין פון נויט. ער האָט, אָבער, מיט שטאָלץ

געהאַלטן דעם קאָפּ זיינעם, און האָט זיך ניט געלאָזן פאַרבלענדן פונם גלאַנץ פון דעם אַלמעכטיקן, אַל־באַצויבערנדיקן דאָלאַר.

חוץ אידעאַליסט — איז ער אויך — שרייבער געווען. שרייבער, מיט אַחריות פאַרן וואָרט. ד.ה. זיינע טשעקס זיינען קיינמאָל ניט געגאַנגען צוריק: זיינעם אַ וואָרט — כ׳מיין אַ הויפּט־וואָרט, אַ ברען־וואָרט — האָט מען ניט געקענט רירן. ער איז, אָפט, רוי געווען אין פאָרם, — ער האָט, אָבער, קלאָר געוואוסט פאַרוואָס ער קעמפט און קעגן וואָס און וועמען ער שטרייט. ער איז קודם־כל און איבער אַלץ — שטריי־טער געווען. אַ שטענדיק־גרייטער צום געפעכט. תמיד — מיט אַ שווערד אין האַנט.

ער איז, אָבער אויך מענטש געווען. זיין שיינע, הערלעכע באַ־ציאונג צו פריינט און — איבערהויפּט — צו זיין גענעראַליסימאָ־פריינט, יצחק יואל לינעצקי איז אַ מוסטער פון לאָיאַליטעט, פון זעלבסטלאָזער חברשאַפט. כמעט זיין גאַנצער לעבן אין אַמעריקע איז געווען אויסגעפילט מיט איין גראַנדיעזן וואונטש: מיט טראָגן ציגל, מיט אויפשטעלן ווענט, מיט אויפטורעמען אַ בנין, אַ מאָנומענט צו אַ חבר, צו אַ אידישן שרייבער, צו אַ קאָלעגע־קעמפער, צו אַ ריטער פון אידישן וואָרט, וועמעס כוח איז, ליידער, ניט באַקאַנט געווען צום איצטיקן און פאַר־איצטיקן דור אין אַמעריקע.

וויפל אידישע שרייבער זיינען פעאיק צו אַזאַ נאָבלקייט? אין וויפל פון אונזער שרייבער־משפחה איז נאָך ניצוץ פון מענטש גע־בליבן צו קענען כאָטש אָפּשאַצן און זיך, לפּחות, באַגייסטערן פאַר אַזאַ עובדא?

פּסעוודאָ־שרייבער און הפקר־קריטיקער האָבן צו זיינע לעצטע געמאַטערטע יאָרן מיט בלאָטע — אַנשטאָט בלומען — אים באַ־ברודיקט. ער האָט זיך, אָבער, געלאַנט פון דער בלאָטע אָפּגעטרייסלט. איז די שמוץ צוריקגעפאַלן דאָרט וואו זי געהערט. דאָס מעג לדורות פאַרצייכנט ווערן.

פאַר אונז — פאַר די וואָס ציען־פאַר צו שפּאַנען וויטער אויף דעם אַלייניקן מאַרטירער־וועג — וועט תמיד בליען אין אונזער געדעכעניש דער אמתער גראַנאָווסקי־געזיכט: דער פּנים פון אידעאַ־ליסט, פון קעמפער־שריפטשטעלער און פון עכטן מענטש, וועלכער איז קיינמאָל אויף זיך ניט געווען קאָנצענטרירט, נאָר האָט זיין לעבן מיט פרייד אָוועקגעבערענט לטובת זיינע מיטמענטשן און, איבערהויפּט, אין עקסטאַזפולן דינסט פון איין מענטשן, איין שרייבער־פיגור, — אַן עובדא וואָס איז כמעט איינציק אין דער אידישער ליטעראַטור; אַ לעבנס־טאָט פון אַ שרייבער וואָס קען און זאָל ווי אַ מוסטער גענו־מען ווערן לדור־דורות.

# מרדכי דאַנציס

## א

דער ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענער צייטונג־מאַן מרדכי דאַנ־ציס, וועלכער האָט כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט אַרומגערודערט מיט דער פען און מיט זיין מויל, אויף דער בימה און אויף דער ראַדיאָ, בין אדם לחברו און ביי די קאַפע־טישלעך, איז געווען, אפשר, דער טיפּישסטער און קאָנסעקווענטסטער פאַרשטייער פון די אַמעריקאַניש־אידישע צייטונג־שרייבער פון זיין דור, — אַ טיפּישער און קאָנסעק־ווענטער פאַרשטייער וועלכער האָט, מיט ברוטאַלן ציניזם און מיט שיר־ניט קלאַונישער ווירטואָזיטעט, ניט אויפגעהערט צו „לייסטען" פאַר זיך — קודם כל — און פאַר אונזער צייטונג־אינדוסטריע ביזן לעצטן טאָג פון זיין זיבן־און־זעכציקסטן לעבן־יאָר כמעט.

ווען מיין באַשיידענע פעדער האָט, אין אָנהויב פון דעם ערשטן זאַץ, באַטיטלט דאַנציסן אַלס „צייטונג־מאַן", און ניט מיטן עטוואָס חשובערן וואָרט „זשורנאַליסט", שוין ניט צו ריידן פון די קונסט־פּרעטענדירנדיקע טערמינען, ווי „פעליעטאָניסט", „פּובליציסט", „בע־לעטריסט", „ראָמאַניסט" און־וואָס־ניט־איז־אַנדערש־אין־דער־צייטונג, מיינט עס ניט אַז ער האָט גאָר אָפּט ניט אויסגעפּילט וועלכע ס'איז פון אָט־די אַלע פונקציעס פון דער צייטונג. פאַרקערט: ניט נאָר האָט ער גאָר אָפּט זיך געוויזן אויף די קאַלומס פון דעם אידישן צייטונג־וועזן אין אַמעריקע שיר־ניט ווי אַ „העכערער סאָרט" זשורנאַליסט, צי ווי אַ באַגאַבטער פעליעטאָניסט, אָדער ווי אַן על־קידוש־השם רייטנדיקער פּובליציסט, אַמאָל ווי אַ „נאַטירלעכער" בעלעטריסט און ניט־זעלטן ווי אַן אויסגעשליפענער „קאַפּיע"־צושטעלער פון אַ טאָג־אין־טאָג ראָמאַן. ער האָט זיך נוצלעך געמאַכט אין דער טאָג־פּרעסע אויף אָט־די אַלע געביטן, און אויך אויף פיל אַנדערע, ווי איך האָב דאָס געזאָגט, באַנקעט־מעסיק, ביי אַ באַנקעט־געלעגנהייט לכבוד זיין בוך איינדרוקן פון ארץ ישראל. איך האָב דעמאָלט, נעמלעך, געזאָגט, אַז ווען ניו־יאָרק זאָל ווען, חלילה, באַפאַלן ווערן פון פּיראַטן, וועלכע וואָלטן אין געפאַנגענשאַפט צוגענומען אַלע סטאַף־שרייבער פון דאַנ־ציסעס צייטונג, נאָר ער, דאַנציס, וואָלט, דורך אַ נס, געבליבן אַ ניט־געפאַנגענער וואָלט ער איינער אַליין געקענט אויספילן אַלע אָפּטיילונ־גען און אַלע „פיטשורס" פון זיין צייטונג.

דער מלאך פון די קונסטן איז, קענטיק, געווען גאָר גנעדיק צו

דאַנציסן. ער האָט אים באַשאָנקען מיט שרייבערישע מעלות טובות און — מיט אַ ברייטער האַנט. ער האָט אים, אַלס זעלטענע זכיה, אַ היפּשן בינטל שליסלען מיטגעגעבן אויף זיין סכנותדיקן וועג צו די אַלערליי זאַלן פון דעם פּורכטיקן גאָטס טעמפּל פון וואָרט־אַ־שווערד.

עס איז, דעריבער, כדאַי אַ בליק צו טאָן וואָס דער פאַרשטאָר־בענער האָט ביים לעבן געטין־טאָן מיט די אָנפאַרטרויטע שליסלען פון דער פמליא של מעלה.

ב

אין די מערסטע, אויב ניט אין אַלע, אידישע צייטונג־מענטשן דאָ אין לאַנד האָט ווען־ניט־וואו — ביי יעטווידנס אָנהויב־שרייבערייען איבערהויפּט — געדרעמלט אַ פאַרחלומטער ליטעראַט. האָט איינער געפּלירטעט אין פערזן; אַ צווייטער — מיט שוים פון דער פען; אַ דריטער האָט „אָנדערש" געזען; אַ פערטער האָט „טי־פער" געבליקט, (און געקוויקט אין זיך דעם „אינערן גליק").

מרדכי דאַנציס האָט, ביי זיין אָנקומען אין אַמעריקע אין 1905, אַלס 20־יעריקער בחור, אויך געהאַט זיינע ראַנדעוואו־מאָמענטן מיט דער מוזע, און, אין רעזולטאַט, פלעגט דערשיינען ווען־ניט־ווען און וואו־ניט־וואו זיינס אַ סקיצע, אַ ליד, צי אַ „ליטעראַרישער" אַרטיקל. די מוזע האָט, אָבער, שנעל איינגעזען אַז דאַנציס סערענאַדעוועט מיט אַ האַלבן מויל. זי האָט אים ניט נאָר ניט געקענט צובינדן צו זיך אויף זיין גאַנצן לעבנס־שפּאַן, נאָר אַפילו ניט אויף אַ גאַנצן טאָג. דערזען, אַז מען קען אים ניט טרויען, האָט זי אים „אַנטלאָפן" — ווי מען זאָגט דאָס אויף דער סאָסייעטי־שפּראַך — און אים איבער־געלאָזן אויף אייגענעם באַראָט.

אויף אייגן באַראָט איז אַמאָל גאָר אַ מעלה, נאָר ווען איז דאָס געוועדט געוואָרן? — ווען גאָט איז דערביי. נאָר אָן דער מורא פון דעם אל קנא ונוקם אין הימל, און אָן דעם ציטער פון דעם אל־רחמים־גאָט אין האַרצן איז ניט שווער, איז גאָר ניט שווער צו געשטרויכלט ווערן אין דעם ליבע־נעץ פון דעם פאַפּירענעם געטשקע — פון אונזער אַלט־באַקאַנטן עגל הזהב.

און דאָס האָט פּאַסירט מיט מרדכי דאַנציס. ער האָט ניט גע־קענט פאַרעקשנען זיין ווילן ניט פאַר דער קונסט, — פאַר זיין אייגענעם פּאָטענציעלן קונסט־וואָרט — ניט פאַר דער־און־יענער אידייע זיינער, ניט פאַר דעם און יענעם מענטשן, נאָענטן, סאַמע נאָענטסטן. ער האָט אָבער יע־געקענט איינשפּאַנען זיינע אַלע פעאיקייטן, ענערגיעס און געדולדן אין איין־איינציקער ליבע: אין זיין פלאַמיקער ליבע צום דאָלער־גאָט.

ג

ער האָט געקענט אויסמייסטרעווען זיין זשורנאַליסטישע פּעדער צו דער בריליאַנטעסטער גלאַנץ, נאָר ער איז ביים סאַמע אָנהויב פון אָט־דער מעגלעכער מלאכת הקודש געשטרויכלט געוואָרן מיט אַ דרייערל, און זינט דאַן האָט ער ניט געקענט אויפהויבן זיין גאַנצענעם זשורנאַליסטישן אַנזאַמל צו דעם מאַרק־ווערט פון דער מינד־סטער קופּערנער מטבע.

עס ווערט, נעמלעך דערציילט, אַז אין דער צווייטער דעקאַדע פון איצטיקן יאָרהונדערט האָט ז. קאָרנבליט, אַן אַרויסגעבער פון אַ וואָכנשריפט, באַשטעלט ביי מר. דאַנציס אַן אַרטיקל פאַר זיין זשורנאַל וועגן אַ חזנים־קאָנצערט אין ניו־יאָרק, — דער ערשטער פון דעם מין אין יענע טעג. פאַרשטייט זיך, אַז ווערדליק אַ יונגער שרייבער, האָט ער זיך אָן דעם „אַסיינמענט" דאָפּלט אָנגעכאַפּט: ערשטנס, די גע־לעגנהייט צו קומען שרייבעריש צום אויסדרוק און, צווייטנס, די נאָך זעלטענערע געלעגנהייט פון פאַרדינען דריי אַלמעכטיקע דאָלאַרן.

לייכט אויף דער פּעדער, און לייכט אויף אַ פאַראינטערעסירטן גאַנג איז ער געלאָפן צום קאָנצערט און אויף מאָרגן, כאור היום, צוגע־שטעלט קאָרנבליטן זיין רעצענזיע. דער יונגער רעדאַקטאָר־אַרויסגע־בער האָט אַ סך האָפענונג געבויט אויף אָט־דעם אַרטיקל: אַ 200 חזנים, אַ פאָר טויזנט ליבהאָבער פון חזנות. ווען אַ העלפט וועלן דאָ־נערשטאָג קויפן זיין וואָכנבלאַט, און אַ העלפט פון די העלפט זאָלן ווערן אַבאָנענטן — איז ער געראַטעוועט. און מיט אָט־די האָפענונגען אינם האַרצן איילט ער פרייטאָג צו זיך אין אָפיס. ער האָט נאָר־וואָס געעפנט די טיר, ערשט ער הערט די טריט, דעם אונטערהוסט און דעם פינגער־קלאַפּ פון אַ שליח־ציבור, — מסתמא.

— קומט אַריין!

און ווער קומט אַריין? — טאַקע אַ חזן! ער קומט אין נאָמען פון אַלע חזנים אויסדריקן די באַוואונדערונג פון דאַנציסעס פאַכמע־נישן איבערבליק איבער דעם חזנים־קאָנצערט. אָט, צ. ב. ווי מר. דאַנציס באַשרייבט דאָס זינגען פון „השכיבנו". ווי אָט פאַלן זיי אַריין, און אָט פאַלן זיי אַרויס, ווי אַן עכטער מוזיק־קריטיקער. אַי, דאָס וואָס די חזנים האָבן „השכיבנו" אין גאַנצן ניט געזונגען?! און אַזוי צעפּאַלמעסט דער חזן איין גוט־געשריבענעם פאַראַגראַף נאָכן צווייטן, מיט דעם צוזינג: „אַי, דאָס וואָס די חזנים האָבן אָט־דעם שיין־באַשריבענעם נומער בכלל ניט געזונגען?! נאָך יעדן צעפּאַלמעסטן פאַראַגראַף צערינט, נעבעך, ביי קאָרנבליטן איין גאָלדענע האָפענונג נאָך דער אַנדערער. (מר. קאָרנבליט האָט שוין, ענדלעך, איינגעזען אַז דאַנציס האָט גאָר ניט אָנגעהויבן צו זיין ביים קאָנצערט), און

ער בלייבט, נעבעך, ביי דער שאַנדע און ביי דעם הילכיקן חזנישן געלעכטער — צו וועלכן דאַנציס — אין זיין קלאָונישער מאַסקע — האָט אים געוואָגט צו דערפירן.

אויף דער שרייבערישער עוועניז איז גאָר קיין נאָווינע ניט געווען צו הערן אַזעלכענע חוכא־וטלולא מעשהלעך אויפֿן חשבון פון מרדכי דאַנציס. נאָר ס'איז געווען די געמיינזאַמע שולד: אי פון דער עוועניו וואָס האָט ניט נאָר געדולדעט, נאָר היפש געקוויקט זיך מיט דעם טשאַרם פון אָט־דער כלומרשטער באַהעמישקייט זיינער, זייענדיק, ביין פון איר ביין און פלייש פון איר פלייש, אי פון דאַנציסן וואָס האָט מיט זיין ברוטאַלן ציניזם און מיט זיין שיר־ניט קלאָונישער ווירטואָזיטעט פאַרדעקט און פאַרגלעט איין וואָרט הפקרות נאָך דער אַנדערער, איין זשורנאַליסטישן סקאַנדאַל נאָך דעם אַנדערן...

## ד

ווען אַ שרייבער איז ניט גרייט צו פאַרטיידיקן דעם ערשטן זאַץ, צי די ערשטע שורה פון זיינס אַ שאַפונג איז דער גאַנצער שרייבערישער בנין זיינער געבויט אויף ווינט און אויף מעקענע. ווען זיין ערשטער זאַץ איז אויפגעבויט און פאַרטיידיקט, דעמאָלט מעג ער זיך נעמען בויען זיין צווייטן זאַץ, צי די צווייטע שורה. ניט פריער. אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש קען שרייבעריש אַ לעבן אָפּלעבן מיט איין(1) פאַראַנטוואָרטלעך־אויפגעבויטן אַרטיקל, עסיי, צי עפּאָס. און אַ הפקר־דיקער שרייבער קען אַ וועלט ניט אָפּנאַרן אַפילו מיט בייכיקע ביכער.

און אַז מר. דאַנציס האָט שוין דערלעבט דעם אַזוי־גערופענעם ליכטיקן איינבאַנד פון זיין בוך איינדרוקן פון ארץ ישראל — איז וואָס? האָט ער דערמיט פאַרפעסטיקט זיין שרייבערישן סטאַזש? ניט ער — אין זיין ציניזם — האָט עס דערוואַרט, ניט ווער האָט אים אויף דעם אַ רמז געגעבן. פאַרקערט, איינער פון די רעדנער אויף אַ באַנקעט לכבוד זיין בוך וועגן ארץ ישראל האָט אָפן געזאָגט, — אַ ביסל בדרך הלצה, — אַז זיין בוך איינדרוקן פון ארץ ישראל האָט ער אָנגעשריבן אויפן שיף — פאַרנדיק קיין ארץ ישראל. דער עולם האָט געלאַכט. דער מחבר האָט מיטגעלאַכט, ווי איינער זאָגט: אַז מען קען, מעג מען. נאָר דער באַדאַכטער פאָלקס־מענטש האָט איבערגעהאַקט זיין זינלאָזן לאַכן און האָט זיך דערמאָנט אָן דעם וואָרנענדיקן פאָלקס־ווערטל: טאַטע, דו לאַכסט, אָך־און־וויי צו דיין געלעכטער!

## ה

נאָר איינמאָל, דאַכט זיך נאָר איינמאָל, האָט עטוואָס פּאַסירט מיט אָט־דעם מענטשן, און עס איז פון זיין פעדער אַרויס אַן אויפשרייב

וואָס האָט דעם פרומען און דעם דיסקרימינירנדיקן לייענער, דעם אידישן, דערבראַכט צו גרויסער פרייד און צו עכטן טרויער צוגלייך.

אויך דאָס מאָל האָט זיין געווינלעך־לויזע פעדער געגומען לי־פערן רייזע־שטאָף. נאָר דאָס מאָל איז דאָס געווען פון אייראָפּע, און געשריבן האָט ער די איינדרוקן אויפן וועג צוריק, אויפן שיף פון איי־ראָפּע קיין אַמעריקע. דריי־פיר אַרטיקלען פון יענער סעריע זיינען געווען בריליאַנט אויפגעשריבן. ער האָט געשילדערט אין זיי דאָס לעבן פון די אידן אין קאַרפּאַטן־רוסלאַנד. עס זיינען אויפגעגאַנגען פאַר אייך דעמביקע אידישע פיגורן; עס האָבן אויפגעלויכטן פאַר אייער ראיה הערלעכע פאַטריאַרכאַלישע אידישע געשטאַלטן. און עס האָט אויפגענומען אייער האַרץ דעם פריידיקן אויפזינג פון צענדליקער און צענדליקער צעבליטע אידישע שטעטלשע מלוכהלעך ערגעץ־וואו אין אַ שטיק פאַראַנקערטן אידישן גלות.

נאָך אָט־די דריי־פיר אַרטיקלען, וואָס קענען נאָך איצט גענומען ווערן פאַר אַ מוסטער פון גוט־געבויטער פראַזע, איז זיין פעדער צו־זיך געקומען, און האָט ווידער גענומען פליוכען מיט לויזע ווערטער און פלייצן מיט צעבראַסטעטער רעטאָריק.

און דעמאָלט איז דער פרומער און דיסקרימינירנדיקער אידישער לייענער אַריינגעפאַלן אין עצבות: אָט האָט זיך אַ מענטש אויף עט־לעכע שעה גענומען אין האַנט אַריין און האָט בריליאַנטן געשאַפן. פאַרוואָס האָט אָט־דער מענטש ניט געוואָלט, צי ניט געקענט, ממשיך־זיין אָט־די עטלעכע שעה?

ו

כדי מונטערן דאַנציסן ער זאָל אָפּטער באַטרעטן דעם שטעג פון פאַראַנטוואָרטלעכן שרייבן האָב איך פאַר אים צעפּראָלט כמעט אַלע טויערן צו מיינע ליטעראַרישע אינזלען פאַר די לעצטע עטלעכע און צוואַנציק יאָר. איך האָב געלעבט אונטער דער פאַרבלענדנדיקער איינביידעניש, אַז דעם אמתן פּנים וועט דאַנציס ווייזן ווען עס וועט אים אונטערשפּילן דער „גרויסער מאָמענט", ד. ה. ווען ער וועט קענען זאָגן זיין פולן און לעצטן וואָרט אין אַ גרויסער אידישער טאָג־צייטונג. און דער „גרויסער מאָמענט" איז געקומען פריער ווי ער אַליין האָט זיך געקענט ריכטן. ער איז אין יאָר 1949 נתעלה געוואָרן צו שעף־רעדאַקטאָרשאַפט פון „טאָג". און דאָ האָט ער, — יע, אַפילו ער — אונז אַלעמען דערשטוינט מיט זיין פרעכער הנהגה. ער האָט זיך גענו־מען וואַרפן מיט די צאַרטערע שרייבער, און די אומבאַשיצטערע טאַקע אַרויסרייסן פון שרייבערשע פּאָזיציעס און פון באַשיידענער פרנסה. ער האָט אָנגעהויבן איינשפּאַנען דעם „טאָג" אין דינסט פון זיינע פאַר־

שיידנאַרטיקע (אָפענע און פאַרשטעלטע) „פּובליסיטי״־קליענטן. זיין נאָרמאַל־צעהפקרטער שרייבן האָט איצט גענומען אויפשפּילן אויף אַלע חנען. געוויסע אַרטיקלען זיינע האָבן גענומען אַרויסרופן מאַסן־רעוואָלט און געוויסע לייט־אַרטיקלען זיינע זיינען פון אַנדערע צייטונגען באַ־צייכנט געוואָרן ווי זשורנאַליסט׳שער חוזק פון יאָרהונדערט. און — עס האָט זיך אָנגעהויבן וואַלקענען אויפן „טאָג״ מיט אַ סעריע פון פּראָ־צעסן, „לאַיבלס״, משפּטים. ביז דאָס אומפאַרמיידלעכע האָט געמוזט קומען — ער איז אַרונטערגעזעצט געוואָרן פון רעדאַקטאָר־שטול אונ־טער אַ האָגל פון פאַרשפּאָטונג און פאַראַכטונג.

ז

ביי זיין שרייבערישן געבורט איז דער מלאך פון די קונסטן געווען גנעדיק צו אים. ער האָט אים באַשאָנקען מיט שרייבערישע מעלות טובות און — מיט אַ ברייטער האַנט. ער האָט אים, אַלס זעלטענע זכיה, אַ היפּשן בינטל שליסלען מיטגעגעבן אויף זיין סכנות־דיקן וועג צו די אַלערליי זאַלן פון דעם פורכטיקן גאָטס טעמפּל פון וואָרט־אַ־שווערד.

ער האָט געקענט ווילן זיין וועג, און לאָזן קאַרביקע צייכנס אין אונזער לעבן:

אַלס געוויסנהאַפטער זשורנאַליסט,
אַלס גייסטרייכער פעליעטאָניסט,
אַלס אַן על־קידוש־השם רייטנדיקער פּובליציסט,
אַלס קערנדיקער בעלעטריסט,
אַלס מוסטערהאַפטער רייזעלאָג,
אַלס אינספּירירנדיקער קריטיקער.

נאָר כדי צו קענען באַטרעטן איינעם, צי מער ווי איינעם פון אָט־די סכנותדיקע וועגן האָט מען פריער פון אַלץ, מענטש געדאַרפט זיין! מענטש — און ניט לץ!

ליגן זיך, ערגעץ־וואו, די זכיה־שליסלען זיינע, פאַרזשאַווערטע, אין מעגלעכער מעדיטאַציע וועגן זייער „טשודנעם״ באַלעבאָס וואָס האָט כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט אַרומגערודערט מיט דער פּען און מיט דעם מויל; אויף דער בימה און אויף דער ראַדיאָ; בין אדם לחברו און ביי די קאַפע־טישלעך און איז געווען, אפשר, דער טיפּיש־סטער און קאָנסעקווענטסטער פאַרשטייער פון די אַמעריקאַניש־אידי־שע צייטונג־שרייבער פון זיין דור, — אַ טיפּישער און קאָנסעקווענטער פאַרשטייער, וועלכער האָט, מיט ברוטאַלן ציניזם און מיט שיר־ביט קלאָונישער ווירטואָזיטעט, ניט אויפגעהערט צו „לייסטן״ פאַר דער אידישער צייטונג־אינדוסטריע ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

# אַדאָלף העלד

### א.

ווען מען וויל ביי מיר אָפּפרעגן די פּרוכטבאַרקייט פון היגן באָדן פאַר אידישער המשכדיקייט, הויב איך אָן אַרויסשטעלן אַ ריי פיגורן, וואָס זיינען דאָ געבאָרן געוואָרן, אָדער וואָס זיינען גע־קומען אַהער אין זייערע קינ־דער־יאָרן, און פאַרנעמען איצט פירנדיקע פּאָזיציעס אין אידישן לעבן.

אַדאָלף העלד

אין דעם ערשטן מנין פון אַזעלכע אַרויסגעשטעלטע פי־גורן געפינט זיך אַדאָלף העלד, — דער באַריסלאַווער אינגל, וועלכער האָט צו זעקס יאָר פאַר־זוכט דעם טעם פון אַ באַראָן הירש אַליאַנץ־שול אין זיין גאַ־ליציאַניש שטעטל, צו זיבן יאָר שוין געווען אַ בן־בית אין דעם גאַליציאַנער קוואַרטאַל פון דער ניו־יאָרקער איסט־סייד, און צו זיינע איצטיקע 67 יאָר — אַ וועלט־אָנערקענטער פירער און רודערער פון אידישע און אַל־געמיין־געזעלשאַפטלעכע ענינים.

### ב

כאָטש פּאָליטיש ריידן מיר אָפט אויף באַזונדערע לשונות, געפינען מיר זיך, אָבער, גאָר ניט זעלטן אויף געמיינזאַמער אידי־שער טעריטאָריע. ווייל העלד האָט געירשנט פון זיין טאַטן, חוץ אַנדערע אייגנשאַפטן, אויך דעם דראַנג פון שליח־ציבורדיקייט. זיין פאָטער, ר׳ יעקב יוסף ע״ה, האָט, אין דער שטיל, מיט הכנעה, נאָר גאַנץ געשמאַק זיך געריסן צום עמוד, כדי האַרציקער זאָל אויפ־גיין זיין תפילה פאַרן בורא עולם, און זיין זון גייט טראָט־אין־טראָט אין טאַטנס דרכים.

אין די באַלד דריי צענדליק יאָר וואָס מיר קומט אויס צו אָנ־

טרעפן זיך מיט העלדן איז מיר נאָך קיין איין מאָל ניט אויסגעקומען אים צו דערזען אין אַ פּאָזע וואָס זאָל, אויפן מינדסטן אופן, כאָטש, אַסאָציאירן מיט פּערזענלעך לעבן, מיט זיינע אייגענע דאָלעד אומות. ער איז תמיד און אינגאַנצן אונטער זיין טאַטנס אימפּעראַטיוו: שליח־ציבורדיקייט. שטענדיק גרייט צו דינען.

## ג

און אין דעם אופן פון זיין דינען דערמאָנט מיך העלד אַפּט אויף נאָך אַ פיגור פון די הי־דערצויגענע: מוני וויזענפריינד.

איידער ער איז געוואָרן פאָל מוני, האָט ער געשטרעבט צו ווערן אַ אידישער אַקטיאָר, און ער האָט געשפּילט ווינקל־ראָליעס אין אי־דישן טעאַטער. אַזאַ מינדערוויכטיקע ראָליע איז אים צוגעוואָרפן געוואָרן, ביים אָנהויב פון זיין קאַריערע, אין גאָגאָלס „רעוויזאָר". די ראָליע פון אַ הכנעהדיקן דינער—אָסיפּ. נאָר וואָס האָבן מיר אַלע דערזען, און וואָס האָבן מיר אַלע דערהערט? מיר האָבן דערזען אַז דער פיל־פאַך־איינגעבויגענער אָסיפּ וואַקסט, און וואַקסט, און וואַקסט אַריבער די סאָסנע־מעסיקע פיגורן פון אַ באַראַטאָוו, פון אַ סניעגאָוו, און פון די אַלע איבעריקע, און אַז דער אויף זיבן־שלעסער־פאַרזיגל־טער מויל פון דעם דינער שרייט — אין זיין מעכטיקן שוויגן — אַריבער די סאַמע רעטאָרישסטע פראַזע פון דעם רוסישן מייסטער.

און אויך אַזוי זע איך מיין איצטיקן העלד — אַדאָלף העלד. ווי ער איז, פון דער נאַטור, געבויט — ווי פיל גאונים, לויט אַ געוויסער טעאָריע, — קליין־געוויקסיק, באַמיט ער זיך שטענדיק אייך אַנט־קעגנקומען נאָך געבויגענער, כדי אייך גרינגער מאַכן אין אייער שליחות, אין אייער בקשה — אַ ירושה־שטריך פון זיין מאַמע טויבע־איטע ע״ה.

נאָר ווי עכט העלד זאָל ניט זיין אין זיין באַשיידנקייט, ווי גרויס ער זאָל ניט זיין אין זיין פשטות, ענטפערט ער, אָבער, שטענדיק דעם רוף צו דינסט. אין דעם זין היט ער, זייער געטריי, אָפּ דעם טאַטנס ירושה.

## ד

ווי נאָר מר. העלד איז אַריבער דעם גרענעץ פון זיין ערשטן יאָר־צענדליק האָט ער זיך גענומען ערנסט גרייטן צו עבודת הבורא. צו עלף יאָר איז ער שוין אַ מיטגליד, און אַן אַקטיווער מיטגליד, אין דעם „ווענדל פיליפּס רעוואָלושיאָנערי קלאַב, דזשוניאָר". דאָס איז געווען, אַזוי דאַכט זיך מיר, אַ זעלבסט־בילדונג קלוב פון אידישע יונגעלייט. זיי פלעגן אָפּהאַלטן זייערע פאַרזאַמלונגען אין די קלוב־צימערן פון „ניו־יאָרק סאָשעליסט ליטעראַרי סאָסייעטי", אין 101

קלינטאָן סטריט. פון דער נאַטור אַ רודערער, איז דער יונגער העלד שנעל געוואָרן דער רוח־חיים פון דער אָרגאַניזאַציע — דער סעקרע־טאַר.

אין 1900, צו זיין 15־יאָריקן עלטער, טרעט העלד אַריין אין סיטי קאָלעדזש. ווען ער ענדיקט דעם זעקס־יאָריקן קורס, קריגט ער אַן אָנבאָט פון אַב. קאַהאַנען, ער זאָל ווערן דער „סיטי־עדיטאָר" פון „פאָרווערטס". קאַהאַן האָט העלדן גוט געקענט פון דער „באָ־וועגונג", פון דער פּאַרטיי, פון אַרבעטער רינג, ווי איינער וואָס האָט, אין 1906, געהאָלפן גרינדן דעם באַריסלאַוער ברענטש 49 אַרבעטער־רינג. ער האָט, נאָך דעמאָלט, אין אים געזען דעם קינפטיקן פירער.

ווען העלד האָט זיך געקווענקלט, האָט קאַהאַן אים ניט אויפ־געהערט צו אַגיטירן:

— דאָ דאַרף מען האָבן אויגן און אַ נאָז, שרייבן וועלן אַנדערע.

און מיט די צען ווערטער האָט ער איבערגעצויגן די וואָגשאָל, און מר. העלד האָט אָנגענומען דעם אַמט, וועלכן ער האָט אָנגעהאַלטן זעקס יאָר. אונטער זיין נייעס־רעדאַקטאָרשאַפט האָט דעמאָלט ניו־יאָרק געשטורעמט מיט די גרויסע סטרייקס פון 1908־9, און מיט די „נייעס פון אַלע נייעסן" — דער „טרייענגעל־פייער". ביים ליכט פון דעם „טרייענגל־פייער" האָט העלד דערזען אין קאַהאַנען אַ גאון אין זשורנאַליזם.

ווען דער גרויסער אומגליק האָט פּאַסירט, האָט קאַהאַן אַריינגע־רופן העלדן, און אים געפרעגט, ווי אַזוי ער האָט בדעה צו „דעקן דעם פייער". ווען מר. העלד האָט אים אויסגעלייגט זיין פּלאַן, האָט אים קאַהאַן געזאָגט:

— דאָס וועלן דאָך אויך טאָן די אַנדערע צייטונגען. דאָס טויג ניט. שפּאָר ניט קיין געלט. שטעל אָן וויפל מענטשן דו קענסט נאָר געפינען, און זאָלן זיי אינטערוויואירן די געליטענע פון דעם פייער.

מער האָט העלד ניט געדאַרפט. ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט זיין כאַראַקטעריסטישן ברען, און ווען אַלע אַנדערע צײַ־טונגען זיינען אַרויסגעקומען מיט די געוויינלעכע באַריכטן, איז דער „פאָרווערטס" דערשינען מיט עטלעכע און פערציק ביאָגראַפיעס פון די געליטענע מיט זייערע בילדער. ס'איז איבעריק צו זאָגן, מען האָט געכאַפּט דעם „פאָרווערטס". אַזעלכע זשורנאַליסטישע איינפאַלן האָבן טאַקע געהאָלפן אַז דער „פאָרווערטס" זאָל ווערן דאָס וואָס ער איז — די בעסטע און פאַרשפּרייטסטע אידישע צייטונג.

אין 1912 ווערט העלד דערוויילט אַלס דער געשעפט־פאַרוואַלטער פון דער צייטונג. דעם אַמט האָט ער אָנגעהאַלטן ביז 1918. בעת העלד איז אָנגעקומען אין „פאָרווערטס", אַלס „סיטי־עדיטאָר", איז

עס ניט געווען קיין זעלטענער פאַל, אַז דער „פאָרווערטס" האָט ניט געהאַט געענוג אין קאַסע אויף אויסצוצאָלן די שכירות פון די אָנגע־שטעלטע. אין דעם לעצטן יאָר פון זיין פאַרוואַלטעריי, האָט דער „פאָרווערטס" פאַרדינט איבער דריי הונדערט טויזנט דאָלער — הלוואי אויף היינט געזאָגט געוואָרן!

## ה

ווען יעקב יוסף, העלדס פאָטער, איז געקומען קיין אַמע־ריקע אין 1892, האָט ער געטראָפן דאָס לאַנד אין גרויסן קריזיס. נאָר קיין זאַך האָט אים אַזוי ניט געשראָקן, אַזוי ניט געאַרט, ווי דאָס פרעמדע ברויט. עס האָט אים געצויגן מיט טויזנט בענקשאַפטן צו דאָס היימישע ברויט. האָט ער פּרובירט פאַרהאַנדלען מיט דער לאַנדס־פרוי וואו ער האָט געוואוינט, אויב זי קען באַקן, צי קויפן פאַר אים אַזאַ ברויט; ער האָט פּרובירט אַזוי מיט אייניקע בעקערס, זיינען זיי ניט געווען צוגעגרייט פאַר דעם. נאָך לאַנגע און פילע באַ־מיאונגען, האָט ער צונויפגעפּירט אָט־די פרוי מיט אַ געוויסן בעקער; ער האָט געקויפט אַ „באַרל" מעל, 196 פונט, און די מיסיס האָט אין יענער בעקעריי אָפּגעבאַקט גרויסע לעבלעך פון דעם היימישן ברויט. דער איבער־גליקלעכער יעקב יוסף האָט דאַן צעשניטן די גרויסע לאַבנס ברויט אויף המוציאס — אַ פּעני אַ מוציא. איז אַרויס איבער ריווינגטאָן סטריט און מען האָט דאָס צעכאַפּט כהרף עין. עס האָט לאַנג ניט גענומען, און ר' יעקב יוסף העלדס היימישע ברויט האָט פאַרשמעקט די איסט־סאַיד!

העלדס צענדליקער טראָקס האָבן אומגעשוועבט איבער די ניו־יאָרקער גאַסן, אַזוי, אַז העלדס קינדער האָבן ניט נאָר פאַרזוכט דעם טעם פון היימיש ברויט נאָר האָבן זיך אויך געקענט פאַרגינען — אַן אומגעוויינלעכע זאַך פאַר יענער צייט — צו גיין אין קאָלעדזש, און ווערן לאָיערס (ווי אַדאָלף העלד) און ווערן גרויסע דאָקטוירים (ווי איזידאָר העלד, דער באַרימטער דאָקטאָר, וועלכער איז ספּעצ־ציעל געווען באַליבט און געאַכטעט ביי אידישע שרייבער און קינסט־לער, ביי וועמען ער האָט קיינמאָל קיין געלט ניט גענומען) און אי־בערלאָזן דורות אייניקלעך געלערנטע, געבילדעטע.

ווען מר. העלד איז אַוועק פון זיין פאַרוואַלטער־שטעלע אין „פאָרווערטס", האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין טאַטנס ביזנעס. איז ער געוואָרן אַ פאַרשטייער פון מעל־מילן. איין קאָסטימער — זיין טאַטן — וועט ער דאָך האָבן. און אַזוי האָט ער זיך געהאַלטן ביי די מעליקע ביזנעס אַ צוויי־דריי יאָר, ביז ס'האָט אים ווידער אַ רוף־געטאָן דער קהל'שער שופר.

ו

עס איז געווען אַרום סוף 1920. אין רוסלאַנד האָבן דע־מאָלט געבושעוועט די ווייס־גוואַרדייאישע פּאָגראָמשטשיקעס, די דע־ניקינס, די פּעטלוראַס, און די האַיאַס האָט גערופן העלדן צו דינסט. ער ווערט אייראָפּעאישער דירעקטאָר פון האַיאַס, און אין גיכן געלינגט אים צו איינשטעלן 20 אָפיסעס פון האַיאַס, דורך וועלכע, אין זיין צייט, איבער 200 טויזנט אידן האָבן איינגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. איינער פון אָט־יענע אימיגראַנטן האָט 30 יאָר אַרומגעזוכט העלדן, — אים אומצוקערן די 20 דאָלער וואָס העלד האָט אים דעמאָלט געגעבן. אין די טויזנטער זיינען דאָ, אָט־די דאַנקבאַרע מענטשן, מיט די וואָ־רעמסטע געפילן צו דעם פירער, וואָס האָט געהאַט פאַר זיי אַ גדול־דיקן אויער, און האָט געהאַט פאַר יעדן איינעם די געהעריקע עצה, דעם טרעפלעכן וואָרט. מיין פריינט מ. ירדני איז איינער פון אָט־יענע טויזנטער, און ער האָט מיר די טעג געשילדערט בילדער פון אידישער טראַגיק, פון אידישע צרות, איבער וועלכע עס האָט געטריי געוואַכט דער אומדערמידלעכער גרזעלשאַפטלעכער רופא אַדאָלף העלד.

פינף יאָר האָט העלד אָנגעפירט די מלחמה מיט אידישע צרות, מיט אַריבערפּעקלען יחידים אידישע און פאַמיליעס קיין אַמעריקע — אַ הערלעכער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יעדן גרויסן מענטשן!

ז

אויפן וועג קיין אַמעריקע האָט זיך העלד אָנגעטראָפן מיט סידני הילמאַן. מר. הילמאַן האָט אים דערציילט, אַז עס גרינדעט זיך אַן אַמאַלגאַמייטעד באַנק אין ניו־יאָרק, און האָט אים אָנגעבאָטן די פּרע־זידענטשאַפט. מר. העלד האָט אים דערקלערט, אַז ער קען ניט אָננע־מען דעם אַמט, ווייל ער איז געבונדן, אויף נאָך אַ יאָר, לויט אַ קאָנ־טראַקט מיט דער האַיאַס. האָט אים מר. הילמאַן פאַרזיכערט, אַז ער וועט געדן וואַרטן אַ יאָר צייט, אַזוי, אַז אין 1925 איז מר. העלד דער־ווילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון אַ יונגער און עקספּערימענטאַלער באַנק אין אַמעריקע. די אַרבעטער באַנק האָט אָנגעפאַנגען אירע עסקים מיט אַ סומע פון ווייניקער ווי אַ מיליאָן אין גרויס־פאַרמעגן. ביים סוף פון 1945, ווען מר. העלד האָט, צוליב אידעאָלאָגישע חלוקי־דעות מיט סידני הילמאַן, געדאַרפט פאַרלאָזן זיין אַמט, האָט די באַנק שוין פאַרמאָגט איבער 24 מיליאָן אין איר גרויס־פאַרמעגן.

ביי מיר איז קיין שום ספק ניט, אַז מר. העלד האָט געשפּילט, און גלענצנד געשפּילט, זיין באַדייטנדיקע ראָליע אין דער ראַשיקער אַנט־וויקלונג פון דער אַרבעטער־באַנק. איך האָב אים אָפט באָאָבאַכטעט ביי דער אַרבעט. פון זיין ווינקל־שטול אַרויס האָט ער געזען און דורכגע־

בליקט יעדן איינציקן קליענט. און געזען האָט ער יעטווידן קליענט דורך און דורך — ווי מיט אַ פסיכישן עקס־רעי־אַפּאַראַט. ער האָט געוואוסט יעדנס דילעמע, און ער האָט געזען יעטווידן אין זיין קלעם. מען האָט פיל ניט געדאַרפט ריידן צו אים. ווי אַ בליץ האָט געאַרבעט זיין מוח, און ווי אַ בליץ איז געקומען זיין וואָרט.

און צווישן די טויזנטער געקלעמטע קליענטן זיינע, און צווישן די אַנדערע פליכטן וואָס אַ געוויסנהאַפטיקער פּרעזידענט פון אַן אַרבע־טער־באַנק איז מחויב אויף זיך צו נעמען און צו טראָגן, האָט ער נאָך צייט און כוח און געדולד געפונען פאַר די רעגנבויגנאַרטיקע מיטינגען זיינע און שטענדיק מיט אַ בוך אונטערן אָרעם, ווייל צווישן איין מיטינג און דעם אַנדערן — האָט ער, דערווייל, אַריינגעכאַפּט אַ בוך, פון פאַרשיידנאַרטיקסטן אינטערעס. ווייל ווי קליין ער איז אין געבוי, אַזוי גרויס איז זיין אַפּעטיט און זיין קאַפּאַציטעט צו ביכער־שלינגעריי. פון די זעלטן־גרויסע בוך־פאַרצוקער!

ח

קיין צו גרויסע וואַקאַציע האָט העלד ניט געהאַט. ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און דוד דובינסקי, פּרעזידענט פון „אינטערנעשאַנאַל״ האָט אָנגעבאָטן העלדן די אויפזיכט איבער דעם „וואַקאַציע, געזונט און ׳ריטאַירמענט׳־פאַנד״, וועמעס רעזערוון באַטרעפן איבער 100 מיליאָן דאָלער.

אין 1938, נאָך וולאַדעקס טויט, איז אַדאָלף העלד דערווייזלט געוואָרן פאַרזיצער פון אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. דער דאָזיקער קאָמיטעט, וואָס שפּילט אַ פירנדיקע ראָליע אין דעם היגן אידישן אַרבעטער לעבן בכלל, האָט דורכגעפירט גרויסע און היסטאָרישע שליחותן אויפן געביט פון אידישער און אַלגעמיינער רעטונג־אַרבעט במשך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די רעזולטאַטן פון אָט־יענע וויכטיקע אַרבעטן קען מען נאָך איצטער באַמערקן. ווי איינער פון די דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ אין האַאַג וועגן די דייטשישע חובות צו די אידן, האָט מר. העלד, אין נאָמען פון אידישן אַרבעטער קאָמיטעט, אויסגעאיבט אַ גוואַלדיקן איינפלוס סיי אויף די אַלגעמיינע אייראָפּעאישע סאָציאַליסטן און סיי אויף די דייטשישע סאָציאַליסטן. דער דרוק, דורך דעם גוטן נאָמען פון דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, אויף די סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטן, האָט פיל געהאָלפן מאָראַליש דעם אידישן צד אין זיינע גערעכטע מינימום־תביעות פון די דייטשן.

ט

כאָטש אַדאָלף העלד האָט אַ גאַנץ בולטע פּאָליטישע פיזיאָ־נאָמיע, איז ער קיינמאָל ניט געווען פון די „ענגע״ געגנאָסן. ווען דער

„טאָג" צ. ב. איז מיט יאָרן צוריק געווען אין סכנה פון אונטערגאַנג האָט מיר מר. העלד דערמוטיקט, אַז איך זאָל זען ווייַנבערגן, ווען איך האָב דעמאָלט גוט געקענט — ווייל ער איז דעמאָלט געווען אַ חסיד פון „וואָכנבלאַט" — און זיין דער פאַרמיטלער צווישן אים און דעם „טאָג". אין אַ באַשטימטן זין האָט מיין געשפרעך מיט מאָריס ווייַנבערגן, אַ דאַנק העלדס דערמוטיקונג, און מיין שאַרפן אַרויסטריט אויף דער פראָנט־זייט פון „וואָכנבלאַט" וועגן צולאָזן ווייַנבערגן צום „טאָג" דעמאָלט געראַטעוועט די צייטונג.

איך קען אַנדערצייילן פילע אַנדערע וויכטיקע פּרטים אין דער פיל־פאַרביקער געזעלשאַפטלעכער קאַריערע פון אַדאָלף העלד, — פּרטים וואָס וועלן צוגעבן שטריכן פון זיין רואיקייט, זיין אָביעקטי־וויטעט, זיין שכל הישר, און, איבערהויפּט, זיין הויפּט־שטריך, — זיין שטענדיקע גרייטקייט צו דינען, צו דינען מיט דער מאָס פון גערעכטיקייט.

**י**

אַדאָלף העלד, ווי דערמאָנט, טראָגט מיט ליבע די ירושה פון זיין פאָטער, ר' יעקב יוסף. בעת זיין טאַטע האָט געזען צו באַ־זאָרגן די אידן פון גאַליציאַנער קוואַרטאַל מיט היימיש ברויט, האָט זיין זון, דער יורש, אַכטונג געגעבן, אַז אַלע זאָלן קענען קריגן אַ גלייכן חלק פון דעם ברויט.

אַ גלייכן חלק פאַר אַלעמען פון דעם ברויט — וואָס דאָס איז דאָך די רויע פאָרמולירונג פון סאָציאַליזם, און אין העכערן און עטישן זין — פון נביאישער אידישקייט, דאָס איז די משנה פון העלדס וועלט־באַנעם, און מיט דעם איז געווען אויסגעפילט זיין פולער לעבן.

**יא**

דער אינגל וואָס האָט אָנגעהויבן זיין גאַנג אין דער וועלט מיט דעם כוח פון דער פראַנצויזיש־סערווירטער דיעטע פון דער באַראָן־הירש אַליאַנץ־שולע און האָט צו זעקס יאָר גובר געווען די מעכטיקסטע פון אַלע וואַסערן — דעם אַטלאַנטיק — כדי צום זיבעטן יאָר פון זיין עלטער ווערן אַ בן־בית אין די קאָכיקע גאַסן און געסלעך פון דער אַמאָליקער איסט־סאַיד איז איצט — 60 יאָר שפּעטער — אין זיין קרוינפולער אויסצירונג פון אַ פירער מיט אַ וועלט־נאָמען פאַר מיר אַ ווייטערדיקע באַשטעטיקונג אַז דער באָדן פון קאָלאָמבוסעס מדינה איז פרוכטבאַר גענוג פאַר אידישקייט המשך אין די רייכסטע פון זיינע פאַרבן, אין די טיפסטע פון זיינע טייטשן און קנייטשן ביז צו די ווייטסטע און געדרייטסטע דעטורן.

# נייטן וואַרשאַ

## א

די גאונות פון אַ מענטשן מאַניפעסטירט זיך ניט נאָר אין איין־און־איינציקן פאָרם אָדער פורעם. אַמאָל געשטאַלטעט זיך צו אונז, שטערבלעכע, די אויסערגעוויינלעכקייט פון אונזערס אַ מיט־מענטש דורך זיין עקשנותדיקן גאַנג אין לעבן, צי אין דענקען. ניט־זעלטן באַוויזט זיך פאַר אונזער ראיה דער עלוי דורך אַן אויפ־בליץ פון זיינס אַן אַקט. און אָפט דערזעען מיר דעם גאון אין דעם בלויזן אויסרייד פון עטלעכע פשוטע ווערטער.

נייטן וואַרשאַ

מאַרק טווען האָט אַמאָל אַזוי דעפינירט דאָס וואָרט גאונות: 10 פּראָצענט אינספּיראַציע און 90 פּראָצענט פּערספּיראַציע. און וואָס איז פּערספּיראַציע, אויב ניט קיין איין־וואָרטיקער אָפּטייטש פון דעם חומשדיקן „בזעת אפּיך תאכל לחם״? נאָר דאָס וואָס ביים בעל־החומש איז געווען אַ קללה, ווערט ביים גאון אַ ברכה. דער מענטש ווען קאָפּ רייסט זיך צו די הימלען ווערט זעלטן גע־זעטיקט מיט דער פרייד פון זיין אַרבעט. עדיסאָן האָט קוים דריי שעה זיך געקענט פאַרגינען אויף דער נוצלאָזיקייט פון שלאָף. די איין־און־צוואַנציק שעה פון מעת־לעת, הייסט עס, זיינען פאַר אים ווייט־ווייט ניט גענוגנד געווען.

און מיט דעם נעמלעכן פסוק האָט מיר נייטן וואַרשאַ פּרו־בירט דערקלערן זיין 50־יאָריקן אויסזען בעת ער שטייט שוין ניט ווייט ביים ראַנד פון זיבעציק.

— איך פּרוביר — האָט ער מיר געזאָגט — מיט פרייד און מיט גרויס הנאה מקיים זיין יעדן טאָג פון מיין לעבן דעם פּסוק: „בזעת אפּיך תאכל לחם" — מיטן שוויס פון דיין פּנים זאָלסטו עסן ברויט. און אויב עס איז דאָ ברויט מיט פּוטער איז דאָך אַוודאי גוט. און אַזוי אַרום האַלט ער אָן זיין יוגנטלעכקייט דורך דער אומאונטערבראָכע־נער הנאה פון מי און פון אַרבעט; פון שאַפן און פון געניסן, פון זען און פון הערן; פון געבן און פון העלפן, און איז, אַזוי אַרום, דער אמתער עושר, ווייל און ווייל — אַ שמח בחלקו.

ב

ביז מיט אַן ערך פון 10 יאָר צוריק האָב איך אַפילו זיין נאָמען ניט געהערט. נאָר איינמאָל איז מיר אויסגעקומען בלעטערן אַ נומער „פּוילישער איד", מאָנאַט־זשורנאַל, אַרויסגעגעבן דורך דער דעמאָלטיקער „אַמעריקאַנער פעדעראַציע פאַר פּוילישע אידן", וואו איך האָב זיך אָנגעגעגנט אָן אַן אַרטיקל איבער נייטן וואַרשאָ — אַ פּנים חדשות — אַ נייער מענטש פאַר מיר, אַן אומבאַקאַנט פּנים, מסתמא אויך פאַר אַנדערע און זיכער אַ ניט צו פּאָפּולערער נאָמען. אין דער זעלבער צייט האָט די רעדאַקציע פון „וואָכנבלאַט" דערהאַלטן אַ „רע־ליז" אַז די „ריפּינער רעליף" אָרגאַניזאַציע וועט דעם 7טן פעברואַר (1942) אין האָטעל ניוטאָן דורכפירן אַ באַנקעט לכבוד זייער חשובן לאַנדסמאַן, מר. נייטן וואַרשאָ אַלס אַנערקענונג און אָפּשאַצונג פון זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט בכלל און פאַר זיין אַקטיווער ראָליע אין דער ריפּינער הילף־טעטיקייט בפרט. פון די בעל־פּה־קלאַנגען פון וואַרשאָס לאַנדסלייט, פריינט און פאַרערער, האָב איך אויסגעפונען אַז אָט־דער נייער טיפּ פון קהלשן טוער, האָט ניט ליב צו ר אַ ש ן מיט זיין מעצענאַטסטוואָ, איז מער געדרן צו זיין אַ נותן־בסתר און אַן עושה־בסתר. קורץ, האָט ליב צו טאָן און צו ריידן בקול דממה דקה... דאָס אַלץ איז פאַר מיר געווען רעגונג גענוג אַז איך זאָל אין מיין גאַנצענער פאַרנומענקייט דאָך „אָפּרייסן צייט" אַרונטערצופאָרן צו אָט־דעם ענייודיקן טוער, זיך מיט אים באַקאַנען און זען אַזוי אַרום באַרייכערן סיי זיך און סיי דעם אינטעליגענטן אידישן לייענער מיט אַ נייער וויכטיקער און אינטערעסאַנטער אידישער פּערזענלעכקייט.

געטראָפן האָב איך וואַרשאָן אין זיינע אָפּיסעס, וואו ער איז פאַר די לעצטע עטלעכע און צוואַנציק יאָר טעטיק אַלס דערפינדער פון געוויסע דרוק־מאַשינעס, וואו איינציקע פון זיי זיינען צווישן די בעסטע און שנעלסטע פון דעם מין אין דער וועלט. מר. וואַרשאָס דער־פינדונגען זיינען ניט פאַרקויפט געוואָרן. זיי טאָרן אַפילו ניט דופּליקירט ווערן. זיין פירמע, מיט וועלכער ער איז אין שותפות מיט זיינעם

אַ משפחה־מענטש אברהם וואַרשאַ, איז די איינציקע וואָס נוצט און די איינציקע וואָס האָט דאָס רעכט צו נוצן מר. וואַרשאַס מאַשינעס.

מר. נייטן וואַרשאַ איז געווען פריינטלעך מיר צו ווייזן אייניקע פון זיינע דערפינדונגען. איין דרוק־מאַשין זיינע האָט, מעשה האָקוס־פּאָקוס, אַרויסגעוואָרפן פאַרטיקע פּראָדוקטן מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז ס׳איז ניט געווען מעגלעך צו כאַפּן מיטן אויג וואָס אַזוינס די מאַשין האָט בליצנוויז „געשאַפן״... מר. וואַרשאַ האָט מיר אָנגעוויזן אויף נאָך אַ גייסטיק קינד זיינס, אויף איין מאַשין אַזאַ וואָס שניידט, דרוקט און פּאַקט 4,000 שטיקלעך אין אַ מינוט — אַ זאַך וואָס זעט אונז אויס ווי אַ מעשהלע פון טויזנט און איין נאַכט.

און אָט איז אַ מאַשין — האָט מר. וואַרשאַ מיר אָנגעוויזן — וואָס קען „אַרויסוואַרפן״ אין עטלעכע שטונדן אַ גאַנצן וואַגאָן מיט סחורה, — סחורה, נאַטירלעך, פון דער פּאַפּיר־אינדוסטריע.

בעת איך בין ביי אים געווען לעצטנס, מיט עטלעכע טעג צוריק, האָט ער מיר געוויזן אַן אָנבאָט פון אַ קליענט פאַר אַ געוויסער קאַרטל. דער „אָרדער״ איז, נאַטירלעך, אויף צענדליקער מיליאָנען עקזעמפּליאַרן. מר. וואַרשאַ זאָגט מיר, אַז ער וועט דאַרפן דערפינדן אַ ספּעציעלע מאַשין פאַר אָט־דעם צוועק, און מיט דער הילף פון זיין נייעסטער דערפינדונג — אַ מאַשין וועלכע וועט זיין אַ יחידה במינה, און וועט ניט דופּליקירט ווערן — וועט איינשפּאָרן דעם קליענט הונדערטער טויזנטער דאָלער, — חוץ, פאַרשטייט זיך, עטלעכע דאָלער ריווח פאַר זיך אויך...

אויף אַן אַנדער אַרטיקל („אייטעם״ — בלע״ז) האָט ער איינגעשפּאָרט אַ קליענט אַ האַלבן מיליאָן דאָלער.

מר. וואַרשאַס ביזנעס־פילאָסאָפיע, אַזוי צו זאָגן, איז געבויט אויפן פּרינציפּ פון איינשפּאָרונג. און די דאָזיקע „עפישענסי״־מופתים, פון איינשפּאָרן זיינע קליענטן שווערע געלטער בשקל הקודש, באַווייזט ער טאָג איין טאָג דורך דעם צויבערהאַפטן אויפשפּיל אויף זיינע וואונדערהאַפטיקע אינזשינערישע דערפינדונגען פון אַלץ נייע און נייסטע דרוק־ און פּאַפּיר־באַאַרבעטונג ־מאַשינען וועלכע זיינען איינציק אין דער וועלט.

## ג

מר. נייטן וואַרשאַ איז דער עכטער, טיפּישער מין אַמעריקאַנער: פּיאָנער, אונטערנעמער, זעלבסט־קלעטערער אויף דער ליניע פון שווערסטן ווידערשטאַנד און דערקלעטערער כמעט ביזן שפּיץ פון זיינע אַמביציעס אַלס דערפינדער. און מיט אַלע זיינע דערפאָלגן האָט ער ניט פאַרלאָרן זיין צלם אלוהים. אויך דאָ ווייזט ער אַ כאַראַק־

טעריסטישן סימן פון געזונטן אַמעריקאַניזם: דעמאָקראַטישקייט. נייטן וואַרשאַ, ווען אויסגעמישט מיט זיינע איבעריקע ריפינער לאַנדס־לייט, וועט זיך ניט אויפבלאָזן אַן אַנדערשדיקער פון זיי, אַ העכערער פון זיי: ער איז, אין פולער פשטות, אין עכטער תמימות, איינער פון זיי, אַ גלייכער צווישן גלייכע, אַ ליבער לאַנדסמאַן צווישן טייערע היימישע אידישע קינדער פון ריפין און אומגעגנט.

ריפין! מר. וואַרשאַ קען אויף אַ רגע ניט פאַרגעסן זיין געבורט שטאָט. זיין טאַטנס ברויערי, וואו ער האָט געשטעלט די ערשטע טריט אַלס פּראַלעטאַריער, שטייט נאָך עד־היום לעבעדיק פאַר אים. דאָרט האָט ער דאָך אויך דורכגעמאַכט די ערשטע אינדוסטריעלע שולונג, וואָס האָט אים שפּעטער געגעבן דערפאַרונג און מוט צו גרינדן אַליין אַ ביר־געשעפט אין שכנישן שטעטל שערפּץ און, אַ צייט שפּעטער, צו שטעלן זיך אין שפּיץ פון אַ קאָרפּאָריישאַן וואָס האָט אָרגאַניזירט די ערשטע באָס־ליניע פון ריפין קיין פּלאָצק. פאַר מר. וואַרשאַן ווערט אָבער ענג אָט־די אונטערנעמונג, קלייבט ער זיך איבער קיין וולאָצלאַוועק, וואו ער שטעלט אויף אַ נייע מין פאַבריק: צו מאַכן רעדער פאַר וועגענער — די ערשטע פאַבריק פון דעם מין אין פּוילן. די דאָרטיקע פּויערים האָבן, אָבער, ניט געהאַט קיין איבעריקן צוטרוי צו פּראָדוקטן וואָס ווערן געמאַכט פון מאַשינען, — זיי זיינען געווען ביי זיך זיכער אַז די מאַשין וועט מאַכן ערגערע סחורה ווי דעם מענטשנס הענט, און אַזוי אַרום זיינען ניט געווען קיין גרויסע בעלנים אויף די ווערק פון דעם ענערגישן שאַפער. האָט זיך דאַן אויף וואַרשאַן מרחם געווען איינער, אַן אַפּאַטאָווסקי, אַ ליפּנער לאַנדסמאַן, וואָס האָט ביים יונגן אינדוסטריאַליסט אָפּגעקויפט זיין פאַבריק מיט הכל־בכל, מיטן באַלעבאָס אַליין בתוכם, — ד. ה. אַז מר. וואַרשאַ זאָל פאַר אים אויפבויען אַ „דיקטן“־פאַבריק, וואָס ביי מר. וואַרשאַן איז דאָס געווען „אומר ועושה“. אָבער נאָך איין יאָר אַרבעט מיט אַפּאַטאָווסקין, האָט מר. וואַרשאַ דערפילט אַ דראַנג צו פאָרן אין אַמעריקע — דאָס לאַנד וואָס האָט אים געלאָקט מיט טויזנט אויגן, די נייע וועלט וואָס האָט אים געררייצט מיט די פאַבל־האַפטע מעגלעכקייטן אויפן אינדוסטריעלן געביט.

ניט צו לייכט איז אָנגעקומען מר. וואַרשאַן צו דערוואָרבן זיין איצטיקע פּאָזיציע אין היגן לעבן. די ערשטע דריי יאָר האָט ער געאַרבעט אַלס פּראָסטער אַרבעטער אין אַ ליטאָגראַפיע־שאָפּ. אמת, נאָך דריי חדשים איז ער „דערהויבן“ געוואָרן צו פאָרמאַנשאָפט, אַן אויפזעער־אַמט איבער 50־45 נפשות. ער איז דאָך געווען אַן אָנ־געשטעלטער, אַ שכיר־יום, און ווען ער האָט אין דריי יאָר שפּעטער פאַרלאָזן דעם שאָפּ, איז ער אַרויס „נקי“, אָן געלט. און אַזוי האָט

ער, כמעט, אָן אַ פּעני אין מזומן אָנגעפאַנגען מיט זיין איצטיקן שותּף, וואָס איז דאַן אַלט געווען ניט מער ווי 17 יאָר, זיין איצטיקע גוואַלדיק־צעוואַקסענע פאַבריק.

ווי געזאָגט, האָט מר. וואַרשאַ געוויזן דערפינדערישע פעאיק־קייטן נאָך אַלס אַ קינד. ביים אויבן־דערמאָנטן אָפּאַטאָווסקי האָט דער יונגער טרוימער שוין געהאַט באַוויזן צו איינשטעלן און אויפ־בויען פיל נייע מאַשינעס און אינסטרומענטן, וואָס האָבן שוין דאַן געשפּאָרט דעם אייגנטימער טויזנטער רובל אַ יאָר. אָבער דעם גלאַנץ פון זיינע דערפינדונגען האָט מר. וואַרשאַ דערגרייכט ביי זיך אין זיינע ברוקלינער לאַבאָראַטאָריעס, וואו פאַר די לעצטע 34 יאָר איז ער געזעסן על התורה ועל העבודה און האָט אַרויסגעכישופט מאָדנע קלאַנגען פון זיינע איינציקאַרטיקע מאַשינעס, וואו אין אַ פאַרוואָר־פענעם ברוקלינער געגנט האָט ער געוויזן מעשה־בראשית מיט שטאָל און אייזן.

ד

עס דאַרף שוין איצט זיין אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פאַר מיין חשובן לייענער אַז דער שמח־בחלקוניק נייטן וואַרשאַ זאָל אויך האָבן נחת פון זיין הויזגעזינד. און ער האָט! צו זיין איצטיקן יונג־זיין 67 יאָר מאַכט ער אָפּט אַ סך־הכל פון זיין הויזגעזינדישן אינווענטאַר און שמייכלט אַ צופרידענער. זיין פרוי צפורה איז אַ גליק־לעכע און האַרמאָנישע מיטגייערין זיינע. זיין זון שאול, אַ מעכאַני־קער־אינזשינער, גייט אין טאַטנס דרכים. זיין שנור טעלמאַ, שאולס פרוי איז אַ דר.־דערמיטאָלאָגיע, און איז, ווי איך הער, אַן אויסער־געוויינלעכע שיינהייט. זי איז געבאָרן געוואָרן אין אַמעריקע, האָט געענדיקט, מיט די גרעסטע אויסצייכענונגען, די „מידוואוד דזשואיש סענטער"־שולע, און רעדט אַ פּליסיקן העברעאיש.

מר. וואַרשאַ האָט אויך ניט קיין חרפה פון זיינע דריי טעכטער: זיין עלטסטע טאָכטער, שרה, איז אַן אַרטיסטין, און אין דעם זין גייט זי אויך אין טאַטנס דרכים. דער טאַטע, אין זיין פרייער צייט — און ווען איז ער פריי? — טוט ניט־קיין־שלעכטע סקולפּטאָרישע אַר־בעטן. איר מאַן, אַהרן גאָלדבוים איז דאָקטאָר פון פרויען־קראַנק־הייטן. די אינגערע טאָכטער, ראָוז, איז אַ כעמיסטין, און איר מאַן — וואָן — איז אַן אַרטיסט, און איז אַ באַשעפטיקטער ביים שווער אין די ביזנעס. די מיזינקע, חנה, איז אויך אַ כעמיסטין, און איר מאַן איז אַ לערער. דער נעטער פראַצענט איז: זיבן אייניקלעך.

פאַר אַזאַ מענטש ווי נייטן וואַרשאַ איז איבעריק צו זאָגן, אַז ער איז צוגעבונדן בלב ונפש צו זיין משפחה. נאָר וואו איז זיין משפחה

אין פוילן? — וואו דאָס גאַנצע פוילישע אידנטום! נאָר צוויי פּלי־מעניקעס געבליבן — איינער אין ישראל, און איינע אין אַמעריקע, און ביידע ווערן פון אים בכבוד אויסגעהאַלטן.

ה

זיין וואַקאַציע־טאָג — מיטוואָך — ווידמעט ער צו דער „מאַמע־נאַטור". ער פּאָרט אַרויס אויף זיין אימעניע, פאַרקאַשערט די אַרבל, און אַרבעט, מיט התמדה, אויף זיין בלומען־ און פּרוכטן־גאָרטן. אין גאַנצן שיידן זיך, אויף די איבעריקע זעקס טעג, פון דער נאַטור איז, הפּנים, געוועזן פאַר אים אוממעגלעך. האָט ער איבערגע־פלאַנצט אַ היפּשן טייל פון זיין גאָרטן, פון זיינע פאַרשיידנאַרטיקע בלומען און פלאַנצן און פּרוכטן ביי זיך אין אָפיס. און אַזאַ אָפיס און גאָרטן צוזאַמען האָב איך נאָך אין מיינע פיר און דרייסיק יאָר אין אַמעריקע ניט געזען. נאָר ווער האָט יע געזען?

ו

מר. וואַרשאַ האָט מיר איבערגעגעבן אַז ער האַלט זיך איצט אין צוריקציען פון זיינע קאָמערציע און אינדוסטריע טעמפּלען און ער וועט איצט ווערן אַן אָפּטער באַזוכער אין אַנדערע טעמפּלען; אין צענטערס פון גייסט און קולטור, אין בנינים פון נוצלעכער קהלשער טעטיקייט, אין הייזער וואו מען באַמיט זיך צו לינדערן די מענטש־לעכע נויטן און ליידן.

ביים שיידן זיך מיט מר. וואַרשאַוו האָב איך אים געפרעגט: ווי קומט ער, אַ אינגל וואָס האָט געקראָגן אַ רבנישע דערציאונג, אַ קינד וואָס איז אויפגעוואַקסן אין דער צאַרטער סביבה פון דער חסידישער אידישער וועלט פון די פויליש־אידישע שטעטלעך, זאָל מגולגל ווערן אין דער סאַמע האַרטער און ברוטאַל־פּינקטלעכער וועלט פון רעדער און שטאַנגען, פון שרויפן און שרייפעלעך?

— אויך דאָס — האָט ער געזאָגט, דריקנדיק מיר די עליכם־שלום־האַנט — האָב איך געלערנט אין דער רבנישער וועלט. זיי האָבן געוואָרנט: „אהב את המלאכה ושנא את הרבנות" („האָב ליב די אַרבעט און האָב פיינט די שטעלע פון רבנות") — האָב איך זיי געפאָלגט. בין געוואָרן אַ מאַן פון מלאכה, אַ פּראָלעטאַריער, אויף מיין שטייגער ....

# מאָריס ווינטשעווסקי

## א

בײַם ערב פון „לייבאָר־דעי", פון דעם עכט־אַמעריקאַנישן פּראָלעטאַרישן יום־טוב, לוח 1949, — ד. ה. צום צווייטן יאָר פון דער אַנטשטייאונג פון דער סאָציאַליסטיש־רעגירנדיקער אידישער מדינה — איז כדאַי אָנוואָרפן אייניקע שטריכן וועגן דער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע פון אַ באַרימטן שרייבער און געזעלשאַפטלעכן טוער, וועלכער האָט בשעתו, אין די בלי־און־וואוקס יאָרן זיינע, באַאיינפלוסט גאָר היפּשע שיכטן פון דער היגער אידישער אַרבעטערשאַפט.

## ב

אין די לעצטע דריי־פיר דורות האָבן די אידישע פאָלקס און אַרבעטער שיכטן אַרויסגעגעבן פון זיך אַ ריי באַרימטע טוער, דענקער, קעמפער, שרייבער, וועלכע האָבן זיך „געלאָזן אין פאָלק", אָדער זיי האָבן אויף אַ וועלכן עס איז אַנדער אופן זיך סאָלידאַריזירט מיט דעם איבערברוך־און־איבערבוי אַרבעט פון אַלערלייאיקע אַנדערע, פרעמדע פעלקער, האָבן, אָבער, ניט פאַרנומען דעם העראָאישן קאַמף פון טויזנטער, טויזנטער אידישע ראַנגלענדיקע מאַסן, האָבן ניט פאַרשטאַנען זייער דראַנג און שטרייט צו רעקאָנסטרואירן דאָס אידישע לעבן.

צו דעם טיף געהערט — מעג אָט־די באַהויפּטונג, אויבן אויף, אויסקוקן אַפילו פּאַראַדאָקסאַל — איינער וואָס האָט געהייסן, אויף אונזער היימיש־אידישלעכן לשון, בן ציון נאָוואַכאָוויץ; אויף זיין פאַרמעל־אַדאַפּטירטן — לעאָפּאָלד בענעדיקט און אויף זיין טועריש־שרייבעריש און באַרימט וועדנדיקן נאָמען — מאָריס ווינטשעווסקי.

זאָלן מיר מוחל זיין די „געלעגנהייט־שרייבער". ביי זיי — שרייבן וועגן איינעם אין פאַרבונדן, נויטווענדיקערווייז (און עקסקלוזיוו), מיט אַ 60־50־40־יעריקן יובילייָ, זילבערנע־גאָלדערנע חתונה, אָדער, ווי אין אונזער פאַל, מיט אַ פאַרשוויגענעם יאָרצייט פון אַ לייבאָריטישן גדול. בהסכם מיט דעם, מוזן זיי שרייבן אין אַ קדוש־קדוש־קדוש טאָן, אין פאַל פון אַ שמחה, אָדער מיט אַ היסטעריש־פאַרצווייפלטן יללה־געשריי — אין פאַרקערטן פאַל.

ניט דער ווינטשעווסקי, וועלכער האָט פינף און זיבעציק יאָר זיך אויפגעפירט כמנהג מענטשלעכע שוואַכקייטן און שטאַרקייטן, איז דאָ אַ נוגע בדבר. אויף וויפיל, אָבער, ער איז באַטראַכט געוואָרן אַלס באַרופענער שליח־ציבור פון אידישן אַרבעטער קלאַס, אויף אַזוי פיל פאַרשרייבן מיר זיך צום וואָרט.

### ג

מיטן באַוואוסטזיין אַז דער „זיידע" האָט געטאָן פּיאָנע־רישע אַרבעט צווישן דער אידישער אַרבעטערשאַפט אינם לעצטן פערטל פון פאַריקן יאָרהונדערט; מיטן געהעריקן דרך־ארץ פאַר דעם וואָס האָט מוט און זכות געהאַט צו זיין דער אָנשרייבער פון דער ערשטער אידישער בראָשור וועגן סאָציאַליזם און דער אַרויסגעבער פון דער ערשטער סאָציאַליסטישער צייטונג אין אידיש, — קען מען דאָך ניט פאַרבויגן די רעאַלע מאָמענטן, וואָס שטעלן אים אַרויס אַלס זייטיקן, אויב ניט קיין פרעמדן, צווישן די וועלכע האָבן זיך דערגרונטעוועט צום עצם פון אונזער פּראָבלעמען־קאָמפּלעקס.

### ד

דערצויגן ביז די אינגל־יאָרן אין אַ אידיש־ליטווישן שטעטל (יאַנעווע, קאָוונער גובערניע, דעם 12־טן אויגוסט, 1856), אין אַ משכילישער אַטמאָספערע, פאַרבליבט שוין ביי אים די נגידיש־משכיליש־קליינבירגערלעכע גרינגשעצונג צו אידיש און ראָמאַנטישע פאַרהערלעכונג פון דעם עבר־און־עתיד לשון — העברעאיש.

„צו עלף־צוועלף יאָר — שרייבט ווינטשעווסקי אין דעם פאָר־וואָרט צו זיין בוך „לידער און געדיכטע" — האָב איך, בשותפות מיט אַן אַנדערן עטוואָס עלטערן אינגל אין קאָוונע, אָנגעפאַנגען צו שרייבן פאַבלען, און די געמיינשאַפטלעכקייט פון אונזער אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער פלעגט אויסטראַכטן די מעשיות און איך פלעג „באַזאָרגן" דעם טעקסט. די שפּראַך איז געווען רוסיש.

„איך האָב ניט געהאַט (קיין) אמונה אין אידיש אַלס אַ שפּראַך פאַר ליבעס פּאָעזיע, אום זיי (זיינע לידער) צו לאָזן דרוקן".

ניט גלויבנדיק אין דער מעגלעכקייט פון אויפטאָן ליטעראַרישע אַרבעט אין אונזער אָרעמען לשון־אידיש, נעמט ער „אויסגיסן זיין האַרץ" אין העברעאיש. „ביז דעם יאָר 1884" — שרייבט ווינטשעווסקי אין אַן אַרטיקל וועגן פיליפּ קראַנצן אין „צוקונפט", יאַנואַר 1923, — „האָב איך עלף יאָר געשריבן העברעאיש, דעם לשון פון די משכילים, וואָס די אַרבעטער האָבן ניט פאַרשטאַנען. אין אידיש האָב איך געהאַט אויסגעפּרובירט מיין פעדער אין 1877, 1878, אָבער ניט מער".

די דאָזיקע גרינגשעציקע באַציאונג צו אידיש, די דאָזיקע „עברית־או־רוסית־אידעאָלאָגיע, האָט געהערשט ביי ווינטשעווסקין ניט נאָר אין זיינע יוגנט־יאָרן און האָט זיך ניט אויסגעוועפּט אַפילו שפּעטער, מיט דעם וואוקס פון דער אידישער קולטור און מיט זיין נאָענטער באַרירונג מיט די אידישע פאָלקס־מאַסן. נאָך אַזוי ווייט ווי אין 1911־טן יאָר, אין אַ סעריע אַרטיקלען „מיין נאַציאָנאַלער אני מאמין" („דאָס נייע לעבן", 1911), אָנערקענט ער ניט נאָר די פּריאָריטעט פון לשון

קודש אין די גלות־לענדער, נאָר ער זעט באַשיינפּערלעך, ווי העברע־איש ווערט בפּועל־ממש די אידישע מאַסן־שפּראַך איבער גאָר דער וועלט, ווי אַ טייל פון פאָלק, דער וועלכער האָט זיך כמעט אַסימילירט, — וועט צוריקקומען צו דער שפּראַך פון זיינע עלטערן, „וואַרשיינלעך מער צו לשון־קודש ווי צו אידיש״.

ס׳קען זיך ניט פאַרגעסן דער פּאַטש אין פּנים, וואָס ווינטשעווסקי האָט דערלאַנגט אונזער מאַמע־לשון מיט 27־26 יאָר צוריק, ביי דער דערעפענונג פון דער קולטור־ליגע־ קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק, אין „האַיאַס״־זאַל. דער „זיידע״ פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דער אידיש־סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, איז אויפגערופן געוואָרן צו באַגריסן די גרינדונג פון אַ קולטור־ליגע אין אַמעריקע. אַנשטאָט צו דעמאָנסטרירן דאָס פּאָליטישע רעכט און כוח פון אידיש, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ מזמור־לתורה התפעלות פון אַ חובב־שפת־עבר׳ניק און איז נכשל געוואָרן עפנטלעך אין שפחה־גברת חקירה.

## ה

מאָריס ווינטשעווסקי האָט געקראָגן זיין ערשטן „שעור לדוגמא״ אין סאָציאַליזם פון אַריאָלער קאָסמאָפּאָליטיש־געשטימטע ראַדיקאַלן, און ער איז שוין כל ימיו געבליבן מיט אָט־די שטימונגען. אין די עטוואָס שפּעטערדיקע יאָרן, ווען נאָך אַ פּאָר חדשימדיקן אַרעסט ווערט ער דעפּאָרטירט פון דייטשלאַנד און ער הויבט אָן עמי־אימיגרירן קיין קאָפּענהאַגען־פּאַריז־לאָנדאָן, ווערן ביי אים אָט־די קאָסמאָפּאָלי־טישע אַספּיראַציעס פאַרשטאַרקט, און אין משך פון זיין פּיאָנערן־אַרבעט אין ענגלאַנד, און שפּעטער אין אַמעריקע, קען ער זיך — אין שריפט און רייד — ניט באַפרייען פון זיין קאָסמאָפּאָליטישער באַ־איינפלוסונג.

אין דעם עלפטן „עיקר״ פון זיין נאַציאָנאַלן „אני מאמין״ („דאָס נייע לעבן״, 1911) שרייבט ער: „אני מאמין באמונה שלמה, אַז מיט דער צייט — וועט מער ניט זיין קיין טעריטאָריעלע נאַציאָן אין דעם פולן זין פון וואָרט״.

„אני מאמין... אַז דער ניט־טעריטאָריעלער נאַציאָנאַליזם, וואָס גייט ניט אונטער ניט מיט דעם לשון, ניט מיט דער אמונה, איז ביי אונז דער איינציקער וואָס וועט האָבן אַ קיום״.

## ו

אַז אַ טריבון פון אידישן אַרבעטער־קלאַס האַלט ניט פון אידישן לשון, און איז קעגן דעם סאָרט נאַציאָנאַליזם וואָס פירט צו איינ־טענסיווער טעריטאָריעלער קאָנצענטראַציע, און וויל דאָך רעגיסטרירט זיין צווישן די שלומי אמוני ישראל, ווערט שוין טשיקאַווע צו זען,

אויף וואָס אַזאַ מין רעוואָלוציאָנער באַזירט זיין אויסגעשפּראָכענעם און כמעט דעמאָנסטראַטיוון נאַציאָנאַליזם. און אַז מען זוכט, דערגייט מען: דעם סוד פון קיום היהדות והיהודים זעט דער מאַרקסיסט ווינטשעווסקי ניט אין דער אייגנאַרטיקייט פון דער אידישער עקאָנאָמיק, נאָר אין דער פּערמאַנענטער אָנגעברוגזטקייט צווישן די גויים מיט אונז: „און איר — וועלכער האָט אַלס קינד אין אַן אַמעריקאַניש שול, אין אַן אַמעריקאַנישער היי־סקול, אין אַן אַמעריקאַנישן קאָלעדש, שוין אָנ־געפּאַנגען זיך צו האַלטן פאַר אַזאַ פאָלקאָמענעם גוי ווי, כאָפּט אייך אָן, ריטשאַרד מוירפּי אַליין, קומט ביסלעכווייז צוריק צו זיך. איר קומט צוריק, און ווען איר זייט אויג אויף אויג מיט אייער געוויסן, הערט איר ווי דער געוויסן אייערער מורמלט בקול דממה דקה: אַסימילאַציע וואָלט שוין אפשר געווען אַ גוטע זאַך, נאָר דער אַנדערער צד וויל זיך ניט אַסימילירן" („דאָס נייע לעבן", 1911).

ז

ס'איז דאָ אַ ספּעציעלער מין געזעלשאַפטלעכער טוער ביי אונז, וואָס גיט זיך אַ שפּאַציר דורך צווישן אונז, מיינענדיק, אַז ער קען שוין גרינטלעך דעם כאַראַקטער פון דעם באָדן וועלכן ער באַ־טרעט, ניט דאַרפנדיק עס דורכצואַקערן.

ווינטשעווסקי איז געווען פון אָט־די אויבנאויפיקע שפּאַצירער. זיין גאַנצן מאַרשרוט, פון זיין אָנטייל אין „דעם פּוילישן אידעל" ביז זיין מיטאַרבעטערשאַפט אין דער היגער „פריהייט", איז אַ פלאַכקייט־שפּאַציר. זיין רעוואָלוציאָנערישקייט איז ביי אים אַנטשטאַנען פון אַ ריי עמאָציאָנעלע רעאַקציעס. זיין שייכות צו דער אידישער אַרבעטער־באַ־וועגונג איז געוואָרן אָנגעבונדן און אויסגעדריקט דורך שטימונגען. קיין קלאָרן צוגאַנג צו אונזער פּראָבלעמען־געוועב — ער אַליין האָט דאָס צוגעגעבן — האָט זיך ביי אים ניט אויסגעקריסטאַליזירט. האָט ער זיך געלאָזן פירן פון שטימונגען. ווינטשעווסקי דער שטימונג־שרייבער האָט אָפּגעטאָן אַ שפּיצל ווינטשעווסקין דעם געזעלשאַפט־לעכן טוער, און האָט אים גובר געווען.

און דערפאַר — ניט געקוקט אויף דעם ריינעם אידעאַליזם, וואָס שטראַלט דורך די אַלע מעשים זיינע; קרעדיטירנדיק אים מיט זיינע אַלערליי פּיאָנערישע פאַרדינסטן; באַוואונדערנדיק זיין רעוואָלוציאָ־נערן פּאַטאָס און זיין מערקווירדיק־יוגנטלעכן גייסט, וואָס האָבן אים באַהערשט ביז זיין לעצטן לעבנס־אָטעם, — ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, מוזן מיר אים דאָך באַטראַכטן ווי איינעם וואָס איז געשטאַנען מן הצד פון אונזער לעבן, אויב ניט אינגאַנצן אויף יענער זייט פון אונזער לאַגער.

# ב. ווּלאַדעק

## א.

דאָס לאַקאָנישע וואָרט „אומשטערבלעכקייט" — פאַר וועלכן וואָרט יעדער קינסטלער, בויער און שאַפער איז גערן זיין לעבן אַוועקצוגעבן — ווערט זעלטן־קלאָר אילוסטרירט מיט דעם

פיזישן אָפשטאַרב פון ב. ווּלאַדעק. ס'איז ניט אַוועק קיין טאָג, כמעט, זינט זיין פלוצלינגן טויט אין 1938 מען זאָל וועגן אים עפנטלאַך, צי בחדרי חדרים, ניט ריידן און שמועסן, אַז דער באַצויבערנדיגער נאָמען זאָל ניט זיין אויף עמיצנס ליפּן.

סוף אָקטאָבער פון לעצטן יאָר האָט זיך אויף דער אידישער אַר־בעטער־גאַס אין אַמעריקע און אין גאָר דער וועלט צעוויגט אַ ספּאָנ־טאַנע כוואַליע פון עלעגישן צערע־מאָניאַל, צוליב דעם 10־יאָריגן יאָרצייט פון דער אומפאַרגעסלע־כער פּערזענלאַכקייט ב. ווּלאַדעק, און אָט־דער טויט פון אַ ליבן מענשן הערט ניט אויף צו באַלעכן אַ ריי פאַרזאַמלונגען אין דער מעטראָפּאָליע פון דער אידישער אַמעריקע, ווי אויך פון איבערן לאַנד.

אין דער זעלבער שעה ווען איך שרייב אָט־די שורות, — לייען איך אין דער פּרעסע אַ מעלדונג, אַז אין דעם בענסאָנהורסטער קולטור־צענטער פון אַרבעטער רינג — וועט געגעבן ווערן פון אַ פּראָ־מינענטן שרייבער אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דעם לעבן און שאַפן פון ב. ווּלאַדעק — אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין 10־טן יאָרצייט. און אַזוי וועט זיך זיין צענטער יאָרצייט ציען און ציען ביזן ווייטן ווינטער אַריין אין היינטיגן יאָר, פּונקט ווי ס'איז ווייט און ברייט דער אינטער־קאָנטינענטאַלער שטח פון ווּלאַדעקס פּאָפּולאַריטעט, די טיף פון זיין באַליבטקייט און די ספערע פון זיין באַוואונדערונג.

## ב.

דער פויליש־קלינגענדיקער נאָמען וולאַדעק — ווערכער פסעוודאָנים איז אים געגעבן געוואָרן (לויט אַ סברא) פון פרץ'ן — איז אויפגעגאַנגען פאַר די רוסיש־אידישע מאַסן ביים סאַמע סוף פון לעצטן יאָרהונדערט און ביים סאַמע געבורט פון איצטיגן, דעם צוואַנציגסטן. צו 16 יאָר האָט ער שוין געשמיט איבער גאַנץ רוס־לאַנד אַלס „יונגער לאַסאַל". ערב זיינעם אַן אויפטריט איז שוין ביי הונדערטער און טויזנטער אידישע בחורים און מיידלאך זייער וואָך אין יום טוב פאַרוואַנדלט געוואָרן. טעג און נעכט פלעגט די אידעאַ־ליסטישע אידישע יוגנט זיך וואַרימען מיט דעם סוד פון דעם אַנקומען פון דעם שלאַנקן ריטער — פון „יונגן לאַסאַל". און טעג און וואָכן שפּעטער נאָך זיין רעדע האָט זיין מעלאָדישע שטים נאָך אַלץ געהאַט געקלונגען אין די אויערן פון די גליקלאַכע, וואָס האָבן עס פאַר אַ זכיה באַטראַכט צו קענען שלינגען די נייע תורה פון דעם נייעם סאָרט מגיד. זיין פּנים מיט אַרומגעקראַנצטע פייער־אותיות איז געהאַנגען אין חלל פון צענדליגער און הונדערטער אידישע שטעט און שטעטלאך, און האָט געלאָקט, און האָט אַרויסגערופן נייגעריקייט און באַוואונדערונג.

און כאָטש וולאַדעק האָט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן גע־וואוינט און געווירקט אין אַמעריקע איז ער ביים לעבן נאָך אַלץ געווען דער באַליבטער פירער פון זיינע פיל־צאָליגע אַנהענגער און באַוואונ־דערער, — זייער פאַרטרויענסווערטער שליח צבור, דער פאַרטרעטער פון זייערע יחידימשע און קהלישע אינטערעסן. דער נאָמען וולאַדעק איז געווען דער קהלישער אַדרעס פאַר אַ סך הילפלאָזע און נויטפולע פון יענער זייט ים, וואָס האָבן ניט געהאַט צו וועמען זיך ווענדן אין אַן עת צרה, און וואו אַפילו פאָליטישע געגנער פלעגן וואָגן זיך אַ וועגד־טאָן צו אים מיט אַן עס־אָ־עס.

## ג.

עס איז ניט קיין סוד, אַז גאָר ניט ווייניק פון די וואָס ווערן צעקלונגען אַלס משיחים, אַלס דערלייזער פון פעלקער און קלאַסן, זיינען טויב און שטום און בלינד פאַר די כליערליי פּיינען פון דעם יחיד. אויפן באַפרייאונגס־וועג פון דער מענשהייט טרעטן זיי און צעטרעטן אָפט ניט איין מענשן. וולאַדעק איז געווען אַ זעלטענער אויסנאַם. דער מאַן וואָס האָט דערקלעטערט צום העכסטן עטאַפּ פון פירערשאַפט אויף דער אידישער אַרבעטער גאַס, איז ניט פאַר־ציניש געוואָרן און זיין הויט איז ניט געוואָרן פאַרהאַרטעוועט.

זיין ברייטער ביוראַ־צימער אויף דעם 3־טן שטאָק פון דער „פאָר־ווערטס״־געביידע איז געווען דער מאַגנעטישער טרעף־פונקט פאַר פיל אַחים־לצרה. ניט איין לעגענדע ווערט געשפונען פון דעם איידעלן אופן ווי וולאַדעק פלעגט וועמען אויסשטרעקן, אין אמת׳דיגער חבר־ישקייט און דעמאָקראַטישקייט, זיין אַריסטאָקראַטישע האַנט.

די זעלטענע אידישע מידה פון מתן בסתר האָט ער טאָג־טעגלאַך דורכגעפירט. אַלס פאַרנומענער פאַרוואַלטער פון אַ גרויסער צייטונג און דערצו נאָך אַלס פירער און באַאַמטער פון אַ ריי צענטראַלע קער־פערשאַפטן האָט ער קיינמאָל פון אויג ניט אַרויסגעלאָזן די נויטן פון דעם יחיד. אַ ספּעציעלע שוואַכקייט האָט ער געהאַט פאַר שרייבער, פאַר קינסטלער. פון מיין אייגענער דערפאַרונג געדענק איך, ווי איינ־מאָל, זיצנדיג אין זיין וואָרט־צימער צווישן אַ פיר צענדליג אַנדערע וואַרטער, האָט ער, פונדערווייטנס, מיך דערקענט, און וויסנדיג מיין פאַרנומענקייט — מיך גלייך אַריינגערופן און מיט אויפריכטיגער וואַרעמקייט זיך פאַראינטערעסירט מיט מיין „קעיס״... ניט קליין איז די צאָל פון די וואָס זיינען נתעלה געוואָרן אַ דאַנק זיין שתדלנות, און ניט פאַר איינעם האָט ער דורכגעפירט די דעליקאַטע פאָליטיש־איינ־זשינערישע פונקציע פון „ציען דראָטן״. קאָלאָסאַל איז געווען זיין קאָרעספּאָנדענץ צו און לטובת יחידים, האָט זעלטן־ווען צו ווען דעם מינדסטן אומגעדולד אַרויסגעוויזן, נאָר, פאַרקערט, אונטער די סאַמע אָנגעשטרענגסטע אומשטענדן, ווי עס מאַכט זיך מיט אַ מענשן־פירער פון אַזאַ אַל־זייטיגן אינטערעסן־ראַם, האָט זיך זיין שמייכל פון אים ניט אָפּגעטאָן, און האָט יעדן איינעם באַגעגנט בסבר פנים יפות.

## ד.

וולאַדעק וואָס איז ביים לעבן געווען דער פּראָמינענט־סטער „בונדיסט״ אין אַמעריקע און אויך איינער פון די באַליבטסטע פירער צווישן די „בונדישע״ מאַסן אין מזרח־אייראָפּע, האָט געמאַכט זיין גע‍זעלשאַפטלעכן „דעביו״ אַלס פּועל־ציון און איז, אַפילו, צום ערשטן מאָל אַרעסטירט געוואָרן פאַר פּועלי־ציוניסטישע חטאים. אין טורמע, אָבער, אונטערן איינפלוס פון געוועזענעם אחד־העמ׳יס־טישן אָראַטאָר, קאַליאַ טעפּער, איז ער איבערגעגאַנגען צום „בונד״, וועמעס אידעאָלאָגיע ער איז געבליבן געטריי ביזן סוף פון זיינע טעג.

אָבער ער איז ניט געווען פון די ענגע פּאַרטיי־מענשן. זייענדיג אַן אינטערנאַציאָנאַליסט האָט עס ניט אָפּגעהאַלטן אים פון צו חברין זיך מיטן צווייטן עקסטרעם, די יאַהודים. ער האָט אָנטייל גענומען

אין די מערסטע היגע און אויסלענדישע אידיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן.

ניט זייענדיג קיין אידישיסט, איז מיר ניט איינמאָל אויסגעקומען צו הערן פון אים די וואַרימסטע רעדעס פאַרן היגן אידיש־וועלטלאַכן שול־וועזן, פאַר אַ ריי היגע קולטור־אונטערנעמונגען און פאַר אַ ריי קולטור־אַקציעס מעבר לים. ניט איינער ווייסט, אַז ניט איינמאָל איז וולאַדעק געווען דער וואָס האָט געראַטעוועט די „צוקונפט" ווען איר שיקזאַל איז שוין שיר־ניט געווען פאַרזיגלט...

זייענדיג אַ קעגנער פון ציוניזם, פלעגט מען פון די „ציוניסטישע רייען" זיך אָפט ווענדן צו אים וועגן געוויסע ענינים, ווען ער האָט אויך דאָ דעמאָנסטרירט זיין ברייט־פאַרנעמיקייט. ווען דער היגער „געווערקשאַפטן־קאַמפּעין" האָט געהאַלטן אין קויפן אַ לאַינאָטאַיפּ־מאַשין פאַרן „דבר" איז וולאַדעק געווען דער, וואָס איז געגאַנגען קויפן די מאַשין, „אויסדינגען" דעם פּרייז און שפּאָרן, אַזוי אַרום, דער „הסתדרות" עטלעכע טויזנטער.

דער ברייט־פאַרנעמיקער און גוואַלדיק־פאַרנומענער וולאַדעק האָט אויך געפונען פאַר וויכטיק צו באַזוכן ארץ ישראל, באַאָבאַכטן דאָס דאָרטיקע נייע און בויענדיקע לעבן, קומען פון דאָרטן אַ באַגייסטערטער און אויסדריקן טאַקע זיין באַגייסטערונג אין אַן אינספּירירנדיקער סעריע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס".

אויפן סמך פון מיין קענען וולאַדעקן, דאַכט מיר, אַז וואָלט ער געווען דערלעבט דעם היסטאָרישן נס פון מדינת ישראל וואָלט ער אויך דאָ, ע ר ש ט ד אָ, איינגעשפּאַנט זיך לטובת דער אידישער אַר־בעטער רעפּובליק.

ווייל וולאַדעק האָט קאָמבינירט אין זיך, אין זעלטענער האַרמאָניע, די כאַראַקטעריסטישע אידישע וואַרעמקייט מיט דער שטרענגער יענ־קישער קאַלטקייט און פאָרמעלקייט; זיין נאַטירלעכער פילן זיך ווי אַ וועלט־מענטש, ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלער בירגער, און — גלייכצייטיק — ווי אַ טיף־פילנדיקער שטאָלצער איד.

## ה.

באָטש וולאַדעק איז געקומען אין אַמעריקע מיט אַ רומ־פולן נאָמען, איז ער, אָבער, פאַקטיש ערשט דאָ אין לאַנד אויסגע־וואָקסן אַלס פּאַרטיי־פירער, אַלס רעדנער, אַלס שריפטשטעלער, אַלס פּאָליטיקער. מיט זיין אַלזייטיקער באַגאַבונג האָט ער שנעל איינגע־זאַפּט דעם גייסט און די קולטור פון זיין נייער היים, און האָט שנעל

גענומען ווירקן אויף דעם היגן אידישן און אַלגעמיינעם לעבן, און כאָטש אים איז אַזוי אָפט אויסגעקומען צו רייבן עלנבויגנס מיט מענטשן וואָס זיינען גאָר פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן, האָט זיך צו אים ניט צוגע־קלעפּט דער גייסט פון „גוד־באָאישקייט", און איז ניט געשטרויכלט געוואָרן דורך די כלערליי שטרויכלונגען מיט וועלכע די „באַוועגונג" איז ניט צו־אָרים. האָבנדיק צו טאָן טאָג־איין־טאָג מיט פּאָליטישנדלעך, איז ער ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם טיפּיש־אַמעריקאַנישן וואוקס אַלס „פּאָליטישן", נאָר איז געבליבן אַ ריינער פּאָליטיקער. אַפילו אין זיין אומגליי מיט די טעמעני־לייט, אין 1937, ווען ער איז דערוויילט געוואָרן אַלס קאָנסולמאַן, און שפּעטער־צו, אַלס וויצע־פּרעזידענט פון קאָונסיל, איז ער געוועזן איבער זיי פון „אַקסל און העכער". און מער ווי דרך־ארץ האָבן די טעמעני־מושלים פאַר אים געהאַט. ווייל ווי לאַנג איז דאָס געווען אַז זייערע איידעלע ידים האָבן אָפּגעטאָן די זיבערע פּאָליטישע מלאכה און האָבן אַרויסגעוואָרפן וולאַדעקן מיט זיינע אַנדערע סאָציאַליסטישע געוויילטע פון דער ניו־יאָרקער שטאָט־רעגירונג? — ערשט אַ שפּאַן צייט, דאַכט זיך. און איצט זיצן די טע־מעני־זינדלעך סטאַטעטשנע און הערן אויס מיט הכנעה און רעספּעקט וואָס דער „יונגער לאַסאַל" דענקט וועגן דעם אָדער יענעם שטאָטישן ענין.

אַז אין מאַנהעטן — אין דעם „גיבראַלטאַר" פון דעם „טיגער" — זאָל אַ איד, אַן אויסלענדער און אַ סאָציאַליסט — אַזאַ „שלעכט־קלינגענדיקע" און אַזאַ „אומאַמעריקאַנישע" דריי־איינזקייט, ווי דער נאָמען וולאַדעק האָט מיט זיך, אין זייערע אויגן, פאַרגעשטעלט — טריאומפירן איבער די נאָבעלע און הויך־יחוסדיקע זין פון דעם וויג־וואָם־שבט — אָט־דעם פּריטשמעליע־צייכן פון דער צייט האָבן די פּאָ־ליטישנס ניט געקענט באַגרייפן, אָבער דרך־ארץ פאַר אָט־דעם „פּאָ־ריינער" האָבן זיי געמוזט האָבן, און מורא פאַר אָט דעם געפערלעכן קעג־נער אויך...

און אַ ביסל פון אָט־דעם דרך־ארץ און מורא־געמיש איז אויך געווען צו מערקן אין זיין אייגענעם הויף... און אַזוי ווייסט מען, אַז וולאַדעק וועלכער איז געווען איינער פון די לאָיאַלסטע מענטשן אין דער „באַוועגונג" האָט, אָבער, ניט אַלץ געקענט און געוואָלט אַרונ־טערשלינגען. אַנפּירנדיק מיט די געשעפטן פון דער גרעסטער אידי־שער צייטונג, איז ער ניט געוואָרן קיין מאַשין־מענטש, און איז, אַפילו, אָפט, אַרויסגעטראָטן אין שטרייט מיטן רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", ווען ס'האָבן זיך געהאַנדלט וועגן עוולות וואָס האָבן ניט געטאָרט פאַרשוויגן ווערן.

אַזאַ קאַמף איז אין 1935 געפאַכטן געוואָרן צווישן וולאַדעקן מיט קאַהאַנען, ווען דער לעצטער האָט דערמוטיקט לאַנג׳ן צו שרייבן אין דער הוירסט־פּרעסע. אַט־דער קאַמף האָט וולאַדעקן ניט ווייניק ליבשאַפט, באַוואונדערונג און אָנערקענונג געגעבן.

## ז.

א באַזונדערן אָרט אין זיין לעבן פאַרנעמט די שריפט־שטעלערישע טעטיקייט. אונטער זיין באַרימטן נאָמען ווי אונטער זיינע כלערליי פסעוודאָנימען, ווי באָניע ברכות, ב. שוואַרץ, א. אַ. געדענ־קען מיר זיינע לידער, זיינע פעליעטאָנען און דערציילונגען, זיינע עסייען, זיין פּובליציסטיק, זיינע דראַמעס, און זיין לירישע פּראָזע.

ער איז, אָבער, געווען אַ צו־שפּרודלדיקער טוער, אַ צו־אימפּעטיק־לעבנדיקער און פורעמער פון דעם לעבן גופא, אַז ער זאָל זיך קענען אָרויסרייסן פון דעם לעבנס־געווירבל, שאַפן די געהעריקע דיסטאַנץ, כדי קאָנען פאָעטיזירן אָדער סאַטיריזירן דאָס לעבן.

וולאַדעק איז געווען אַ צו־אַלזייטיקע פּערזענלעכקייט, אַז ער זאָל געווען קענען אַלץ און אַלעמען אָפּגטן און זיך ווידמענען אינגאַנצן צו איין־איינציקער עובדא — צו דער מוזע.

די אידישע שרייבער־משפּחה האָט צו וולאַדעקן געהאַט אַ באַזונ־דערע וואָרעמקייט. ביי די שרייבערשע טישלעך אין די קאַפייען פלעגט אָפט אויסגעדריקט ווערן באַדויערן וואָס אַזאַ צוזאָגנדיקער שרייבער־כוח מוז פאַרוועגדן זיין צייט אויף אַנדערע געביטן, מוז צעזייען זיין באַגאַבונג אויף די ווינטיקע פעלדער.

ער האָט, אָבער, ווייט־ווייט, ניט געזייט אויפן ווינט. אַ סימן איז געווען זיין צוויי־מיליאָניק־קעפּיקע לוויה, צו וועלכער קיין שטערב־לעכער מענטש אין ניו־יאָרק האָט דערצו ניט זוכה געווען, און אַ סימן איז, וואָס צען יאָר נאָך זיין טויט איז ער נאָך אַלץ אַ באַלעבנדיקער כוח און איז יעדן טאָג, כמעט, ניט אין איין הויז, דער לעבעדיקער געשפּרעך אויף מענטשנס ליפּן.

# הערבערט ב. זוסמאַן

## א

פאָטאָגראַפיע־קונסט האָט די לעצטע יאָרן דערגרייכט אַזאַ פערפעקציע, אַז זי קען שוין באַלד ערנסט פּרעטענדירן אויף קונסט. אָט קוק איך אויף דער פשוטער פּרעטענציעלאָזער פאָטאָגראַפיע פון מיין איצטיקן העלד, און איך פּרוביר פון איר וואָס לערנען. מאַי קאָ משמע לן? וואָס לערנט מיך אָט־די זוסמאַן פאָטאָגראַפיע, — אויף וויפל מען קען בכלל עפּעס לערנען פון אַ מאַשין־אויפכאַפּנדיק בילד?

איך זע ווי אַ מענטש שמייכלט. איז דאָס אַ שמייכל פון אַ „סעילס־מאַן", אַ פּלאַכער, אַ פּוסטער, און אפשר, נאָך אַ גאַוווהדיקער? ניין. ס'איז אַן עכטער און אַ ווירדיקער שמייכל. אַן אויסדרוק פון צופרידנ־קייט, אָבער ניט פון באַרימערישקייט. און דערצו, רעדט גוטסקייט פון אים אַרויס.

ס'איז דאָ באַלאַנס אין זיין שמייכל. און אַז מען וויל — איז

די חכמה פון זיין באַלאַנס אַ גאַר־ניט־שלעכטער מאַסשטאַב צו מעסטן די הויפּט־טראַקטן פון זיין לעבנס־גאַנג.

ב

פון זיין אויטאָביאָגראַפישן אַרטיקל „מיין לעבנס וועג" (פון יאַנואַר־נומער „אונזער שטימע", אָרגאַן פון „גאַליציאַנער פאַר־באַנד") וועל איך מיין העלד לאָזן ריידן, אויף זיין עכטן פאָלקסטימלעכן שטייגער, און דאָס וועט אונז, מיט דעם צמצום פון זיין שפּראַך־אויס־דרוק, ליכט, צי שיין וואַרפן אויף זיין 1) יחוס; 2) אויף זיינע פאַרמי־רונג־יאָרן; 3) אויף זיין בילדונג און 4) אויף זיין „אייגענעם עלעמענט".

אויף זיין כאַראַקטעריסטישן מאַסן־רעדנערישן אופן שטעלט ער זיך, אין אָט־יענעם אַרטיקל, ווי געזאָגט, פאַר מיט זיין אַפּשטאַם, מיט זיין יחוס־בריוו:

„איך האָב ניט בדעה אייך קיין סך צו באַלעסטיקן מיט די מעמואַרן פון מיין לעבן. קודם כל, בין איך אַ קנאַפּער אויפטוער מיט דער פען. והשנית, וואָלט דאָס אפשר ניט זיין אינטערעסאַנט געווען. בקיצור איז די געשיכטע פון מיין לעבן אָט אַזוי: איך בין געקומען אין אַמעריקע אַ שניידער אינגאַל, ווייל איך בין דעם טאַטנס אַ קינד און מיין טאַטע איז געווען אַ שניידער. זיין יחוס איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער איז געווען אַן ערלעכער שניידער. אין זיין מינד־לעכער צוואה האָט ער אָנגעזאָגט אַז נאָך מאה ועשרים שנה זאָל מען אים מיטגעבן אין קבר דעם „יאַרד־שטיק" אַלס אַן עדות, אַז ער האָט ניט נהנה געווען פון יתור, וואָס מיינט, אַז ער האָט ניט באַהאַלטן פאַר זיך דעם שטאָף וואָס איז פאַרבליבן פון אַן אויפגענייטן מלבוש. מיין מאַמע ע"ה האָט דווקא געשטאַמט פון אַ יחוסדיקער משפּחה. איר פאָטער, דאָס איז מיין זיידע, איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ גוטער מלמד און אַ גרויסער קבצן."

און אַזוי ווי ער פאַרטיקט זיך אָפּ, עניוותדיק, מיט יחוס־אָבות, טרעט ער צו, אָן צערעמאָניעס, צו יחוס־עצמו, אַלס אַ „סעלף־מעיד מען" — ווי דער אַמעריקאַנער וואָלט געזאָגט:

„קומענדיק אין אונזער געבענטשטער לאַנד אַמעריקע, בין איך באַלד אַריינגעפאַלן אין די נעגל פון דעם „סוועט־שאָפּ"־סיסטעם, אַרבעטנדיק אַריבער זעכציק שעה אַ וואָך. אָבער לויט מיין ברודער, וועלכן איך האָב געטראָפן, בין איך געווען פון די גליקלעכע, ווייל ער איז נאָך געווען פון די דאָזיקע וואָס האָבן לחלוטין ניט געהאַלטן קיין חשבון פון אַרבעטס־שעהן. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און איך בין געוואָרן אַקטיוו אין דער „טשילדרען קלאָדהינג יוניאָן". איך האָב זיך באַלד גענומען דראַפּען אויף דעם לייטער פון באַאַמ־

טענטום, און זיך דערשלאָגן צו עפּעס. גלייכצייטיק האָב איך זיך אָנגעשלאָסן, אַלס מיטגליד, אין דעם אַרבעטער רינג. איך האָב דאַן צעטיילט מיין פרייע צייט לטובת דער יוניאָן און לטובת ברענטש 4 אַרבעטער רינג.״

אַזוי שנעל ווי מר. זוסמאַן האָט באַזאָרגט דעם חומר, ווי ער האָט מער־ווייניקער אויסגעקעמפּט דעם מלחמת־החיים, הויבט ער אָן טראַכטן וועגן שפּייז פאַר דער נשמה, וועגן פּסיכישע וויטאַמינען — ווי וויסנשאַפטלער וואָלטן געזאָגט — און מאַכט וועגן דעם אַזאַ פאַר־נויג:

„מיין אויסבילדונג, — און גאָט איז מיין עדות, ווי ווייניק דאָס איז, — האָב איך באַקומען פון לייענען די אידישע פּרעסע, טעגלעכע צייטונגען, וועכנטלעכע און צייטשריפטן. מיין „האָכשולע״ איז געווען דער אַרבעטער רינג. דאָרט האָב איך געלערנט צו פאַרשטיין דעם קאָמפּלעקס פון אידישן לעבן. פאַר אַ משך פון עטלעכע יאָר האָב איך זיך באַשעפטיקט מיט „קאָנטראַקטינג״. אין 1913, ווען די גרויסע דערוואַכונג איז געקומען אין דעם שניידער פאַך, בין איך געווען איי־נער פון די וואָס האָבן אָרגאַניזירט די „גרעיטער קלאָדהינג קאָנטראַק־טאָרס אַסאָסיאיישאָן״. איך בין געוואָרן איינער פון די „מענעדזשערס״, אָן אַמט וועלכן איך באַקליידט ביז דעם היינטיקן טאָג. איך האָב שוין דאָ, מערסטנס אַלס פאַרטרעטער פון ברענטש 4 אַ. ר. אָנטייל גענומען אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן. איך האָב זיך באַ־טייליקט אין פאַרזאַמלונגען און קאָנפערענצן און אין אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט דעם אידישן לעבן.״

אָבער כאָטש מיר פילן אין זיינע רייד, אַז ער גייט מחיל אל חיל, פון איין דערגרייך צו דעם אַנדערן, איז ער נאָך אַלץ יונג, איז נאָך פול מיט אַמביציע. ער האָט נאָך דאָס לעצטע וואָרט ניט געזאָגט, ווייל ער איז, אין זיין האַרץ־צו־האַרץ־געשפּרעך, נאָך אַלץ ניט געווען „אין זיין עלעמענט״:

„מיין ווירקלעכן „זיך״ האָב איך געפונען ווען דער גאַליציאַנער פאַרבאַנד איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן בערך פופצן יאָר צוריק, ווייל ערשט זינט דאַן פיל איך זיך אין מיין אייגענעם עלעמענט — ווי אַ פיש אין וואַסער. געשען איז דאָס בזה האופן. מיין גאָטזעליקע פרוי, וועלכע האָט צופעליק געלייענט אין די אידישע צייטונגען אַן אויפ־רוף פון גאַליציאַנער אידן פאַר אַ קאָנפערענץ אויפצולעבן דעם אַמאָ־ליקן גאַליציאַנער פאַרבאַנד, האָט מיך באַוואויגן זיך צו באַטייליקן אין דער פאַרזאַמלונג, און דאָרט האָב איך געפונען מיין תיקון. פון דער התחלה אָן האָב איך זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, און גע־טאָן אַלץ אין מיינע כוחות פאַר דער אַנטוויקלונג פונם פאַרבאַנד,

וואָס היינט צו טאָג ווערט באַטראַכט אַלס אייגנאַרטיק אין זיין אויפטו לטובת אונזערע לאַנדסלייט, אונזער פאָלק און אונזער לאַנד ישראל.״

## ג

ווען מען אַנאַליזירט עטוואָס אָט־די עטלעכע פּאַראַגראַפן פון זיין קורץ־שטריכיקן זעלבסט־פּאָרטרעט, זעט זיך פון זיי אויך בולט אַרויס די חכמה פון באַלאַנס, די אייגנשאַפט זיינע, וועלכע איז, ווי געזאָגט, ניט קיין גאָר שלעכטער מאָסשטאָב צו מעסטן די הויפּט־טראַקטן פון זיין לעבנס־גאַנג.

און מיט אָט־דעם מאָסשטאָב אין האַנט, בין איך, דאָ ערשט, געגאַנגען צו דעם זוסמאַן־יום טוב, המכונה באַנקעט, אין קאָמאָדאָר האָטעל, צו דער געלעגנהייט פון זיין ווערן אַ בן־שבעים, וואו כ׳האָב געוואָלט זען, שטודירן, וועגן און מעסטן די כוחות וואָס ער האָט דורך די אַלע אַקטיוויזירטע יאָרן זיינע אָנגעזאַמלט, און וועלכע ער קען נאָך איצט זיי באַאיינפלוסן און באַווירקן.

באַנקעטן־אידישקייט איז אַ טיפּישער פּראָדוקט פון דער אַמע־ריקאַנישער גרויס־שטאָט, איבערהויפּט פון דער ניו־יאָרקער מעטראָ־פּאָליע. די מיליאָנען־אַקציעס וואָס ווערן דורכגעפירט אין היגן אידישן לעבן הויבן זיך אָן און פאַרענדיקן זיך מיט באַנקעטן, וואָס ווערן רע־זשיסירט פון פּראָפעסיאָנעלע „פאַנד־רעיזערס״ — אַ נייע און אַ גאָר הויך־באַצאָלטע פּראָפעסיע.

אָט־יענע גרויס־צוקיגע פּראָפעסיאָנאַלן זיינען ניט געווען הינ־טער דעם זוסמאַן־באַנקעט. דער סטאַף פון „גאַליציאַנער פאַרבאַנד״, וואָס האָט איינגעאָרדנט די סעודה לכבוד זיין פּרעזידענט, באַשטייט פון אָנדערהאַלבן טיילוויין־באַצאָלטע מענטשן, — גענוג נאָר אויף צו פאַררופן אַ באַשיידענע פרייע פאַרזאַמלונג פון עטלעכע מנינים אידן.

די איבער עלף הונדערט מענטשן וואָס זיינען געקומען, אין עסיק און אין האַניק, צו אַ קאָסטבאַרער אונטערנעמונג אין איינעם פון די פאַרנעמסטע זאַלן אין כרך ניו־יאָרק, דאַרפן דעריבער צוגע־שריבן ווערן ווי זעלבער, אָפּיצערן און גענעראַלן אין דער זוסמאַן־אַרמיי — אַ גאָר היפּשער אָפּגעשפּאַרטער פאַרמעגן מיט וועלכן ניט איין גדול וואָלט זיך געוואָלט מיט דעם באַרימען.

## ד

ווער איז ווער געווען צווישן די יום־טובדיקע באַזוכער פון דער גראַנדיעזער אידישלעכער אסיפה? ס׳זיינען געווען יוניאָן־פירער — אַמאָליקע גענאָסן זוסמאַנס — און אינדוסטריאַליסטן — זיינע איצ־

טיקע אונטערטאַנען; עס האָבן זיך געזען געזיכטער פון אַמאָליקע ראַדיקאַלן און פּנימער פון איצטיקע ציוניסטישע מנהיגים; באַ־שטריימלטע הײמישע רביים און מאָדערנע רבנים; אָרטאָדאָקסן און רעפאָרמער; אינטעלעקטואַלן און „עמך"; מענטשן פון דער פּרעסע און לייט פון די „הויכע פענצטער".

עס איז אַ שפּילעכל אַ זאָג־טאָג: עלף הונדערט מענטשן צו אַ באַנקעט. צוזאַמענשטעלן איבער 110 טישן! מען דאַרף פאַרשטיין דעם ענין, און זיך עטוואָס פאַרטיפן אין אָט־דער סוגיא. און איך בין, דערפאַר, געווען צופרידן ווען איינער פון מיינע באַקאַנטע, יעקב עטינגער, האָט מיך אײנגעלאַדן פאַר אַ ליטעראַרישן „לחיים" צו זיין טיש. זיין נאָמען האָט מען ניט אויסגערופן פון דער פּלאַטפאָרמע. ער איז, אָבער, כאַראַקטעריסטיש, ווי אַן אָפיצער אין דער זוסמאַן־אַרמיי. אין דער רשימה פון די איינגעלאַדענע געסט איז אַנגעגעבן אַז יעקב עטינגער און זיין פרוי זיצן אויף טיש נומער 51, פּונקט אַזוי ווי די נעמען פון די אַנדערע געסט. אָבער אַז מען זעצט זיך צו צו זיין טיש געפינט מען אויס אַז ניט נאָר זיינען די פינף פאַמיליעס פון טיש נומער 51 עטינגער־מענטשן, נאָר ער האָט, אַזוי אין דער שטיל, צוזאַמענגעבראַכט נאָך פיר טישן, ד. ה. אַז ער, מר. עטינגער, דער געוועזענער יוניאָן־פירער און איצטיקער דערפאָלגרייכער אינ־דוסטריאַליסט, איז אַ גאַנץ טיכטיקער אָפיצער פון אַ ראַטע אין דער זוסמאַן־אַרמיי, און אַליין — אַ פּיל־פאַכיקער מתן־בסתרניק. מען שטעלט מיר פאָר פאַר נאָך איינעם פון טיש 51: דוד וואָלף — פון די ראשונים אין דער אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן. נאָך איינעם: ה. העלער, „מענעדזשער" פון „קאָנטראָל־דעפּאַרטמענט" פון ניו־יאָרקער דזשאָינט באָארד אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן. נאָך איינעם: אַן אַנגעזעענער אינדוסט־ריאַליסט. צווישן איין קוויקנדיק שטיקל חזנות פון דוד קוסעוויצקי און אַ צווייטן האָט דער באַשיידענער מר. עטינגער, וועלכער שטיצט נגידיש — און בלחש — איבער הונדערט אָרגאַניזאַציעס און אינסטי־טוציעס, מיר אַנגעוויזן אויף געוויסע יחידים פון געוויסע טישן — הערי בענדער, ס. בראַונשטיין, אַלעקס הירשענפאַנג, לואיס רובינשטיין, הערי דרעשער, מאָריס הערטלינג, דזשוליוס ה. ליווי, פיליפ רעזניק, — אַז דאָס זיינען ניט סתם מענטשן, נאָר „פעסטונגען" אין דער אינ־דוסטריע און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, און — גאַנץ קרעפטיקע טישן־צוזאַמענשטעלער...

און פאַר אַזעלכע „בערן" אַז מען שטעלט זיך רעדן, דאַרף מען יכלען! און — למען האמת — זיי האָבן געיכלט! יעדער רעדנער האָט אַנגעשליפן זיין צונג לויט זיין אייגענעם טעמפּעראַמענט. יעדער איינער האָט כמעט ווידערהאָלט, כאָטש אויף אַ באַזונדערן נוסח,

די אַלץ־דעקנדיקע רעדע פון דעם פעלדמאַרשאַל, מאָריס בלומענ־רייך. נאָר ווען אברהם מילער, באַוואוסטער פירער פון דער אַמאָל־גאַמייטעד יוניאָן, האָט געשילדערט זוסמאַנען ווי אַ רעבעל, אַן אַמאָ־ליקער אַקטיווער מיטגליד פון דער מיליטאַנטישער „סאָשעליסט ליי־באָר־פּאַרטי״, האָט ער, פאַר מיר אַלנפאַלס, עטוואָס נייעס געזאָגט, פאַר מיר, און, אפשר, אויך פאַר אַנדערע איז געווען אינטערעסאַנט צו זען ווי דער יובילאַר באַלאַנסירט, אַזוי גאַלאַנט, צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. צווישן אידעאַליזם און רעאַליזם. צווישן גענאָסן און חברים. צווישן העברעאיסטן און אידישיסטן. צווישן גלות און ארץ ישראל. צווישן פּועלי ציון און מזרחי פרויען. צווישן קלאַסן־קאַמף און כלל־ישראל. צווישן ריכטער און דיכטער. צווישן רעליגיאָן און רעבעליאָן.

ה

און דערפאַר, ווען מען גייט אַוועק פון אַזאַ ווייכטיקער שמחה, פון אַ יום־טוב פון אַזוי פיל און אַזוי פיל הונדערטער גדולים לכבוד אַ יחיד — וואָס האָט דערוואָרבן אינטערקאָנטינענטאַלן פּירסום — איז לייכט צו פאַרשטיין פאַרוואָס אַ פעדעראַציע פון פּוילישע אידן אין אַמעריקע, וואָס האָט, פּאָטענציעל, אַ גרעסערן אָנשפּאַר ווי דער „גאַליציאַנער פאַרבאַנד״ איז אַזוי מיאוס צוזאַמענגעפאַלן; פאַרוואָס פון דעם ליטווישן פאַרבאַנד, וועלכער קען ווערבירן, אפשר, גרעסערע אינטעלעקטועלע כוחות, איז כמעט איצט קיין זכר ניט געבליבן, און פאַרוואָס דער „גאַליציאַנער פאַרבאַנד״ ווייזט נאָך איצט קענטיקע סימנים פון לעבן.

עס איז דער צוטרוי צו דעם גאַליציאַנער אידן פון שטעטל לי־מאַנאָוו, — צו איינעם פון פאָלק, וועלכער איז, מיט דעם גאַנג פון יאָרן, אויסגעוואַקסן, האָט דערוואָרבן — חוץ פילע אַנדערע גוטע אייגנשאַפטן — דעם פיינעם זין פאַר טאַקט, וואָס איז אַ נאַטירלעכער אַרויסוואוקס פון דער גרונטיקער חכמה פון באַלאַנס, און האָט דער־מיט געוואונען די הערצער און די מוחות פון די מענטשן פון זיין רייך, אין וועמעס לאַדן, ער ווערט נאָך איצט, אַלס זיבעציקער — און אין אויסזען און שטעל — אַ פופציקער — גאָר ניט מיד פון צו קלאַפּן, און מונטערן און זיי וועקן צו התעוררות און צו מעשים.

# בערנאַרד זעמעל

## א.

ווי איינער וואָס זוכט און געפינט שוץ פון דער גליאיקער זון, און קען רו געבן זיין לייב אין קילן שאָטן פון אַ בוים; און זיין מויל איז פול דעמאָלט מיט לויב צום באַשעפער ניט נאָר פאַר הנאת עצמו, נאָר פאַר דער האַר־מאָניע פון זיין ווערק און פאַר דער פאָלקאָמענקייט פון דעם אַל־מעכטיקנס יצירה, — אַזוי פילט אָפט ניט איינער, אין זיין שעה פון אַנגסט, אין באַגעגעניש מיט דעם פאַטריאַרכישן מין מענטשן־בוים, וועמעס גוף קען אייך אָנ־שפאַר געבן און געגאַרטע רו אייך ברענגען; און וועמעס קאָפּ, אין קרוינונג, קען אייך אויפהויבן אויף די פליגלען פון דעם דמיון, שטאַרקונג געבן צו אייער מידן טראָט, און, — ביים ראַנד פון יאוש, — צוריקפילן אייער האַרץ מיט אויפמונטערונג און מיט בטחון.



## ב.

אָט־דער עטוואָס־לענגלעכער זאַץ שטעלט מיר דעם טאָן פאַר אָן אויפזינג צו אַ דעמביקן יחיד, וועמעס גדולה און חכמה, און גוטסקייט, און טאַקט, און עמפינדלעכער זין פאַר יושר, פונקט ווי זיינע שפעפולע גיטער, זיינע געבענטשטע ענערגיעס, זיינע קענטיקע אַלזייטיקע באַגאַבונגען און זיין רייפע פאַרשטענדעניש פון טאַלע־ראַנץ זיינען אַזוי פריי־האַנטיק און ברייט־מאָסיק אין דינסט גע־שטעלט געוואָרן צו יעדן איינעם ממש וואָס איז זיך געקומען קילן אין שאָטן פון זיין צעלט.

## ג.

די טעג פאַלט אויס, דאַכט זיך, דער 72טער געבורטסטאָג פון מיין איצטיק־באַזונגענעם העלד (און — לאָמיר שוין אויסזאָגן דעם סוד פון זיין נאָמען: בערנאַרד זעמעל). און דער איצטיקער חודש, אָקטאָבער, וועלכער איז פון דער אַמעריקאַנישער אידישער עפנט־לעכקייט פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי די מאָביליזאַציע־צייט פאַר דער ווערבירונג פון דעם אידישן קינד פאַר דעם אידישן פאָלק, פאַלט אויך צונויף, זיווגווייז, מיט ב. זעמעלס קרוין־ווערק.

און ווייל אידישע קינדער־דערציאונג איז זיין קרוין־ווערק איז ניט לייכט צו שרייבן וועגן אָט־דעם זעמעל־קאַפּיטל און עפּעס מחדש צו זיין. ווייל אין לויף פון די לעצטע 32 יאָר, זינט ער האָט אין 1918, צוזאַמען מיט נאָך אייניקע מחנכים, געגרינדעט די ניו־יאָרקער „דזשואיש עדיוקיישאָן אַסאָסיאיישאָן" איז ער געוועזן דער איניציאַטאָר פון אַ ריי וויכטיקע דערציאונג־פּראָיעקטן, ווי די „באָארד אָוו רעוויו", דעם „סעד", א. אַז. ביז היינטיקן טאָג, ביים ראַנד פון זיין 72טסטן געבורטסטאָג, איז ער, מיט זיין גאַנצענער געבענטשטער אומאויס־לעשבאַרער יוגנטלעכקייט, אַקטיוו אין אַלע אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון אידישן חנוך פון ניו־יאָרק און פון איבערן לאַנד, און איז דער ערן־סעקרעטאַר סיי פון דער „דזשואיש עדיוקיישאָן קאָמיטי" און סיי פון דער „אַמעריקען אַסאָסיאיישאָן פאַר דזשואיש עדיוקיישאָן".

זייענדיק דער רוח החיים פון אַלע באַוועגונגען אין און אַרום דער ספערע פון די תינוקות של בית רבן, איז אָט־דער הערלעכער זעמל־קאַפּיטל אַן אָפענער בוך פאַר יעדן איינעם, וועלכער האָט וועגן עס איז געהאַט די מינדסטע מגע ומשא מיט אידישער דערציאונג דאָ אין לאַנד, און ס'איז דעריבער גאָר ניט לייכט אַרום אָט־דער זעמעלשער טעטיקייט צו זאָגן אַן אַנדערשדיק וואָרט. איז דאָס בעס־טע, דאָס עכטסטע וואָרט אַרום אָט־דעם לייבן־פּראָבלעם פון אידישן קיום, איז צו לאָזןריידן „אים" אַליין. מר. זעמעל האָט מיט 12 יאָר צוריק אין „וואָכנבלאַט" פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן „אונזער יונגגן דור", וועלכער איז נאָך איצט פונקט אַזוי פריש, און ס'איז כדאַי, און ס'איז ווערטפול, — און אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר אונ־זער איצטיקער שטודיע, — צו ציטירן פון אים עטלעכע פאַראַגראַפן:

„מקדמונים זיינען אידנטום און עם הארצות זיך געווען ביטערע שונאים. אידנטום קען זיך נאָר האַלטן אויף ליכט און וויסן און להיפוך צו דער אָנגענומענער מיינונג איז דער וואָס האָט ביי אונז דער־גרייכט אַ בכבודיקע פּאָזיציע אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, ניט געווען דער נגיד, נאָר דער למדן.

„צו אַוועקנעמען ביי דעם היגן אידנטום דאָס רעכט צו לעבן און בליען אויפן אַמעריקאַנער באָדן איז צו אַוועקשטעלן אין אַ פאַלשן ליכט ניט נאָר דאָס אידנטום, נאָר אויך דעם אַמעריקאַנער גייסט און אינסטיטוציעס. דיביידע, אַמעריקאַניזם און אידנטום, האָבן אַלע מאָל געהויזט בשלום. דער אידישער גייסט און טראַדיציע האָבן, לויט אַ גרויסן ענגלישן היסטאָריקער, געלייגט די יסודות פון אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע.

„אויב מ׳זאָל זיך נויטיקן אין הסכמות פון אַמעריקאַנער גייסטיקע פירער, האָבן מיר זיי איבערגענוג. צווישן די גרויסע אַמעריקאַנער וועלכע האָבן אויסגעאיבט אַ דרוק אויפן היגן אידישן ישוב צו באַשיצן אונזער קולטור, זיינען: טש. וו. עליאָט, דזשאָן דיואי, טהעאָדאָר רוזוועלט, וואודראָו ווילסאָן, קאַלווין קולידזש, הערבערט הואווער, פרענקלין ד. רוזוועלט און פילע אַנדערע.

„אין אַ בריוו צו סטיפן ווייז האָט פרעזידענט רוזוועלט כאַראַקטע־ריזירט די קולטור פון אידישן פאָלק ווי אַ כוח וואָס האָט דורך יאָר־הונדערטער אויפגעהאַלטן און גענערט די מענטשהייט.

„טאָ לאָמיר זיך, בכן, אָפּזאָגן פון דער גרונטלאָזער מורא, אַז אַמעריקע פאָדערט פון אונז מיר זאָלן מקריב זיין אונזער אידישקייט. אדרבה, זי פאָרלאַנגט פון אונז, מיר זאָלן דערציען דעם יונגן דור אין פאָרשטענדעניש, ליבע און יראת הכבוד צו אידישע טראַדיציעס. די וועלטלעכע בילדונג וואָס די אַמעריקאַנער געמיינדעס שטעלן צו אונ־זערע קינדער מוז גיין האַנט אין האַנט מיט עטישן אידישן חנוך, וועל־כער זוכט ניט נאָר דעם אידישן עבר, נאָר איז אויך אין פולן הסכם מיט די פיינסטע טראַדיציעס פון דער איצטיקער לעבעדיקער אַמע־ריקע.

„דער פּראָבלעם פון אידישע קינדער־דערציאונג שטייט פאַר אונז מיט אַריפמעטישער פּינקטלעכקייט, קלאָרקייט. אין ניו־יאָרק זיינען דאָ 300,000 קינדער פון שול־עלטער, פון וועלכער נאָר פינף און זיבע־ציק טויזנט קריגן אַ וועלכע עס איז אידישע דערציאונג. דאָס מיינט ניט אָבער, אַז די איבעריקע 225,000 קינדער אונזערע וואַקסן, לגמרי אָן וועלכער עס איז אידישער דערציאונג. אַן אונטערזוכונג האָט געוויזן, אַז אַן ערך 75 פּראָצענט פון ניו־יאָרקער אידישע קינדער קריגן יע, אין געוויסע מאָמענטן, עטוואָס אידישע בילדונג. אָבער ווען מיר זאָלן ניט מאַכן קיין אונטערזוכונג וועלן מיר אויסגעפינען אַז אין צייט פון דער אונטערזוכונג קריגן נאָר 25 פּראָצענט היגע אידישע קינדער אידישן אונטעררי{כ}ט, בעת 75 פּראָצענט קריגן עס ניט.

„די זעלבע טרויעריקע פּראָצעדורע געפינען מיר אויך איבערן לאַנד. די צאָל אידישע קינדער אין שול־עלטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן ווערט געשאַצט אַרום 800,000 פון וועלכער צאָל נאָר אַ פערטל

ווערט אידיש דערצויגן. יעדע אידישע קהילה אין לאַנד האָט פאַר זיך אָט־דעם ערנסטן פּראָבלעם. יעדע אידישע געמיינדע שטייט פאַר דער ריזיקע פון פאַרלירן אין גייסטיקן זין, דאָס רוב פון אירע קינדער. קען נאָך זיין עפּעס טראַגישער?

„ס׳זיינען דאָ צווישן אונז אַזוינע וואָס פאַרזיכערן אונז, אַז דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכן אונזערע קינדער וועלן ניט קענען אויסמיידן, וועט זיי אויפהאַלטן אַלס אידן. אַזאַ נחמה וועט אָבער קיין זעלבסט־רעספּעקטירנדיק פאָלק ניט ווינטשן. מיט אַזאַ „לאָיאַליטעט״ צו אי־דישקייט קענען מיר קנאַפּ־וואָס שטאָלצירן. ניט אַנטיסעמיטיזם, נאָר אידישע דערציאונג דאַרף גאַראַנטירן די צוקונפט פון אונזערע קינ־דער.

„די אויבנדערמאָנטע ציפערן דאַרפן באַווייזן די וויכטיקייט און די ערנסטקייט פון דעם אידישן דערציאונגס־פּראָבלעם אין אַמעריקע. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. ווען מיר נעמען באַטראַכטן די אידישע שולע אַלזייטיק — די פיזישע, דערציערישע און פאַרוואַלטערישע זייטן — שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ ריי נייע פּראָבלעמען. די געביידעס אין וועלכע אונזערע קינדער באַקומען זייער אידישע דערציאונג, טאָרן ניט זיין ערגער פון יענע, אין וועלכע זיי באַקומען די אַלגעמיינע ביל־דונג, אַז ניט וועט זיך ביי זיי באַקומען דער איינדרוק, אַז די אידישע שול און וואָס זי דאַרף מיט זיך פאָרשטעלן, שטייט אויף אַ זייער נידעריקער שטופע.

„די אידישע דערציאונגס־געזעלשאַפט פון ניו־יאָרק טוט אַלץ אין אירע כוחות צו לייזן די אַלע פּראָבלעמען אויף אַ צופרידנשטעלנדן אופן. זי האָט געגרינדעט אַ מאָרטגיידזש־געז. וואָס האָט געליען געלט פאַר בוי־ און איבערבוי פון אַ פופציק שול־געביידעס. מאָדערנע שול־געביידעס זיינען אויך אויפגעשטעלט געוואָרן פון דער אידישער וועל־פער־באָארד, קהילות, טעמפּלען און שולן איבערן גאַנצן לאַנד. די אַרבעט טאָר ניט אָפּגעשטעלט ווערן. דאָס אַמעריקאַנער אידנטום קען זיך ניט פאַרגינען ניט צו געבן זיינע קינדער דאָס בעסטע, וואָס מ׳קען נאָר קריגן פאַר זיי.

„אָבער דער וויכטיקסטער פּראָבלעם אינם אידישן דערציאונגס־פּראָצעס איז דאָס אויפהויבן אים צו דער העכסטער שטופע. מיר קע־נען זיך ניט צופרידנשטעלן מיט געבן אונזערע קינדער נאָר אויבער־פלאַכע ידיעות פון אידישע לימודים. די דינע אויבערפלאַך ווערט גיך אָפּגעריבן. צייט און סביבה זאָרגן זיך שוין פאַר דעם. אונזערע קינדער פאַרדינען די בעסטע לערער, די בעסטע טעקסט־ביכער, וואָס מ׳קען נאָר קריגן און די בעסטע קורסן. ס׳טאָר אָבער ניט געמאַכט ווערן קיין פאַרזוך אָנצוטאָן די אידישע דערציאונג אין אַ באַשטימטן

לבוש, לויט אַ געוויסן מוסטער. מען דאַרף געדענקען, אַז די פילע גרופּן אין אַמעריקאַנער אידנטום, זיינען פאַרשידן, האָבן פאַרשידענע אָנשויאונגען, און מיר, פון דער אידישער דערציאונג־געזעלשאַפט, קע־נען זיך ניט נעמען דאָס רעכט צו באַשטימען אַ סטאַנדאַרד פאַר אַלע גרופּן. דאָס וואָלט געווען קעגן די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטיע און דער דערפאַרנקייט וואָס מיר האָבן געהאַט.״

### ד.

נאָר אויב דער ווירדיקער נאָמען בערנאַרד זעמעל איז געוואָרן כמעט אַ סינאָנים צו דערציאונג, מיינט עס נאָך ווייט נישט אַז אַרום אַט־דעם געביט פון טעטיקייט הויבט זיך אָן און לאָזט זיך אויס זיין געזונטע השפּעה. איך וואָג צו זאָגן, אַז וואָלט בערנאַרד זעמעל קיין פינגער ניט צוגעלייגט צום אָנגעווייטיקטן ענין פון אידישער דער־ציאונג אין אַמעריקע, וואָלט ער אַלץ געווען אַ הערלעכע פיגור אין היגן קהלשן לעבן.

אַריינגייער אין די געשעפט־אָפיסעס פון בערנאַרד זעמעל זיינען באַקאַנט מיטן אויסנאַמלעכן פאַקט, אַז אין זיין ביורא זיצן טאָג־אין־טאָג צענדליקער און צענדליקער מענטשן, וואָס קומען צו אים ניט לשם געשעפט, נאָר לשם גאולה. מר. זעמעל איז ביי זיי די לעצטע אינסטאַנץ זיך צו ראַטעווען דורך אַן עצה, אַ פאַרבינדונג, אַ שתדלנות און אָפט, גאָר אָפט, דורך זיין אייגענער דירעקטער מאַטעריעלער הילף. די לעצטע יאָרן האָט מר. זעמעל זיך אינגאַנצן אויסגעטאָן פון זיינע געשעפטלעכע בגדים און ערווידמעט זיך אינגאַנצן צו קהלשע אינטערעסן.

און — ווי די פאַרבן פון אַ רעגנבויגן, אַזוי פאַרשידן זיינען די אינטערעסן פון בערנאַרד זעמעל. ער האָט אַן אויער פאַר יעדער איי־נער ריכטונג אין אידישן לעבן — חוץ, נאַטירלעך, דער אַסימילאַ־טאָרישער. זיין אינטערעסן־ראָם נעמט אַריין פון שטיצע צו אַ רבי, אַ „חרד״, ביז צו אַן אינסטיטוציע פון נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע אידן. אַ מענטש וואָס האָט „געריבן עלנבויגנס״ מיט לואיס מאַרשאַל און דזשייקאָב שיף, פאָלגט נאָך מיט ליבע די אַנטוויקלונג פון דעם אינגסטן אידישן פּאָעט. די ריזיקע צאָל ביכער און ספרים וואָס באַ־צירן זיין ביורא שטייען דאָרטן ניט צוליב דעקאָראַציע. אין יעדן ספר האָט ער מעיין געווען, און יעדעס בוך האָט ער געבלע־טערט.

ווי אַ שטרענג טראַדיציאָנעלער איד, וואו זיינע ציוניסטישע סימ־פּאַטיעס האָבן געדאַרפט זיין מיטן „מזרחי״, ווייסט ער, אָבער, ווי צו

שאַצן און שיצן דעם גרויסן אַרבעטער־כוח אין ישראל — די הסתדרות.

זיינע סימפּאַטיעס צום אַרבעטער־קלאַס זיינען אַזוי באַוואוסט און אַזוי פעסטגעשטעלט, אַז ער איז שוין, פאַר אַ ריי יאָרן, דער באַליבטער אומפּאַרטייאישער „טשערמאַן" פון דער „שוירט" אינ־דוסטריע אין אַמעריקע. ס'איז ניטאָ כמעט קיין איין וויכטיקע אידישע יוניאָן אין ניו־יאָרק וואו מר. זעמעלס איינפלוס איז ניט אין איין צייט גענוצט געוואָרן לטובת גערעכטיקייט. אַזוי איז ער געווען אַן אומ־פּאַרטייאישער פּאַרזיצער פון דער פּאַריערס יוניאָן, וועלכן אַמט ער האָט איבערגענומען פון דר. יהודה לייב מאַגנעס; איז געווען איינער פון די בוררים אין דער קלאָקמאַכער יוניאָן נאָך פאַר די טעג פון בראַנדייס, און איין (1) יאָר פאַר דעם „פּראָטאָקאָל". און פאַר דער איינער ראָלע: פון האַלטן אין משך פון באַלד 60 יאָר אין זיין האַנט די גוט־באַלאַנסירטע וואָג פון גערעכטיקייט האָט מר. זעמעל פאַרדינט אַ שטול אין דעם היכל פון אומשטערבלעכע.

## ה.

בערנאַרד זעמעל איז אַן אַמעריקאַנער פּראָדוקט. און דאָס איז אַ „פעדער אין דעם הוט" פון דעם אַמעריקאַנער אידנטום. 60 יאָר האָט ער דאָ געלעבט און געווירקט. פון באַלעכאָוו, מזרח גאַליציע, פון וואַנען ער איז אַהער געקומען אין 1890, אַלס 12־יעריקער בחורל, צוזאַמען מיט זיינע עלטערן, האָט ער חוץ זכרונות גאָר ווייניק מיטגעבראַכט. זכרונות פון חדרשע תורה, פון אידישע אָרעמקייט, פון אידישע צרות. אָבער דאָס איז, אַפּנים, געווען גענוג געזונטער באָדן פון וועלכן צו קענען וואַקסן און זיך אַנטוויקלען צו אַזאַ אַנגעזעענער און געאַכטעטער פיגור אין היגן לעבן.

און כאָטש ס'ווערטל גייט, אַז „אין נביא בעירו", איז אויך דאָ מר. זעמעל געווען אַן אויסנאַם. ער האָט די ערשטע אַנערקענונג גראָד געקראָגן ביי זיינע לאַנדסלייט. זיי האָבן די ערשטע אין אים דערזען דעם באַרופענעם פירער, און האָבן, אַזוי אַרום, געענטפערט זיין „רוף" צו אָרגאַניזירן אַ „סאָסייעטי" פון באַלעכאָווער לאַנדסלייט. דאָס איז געווען אין 1898, און — זיין ערשטער קהלשער אויפטו אַלס 18־יאָרי־קער בחורל. זיין נעקסטער לאַגישער טראָט איז געווען צו „נעמען ריידן" וועגן אַ גאַליציאַנער פאַרבאַנד. אין אָט־דער אַרבעט האָבן אים מיטגעהאָלפן דער באַקאַנטער זשורנאַליסט יעקב פעפער, דער דאָקטאָר מעדיצין סאַלאָמאָן ניימאַן, דער ראַדיקאַלער טוער לואיס פלאַשענבערג, א. אַ. מר. זעמעלס „אָפיציעלער" אַמט אין דעם „פאַר־

באַנד״ איז געווען „קאָנטראָלער״ און, שפּעטער, איז ער דערהויבן געוואָרן צו פּרעזידענטשאַפט, אַן אַמט וועלכן ער האָט געטראָגן מיטווירדע פאַר פולע אַכט יאָר. און כאָטש מר. זעמעל נעמט ניט די לעצטע יאָרן קיין אַקטיוון אָנטייל אין „פאַרבאַנד״, איז ער, אָבער, שטענדיק גרייט, ווי דער זשאַרגאָן גייט, „מיט ראָט און טאָט״ אַנטקעגנקומען די איצטיקע טוער און פירער פון „גאַליציאַנער פאַרבאַנד״.

## ו.

מר. זעמעלס גרויסער אָנזען ביי די אידישע אידן האָט אים אויך געגעבן חשיבות ביי די יאַהודים. און אויב מיר זעען די לעצטע יאָרן אַ דערנענטערונג פון די היגע יאַהודים צום ציוניזם, דאַרף מען דאָ אויך, צום היפּשן טייל, זען מר. זעמעלס „האַנט״. ער איז געווען אין דער גינסטיקער לאַגע צו קענען דינען ווי אַ בריק צווישן די מזרח־איראָפּעאישע אידן און די דייטשישע יאַהודים. דורך זיין אַקטיוון אָנטייל אין דער אַמאַליקער ניו־יאָרקער קהילה האָט ער געשלאָסן געזונטע חברשאַפט מיט דר. מאַגנעס, לואיס מאַרשאַל, דזשייקאָב שיף, און מיט די אַנדערע יאַהודימשע טאָן־געבער. ער האָט דעם גרויסן היסטאָרישן פאַרדינסט, פון צוזאַמענברענגען לואיס מאַרשאַל מיט חיים וויצמאַן אויפן שותפותדיקן באָדן פון אידישע אינטערעסן.

אויף אַ גרויסן מאַסמיטינג אין בראָנזוויל פאַר דעם קרן היסוד, וואו אויף דער פּלאַטפאָרמע איז וויצמאַן געזעסן צווישן בערנאַרד זעמעל און דעם ברוקלינער כלל־טוער דזשייקאָב ה. קאָהען, האָט דר. וויצמאַן עפנטלעך אויסגעדריקט אָנערקענונג צו מר. זעמעל פאַרן „שלום״ צווישן אים, ד. ה. צווישן דער ציוניסטישער מחנה און מר. מאַרשאַלס לאַגער.

## ז.

מר. זעמעלס איינפלוס גרייכט אויך אין די „הויכע פענצטער״. דערשלאָגן זיך אַהין האָט ער ניט מיט אויפרייס־שטאָף, נאָר מיט דעם כוח פון זיין הומאָר. די וואָס קענען זעמלען עטוואָס אינטים ווייסן אַז ער איז אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע פון ווערטלעך, וויציקע מעשה־לעך, אַנעקדאָטן, וועלכע ער נוצט זיי, ווי אַ מייסטער, אין דער געהעריקער סיטואַציע, און פּאַסט זיי איין, ווי אַ דימענט־שלייפער, ביי דעם געהעריקן מאָמענט. פאַר יאָרן לאַנג איז מר. זעמעל — אין זיין גאַנצענער פאַרנומענקייט — אויך אַ פאַרלייענער פון אידישן הומאָר און אויך פּאָעזיע ביי די פאַרגויישטע אידן, וועלכע גרופּירן זיך אַרום דער „סאָסייעטי פאָר עדוועגסמענט אָוו דזשודאַאיזם״. די פאַרלעזונגען קו־

מען באַגלייט מיט זיינע דערקלערונגען אין אידיש און, אַפּט, אויך אין ענגליש. און אין די און אַנדערע קרייזן צירקולירן דעריבער זעמעלס געראַטענע אַנעקדאָטן. איינער פון זעמעלס פּלייסיקע וויצן־זאַמלער איז דער באַוואוסטער ריכטער סעמועל י. ראָזענמאַן, פּרע־זידענט רוזוועלטס ראַטגעבער און רעדאַקטאָר פון זיינע רעדעס. און אָט־דער ראָזענמאַן פלעגט אַמאָל אויסבאָרגן רוזוועלטן מר. זעמעלס אַ „שלאַגער״.

מר. זעמעל דערציילט מיר, אַז איינמאָל טעלעפאָנירט אים מר. ראָזענמאַן, ער זאָל זיך צוהערן צו רוזוועלטס רעדע אויף דעם יער־לעכן „דזשעקסאָן־דעי״ באַנקעט פון די דעמאָקראַטן. און ווי איבער־ראַשט איז מר. זעמעל געוואָרן ווען ער האָט דערהערט פון רוזוועלטס מאַגישן מויל איבערדערציילן זיינעם אַ באַרימטן אַנעקדאָט, כדי אַרויסצוברענגען אַ געוויסן פּאָליטישן מאָמענט. און אָט איז די מעשהלע:

אַ לערער אין קלאַס פרעגט ביי די קינדער:

— קינדער, ווער פון אייך עס וויל זיין אין גן־עדן זאָל אויפהויבן זיין האַנט.

אַלע קינדער האָבן אויפגעהויבן זייערע הענט, נאָר איין אינגעלע האָט זיין האַנט ניט אויפגעהויבן. זאָגט דער לערער צו אים:

— דו האָסט געהערט און פאַרשטאַנען מיין פראַגע?

— יאָ — זאָגט דאָס אינגעלע.

— ווייסטו אַז דער גן־עדן איז דאָס שענסטע פּלאַץ אויף דער וועלט? ס'איז גאָטס גאָרטן אין הימל!

— יאָ, — זאָגט דאָס אינגעלע.

— טאָ פאַרוואָס־זשע האָסטו ניט אויפגעהויבן דיין האַנט? דו ווילסט ניט זיין דאָרט?

— יאָ, יאָ, — זאָגט דאָס אינגל, — איך וויל יאָ זיין אין פּאַראַדיז, נאָר (ווייזנדיק מיט זיין פינגער אויף זיין קלאַס) ניט מיט זיי, די ווייסע חברהניקעס...

זעמעלס אַ כאַראַקטעריסטישע מעשהלע, וואָס האָט אויך דער־גרייכט אין די „הויכע פענצטער״ איז וועגן „מורא״:

— כ'קום צו דיר ווי צו אַ טייערן ליבן פריינט. אפשר קענסטו מיר לייען 100 דאָלאַר? כ'בין אין אַ זייער געדריקטער לאַגע, העלף מיר, גוטער פריינט.

— ניין, לידער, כ'האָב ניט.

— אפשר קענסטו מיר באָרגן אַ רינגל, אָדער אַ זייגערל?

— ניין, ליבער פריינט, כ'האָב ניט.

— אפשר האָסטו אַ „ליבערטי באָנד״, אָדער אַ „גאָווערמענט באָנד״?

— ניין, כ'האָב ניט.
— אפשר האָט דיין ווייב אַ שטיקל צירונג?
— ניין, כ'האָב ניט.
— געוואַלד געשריגן, ליבער פריינט, וואָס דען האָסטו?
— כ'האָב מורא!

ח.

די השפעה פון בערנאַרד זעמעל, ווי אַנגעוויזן דורך די קאַר־גע שטריכן מיינע, איז געווען אַ געזונטע אויף זיינע בני עיר, אויף זיינע בני מדינה און אויף בני ישראל בכלל. עס ווילט זיך אויך האָפן אַז די השפעה האָט אויך דערגרייכט צו זיין סאַמע נאָענטסטן קרייז, — אויף די בני זעמעל.

אַ גוטער סימן אויף דעם, איז די שיינע באַציאונג צום ספר, וועלכן מר. זעמעל פּרובירט שאַפן ביי זיינע קינדער, זיינע צוויי זין און צוויי טעכטער. צו דעם פיינעם מאַטעריעלן נדן, דערציילט מען מיר, וועלכן ער האָט ניט פאַרזען צו געבן צו יעטווידן פון זיינע קינדער, האָט ער אויך ניט פאַרזען זיי צו געבן די ווירדיקע און דערציערישע מתנה, פון טויזנט בענד אידישע ספרים. מר. זעמעל אַליין איז נאָך אַלץ אַ באַזיצער פון אַ פינף־טויזנט בענד יודאַאיקאַ — אַלע געליינטע, געבלעטערטע און אָפט געצערטלטע ספרים און ביכער.

ט.

ווי איינער וואָס זוכט און געפינט שוץ פון דער גליאיקער זון, און קען רו געבן זיין לייב אין קילן שאָטן פון אַ בוים; און זיין מויל איז פול דעמאָלט מיט לויב צום באַשעפער ניט נאָר פאַר הנאת־עצמו, נאָר פאַר דער האַרמאָניע פון זיין ווערק און פאַר דער פולקאָ־מענקייט פון אַלמעכטיקנס יצירה, — אַזוי פילט אָפט ניט איינער, ווייט ניט איינער, אין זיין שעה פון אַנגסט, אין אַנגעגעניש מיט דעם פּאַט־ריאַרכישן מין מענטשן־בוים, וועמעס גוף קען אייך אָנשפּאַר געבן, און געגאַרטעטע רו אייך ברענגען; און וועמעס קאָפּ, אין קרוינונג, קען אייך אויפהויבן אויף די פליגלען פון דעם דמיון, און שטאַרקונג געבן צו אייער מידן טראָט, און, ביים ראַנד פון יאוש, צוריקפילן אייער האַרץ מיט אויפמונטערונג און מיט בטחון.

איצט איז שוין אַלעמען באַקאַנט דער וועג צו דעם פּאַטריאַרכיש־דעמביקן מענטשן־בוים און דער נאָמען זיינער אויף דער אידישער גאַס און אויף דער אַמעריקאַנער עוועניו.

# זאב זשאַבאָטינסקי

## א.

ביים צענטן כמעט פאַרשוויגענעם יאָרצייט זיינעם ווילט זיך מיר דאָ אָנוואָרפן כאָטש געציילטע עטלעכע אייליקע שטריכן צום באַפעלע־רישן פּנים פון אַ געבאָרענעם מנהיג, וועמען עס איז ניט באַשערט געווען — ווי יעדן אמת־גרויסן אידייען־וויזיאָנער — אַריינצוטרעטן אינם אַל־פעלקערלעך־אָנערקענטן אידישן לאַנד פון זיינע צוריקגע־פונענע אָבות.

## ב.

מיין פעדער, איינגעאיבט צו ציען אין דער ליניע פון דעם אַמאָל־אַזוי־גערופענעם נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן דרך, פלעגט נאָך ביים לעבן פון זאב זשאַבאָטינסקי פּרובירן, אין „ערפּורכט״, מאַכן אַן „אָפּנויג״ און פלעגט פון צייט צו צייט צונויגן אַן אויער צו זשאַבאָטינסקיס אַנגעלאָדענעם און אויסגעהאַמערטן וואָרט.

און אָט ווי לאַנג איז דאָס געווען ווען מיין נעמלעכע פעדער האָט זיך געראַנגלט מיט דער היגער אידישער פּרעסע פאַר זשאַבאָטינסקיס כבוד וועגן? עס איז געווען נאָך זיין ניו־יאָרקער קבלת־פּנים, אין מערץ 1940, און מיין תמימות׳דיקע פען האָט, אַן באַפּוצונגען, דאַן אַזוי גענומען נאַטירן: „צום זעלישן אויפּרודער וואָס זשאַבאָטינסקיס רעדע האָט אַריינגעבראַכט אין דעם עולם, וואָס האָט איבערגעפּאַקט דעם מאַנהעטן סענטער צו זאב׳ס איינציקן אויפטריט אין נאָרט־אַמעריקע — דעם אויפּרודער האָט מען, ליידער, ניט אַנגעזען אין די קאָלומס פון דער ניו־יאָרקער טעגלעכער אידישער פּרעסע. אין זשאַ־באָטינסקיס צוויי־שטונדיקן אויפטריט האָט גערעדט מיט אחריות און קאָמפּעטענץ אַ אידישער שטאַטסמאַן וואָס האָט אין אַן אויסגעמייס־טערטן ווערטער־קראַנץ אויפגעבויט ד י ג ר ו י ס ע א י ד י ש ע אָ נ ק ל אַ ג ע און האָט זי מיט דער נויטיקער עלעגאַנץ צוגעטראָגן צו דער שוועל פון דער גוי׳אישער וועלט.״

„די גרויסע אידישע אָנקלאַגע״ — ווער איז, אין יענע טעג, געווען צווישן די לעבן־געבליבענע פירער, ציוניסטישע, צי אַלגעמיין־אידישע, וואָס זאָל זיך פילן ב אַ ר ו פ ן „אויפצובויען״ די גרויסע אידישע

אַנקלאַגע אויף דער ווען־עס־איז קומענדיקער שלום־קאָנפערענץ? צווישן די סתם־אידישע און ציוניסטישע פירער זיינען דעמאָלט געווען גרויסע רעדנער, וויכטיקע שריפטשטעלער, באַדייטנדיקע פאָרשער פון דער אידישער עקאָנאָמיק, גרויסע געלערנטע און אינטערעסאַנטע דענ־קער. אָבער וויפיל זיינען דאָ, אין ווען־ען עס זאָלן די אַלע מעלות און באַגאַבטקייטן אַזוי האַרמאָניש הויזן?

נאָר מיטלמעסיקייטן האָבן זיך געקענט דערלויבן דעם פּאַר־ברעך, דעם סקאַנדאַל אַזאַ אויסנאַמלעכע פּערזענ־לעכקייט ווי זשאַבאָטינסקי צו באַזייטיקן פון פירערשאַפט אינם ציוניזם. ווער ווער — זיי, אָט־די טומל־און־קאַקוס פּאָליטיקער האָבן דאָך בחדרי־חדרים פון זייער האַרץ, פון זייער געוויסן געוואוסט, אַז ער איז, אין זיינע טעג, קודם קבלת השטאַט, געווען דער איינציקער, וואָס האָט געמעגט אויף זיך אָנטאָן דעם מאַנטל פון אידישער שטאַטס־מאַנשאַפט; אַז ער איז געווען דער איינציקער, אין ווען־ען די ניט־אידי־שע פּאָליטיקער, רעגירער וואָלטן דערזען איינעם, וואָס איז, לכל הדעות, פון שולטער־אָן ניט נידעריקער פון זיי; אַז ער איז דער איינציקער פון די ציוניסטישע מנהיגים, וואָס אַלס גאַנצער איד וועט אַרויסרופן צו זיך דעם רעספּעקט פון די גוישע רונדן־טישלער.

און אויב זשאַבאָטינסקיס מערכה איז געווען אַזאַ אין דער ציוניסטישער וועלט — על אחת כמה וכמה אין דעם ראַדי־קאַלן לאַגער אונזערן. עמעצער, אַ חכם און למדן צוזאַמען, האָט אין זשאַבאָטינסקיס גאָרטן אַריינגעוואָרפן דעם שטיין: „אידישער פאַ־שיזם". און עס איז אַוועק אַ סדרה: „פאַשיזם עליך ישראל". ווי האָט געקענט ביים אידישן פאָלק פון 1940 — ווען די מדינה איז געווען נאָך אַזוי ווייט — גאָר גערעדט זיין פון אַ פאַשיסטישער באַוועגונג, פון אַ באַוועגונג וואָס באַזירט זיך אויף דריי הויפּט־יסודות: 1) פּאָליטישע דיק־טאַטור; 2) מלוכה׳שערווירטשאַפטס־קאָנטראָל און 3) גרויס־אימ־פּעריאַליזם?

ג.

אין די דריי מאָל וואָס ס׳איז מיר אויסגעקומען הערן זשאַבאָ־טינסקין אין אַמעריקע בין איך אַוועק אַ צופרידן־אַנטוישטער. ס׳ער־שטע מאָל, מיט יאָרן צוריק, האָט ער גערעדט אין העברייאיש, ערגעץ אויף סטענטאָן סטריט, וועגן אַ ליטעראַרישן ענין, דאַכט זיך. קיין סימן ניט פון רעאַקציע. ס׳צווייטע מאָל האָט ער גערעדט אין אַ אידישער „טאָקי", און אַקצענטירטע ראַדיקאַלן, סאָציאַ־ליסטן האָבן אָנגעקוואָלן פון זיין רעדע, האָבן איינגעשטימט מיט זשאַבאָטינסקין. און דאָס דריטע מאָל, אויף זיין קבלת־פּנים אין ניו־

יאָרק, אין 1940, וואו פועלי ציון און אַפילו אַלגעמיינע סאָציאַליסטן האָבן אין די ראשי פרקים געקענט זיך אונטערשרייבן אויף דער רעדע פון דעם דעמאָלטדיקן און בלייבנדיקן רעוויזיאָניסטישן נשיא.

און דאָס נעמלעכע מיט זיין געשריבענעם וואָרט. זשאַבאָטינסקיס אידיש־געשריבענע אַרטיקלען פלעג איך לייענען מיט ספּעציעלער אויפ־מערקזאַמקייט. ער, דער העברייאיסט, איז געווען פון די געציילטע ערשט־ראַנגיקע פּובליציסטן אין אידיש. זיינע אַרטיקלען זיינען געווען אי וואָגיק, מיט תוך, אי שיין־געפורעמטע. אין איינעם פון אָט־יענע אַרטיקלען איז ער זיך אַפילו פאַרגאַנגען אין שבחים צו דער מאַמעניו אידיש, אויסרעכענענדיק אַ ריי מעלות פון דער אידישער שפּראַך, לגבי אַנדערע לשונות. און אַזוי, האָב איך אויך אין זיין געשריבענעם וואָרט ניט געזען יענע רעאַקציע, מיט וועלכער אונזער עוועניו האָט פאַרשריען זשאַבאָטינסקין.

ד.

אַלע מיינע איינדרוקן פון זשאַבאָטינסקין האָבן געוויזן אויף גאַנצקייט, אויף קאָמפּראָמיסלאָזיקייט, אויף אייזערנעם ווילן, אויף דיסציפּלין, אויף שטאָלענעם כאַראַקטער.

דערפאַר האָט ער ניט געקענט סובל זיין די הורא־ראַדיקאַלן אונזערע, וואָס זיינען תמיד גרייט אַ באַפריי־צו־טאָן עפּעס־וואו אַ פאָלק, פון אַ קעמף־צו־טאָן פאַר ערגעץ־וואו אַ לאַנד. זיי, די זעלבסט־רעקלאַמירטע רררעוואָלוציאָנערן, האָבן אין זיינע אויגן געמוזט אָנגע־מען דעם פּנים פון קאַריקאַטורישע קנעכט, וואָס, מעשה־קינדער, באַמ־קען זיי נאָך איינגעזוברעוועטע ווערטלעך, „פערדלעך", שלאָגלער פון די פינעף־סענטיקע גראַדואיר־בראַשורן.

אין זיין לעבן, וועלכן ער האָט אַזוי פול און פרייגיביק אַוועקגע־געבן פאַר דער אויסלייז־באַפרייאונג־אידייע פון דעם אידישן פאָלק, איז בכן, געווען מער רעוואָלוציע  א י ן  ת ו ך,  ווי אין אַלע אַר־סענאַלן פון אונזער  ס ת ם ־רעוואָלוציאָנערער פראַזעאָלאָגיע צוזאַ־מענגענומען. זיין „אידישער לעגיאָן" איז איין רינג אַזאַ פון זיינע רעוואָלוציאָנערע מעשים טובים.

און האָבן שוין אונזערע פלייסיקע היסטאָריקער און קריטיקער זיך די מי גענומען צו אָפּשאַצן זיין גרויסע היסטאָרישע שליחות פון האָבן אָפּגעגראַטעוועט אין מזרח־אייראָפּע צענדליקער טויזנטער אידי־שע יונגע בחורים און מיידלעך פון קאָמוניסטישן שמד ? קאָמפּראָמיס־פולע, פאַרבלאָזע רייד וואָלט ניט גערעדט צום געמיט, צום טעמפּע־

ראַמענט פון דער יוגנט. ז ש אַ ב אָ ט י נ ס ק י ס  ו ו אָ ר ט  ה אָ ט  ז י י  ג ע ו ו א ו נ ע ן.

ה.

אין די לעצטע צען יאָר האָט ביי גראַנד־אידישע אסיפות ניט איינמאָל אויסגעפעלט זיין שאַרפער מוח. אויף די שטורמישע צוזאַמענקונפטן פון די יוגנטלעכע רעוויזיאָניסטן; אויף די רואיקע קאָנגרעסן פון די סאָלידע ציוניסטן; אויף די רונדע־טישן קאָנפערענצן מיט די געשולטע ניט־אידישע פּאָליטיקער—אומעטום און איבעראַל האָט מען געזוכט דעם שאַרף פון זיין וואָרט; אומעטום און איבעראַל האָט געפעלט דער מעטאַלענער קלאַנג פון זיין שווערדישן וואָרט; אומעטום און איבעראַל האָט געוואַרט די ברכה אויף דעם דונער פון זיין אָראַטאָריע.

נאָר אָם מערסטן, זעען מיר איצט, וואָלטן זיינע אָלזייטיקע באַגאַבונגען אָם שעפערישסטן געוואָרן ביי דער אַרכיטעקטיק פון דעם אידישן שטאָט.

און דאָס דאַרפן גאַנצע אידן, אידישע פּאַטריאָטן, תמיד געדענקען, איבערהויפּט נאָך ביים יאָרצייט־ראַנד פון גרויסן יורש פון הערצלס ווערק.

# ש. טענענבוים

## א.

מיינע קאַרגע און אייליקע שטריכן וועגן ש. טענענבוים וויל איך דאָ אַריינפירן מיט אַ פּאָר ווערטער פון דערקלערונג: ווי מיינע חשובע לייענער געדענקען, זיינען כמעט — אָדער טאַקע אָן איין כמעט ביז איצט — אַלע „העלדן" פון מיין סעריע „בויער און שאַפער פון מיין דור" דעמבענע גייער און האָבן שוין אַריבערגעשפּרייזט דעם גרענעץ־עלטער פון 50, בעת טענענבוים איז כמעט דער סאַמע אינגס־טער שרייבער ביי אידן. מיט זיין גאָרער יוגנטלעכער עלטער איז ער, אָבער, מיטן פעסטן שרייבערישן טראָט זיינעם ווייט ניט אַזוי הינטער־שטעליק לגבי די פיל־פיל־עלטערע שאַפער סיי אין כמות און סיי אין איכות. אין זיין איצטיקן עלטער פון 37־38 האָט ער שוין אָנגעשריבן אַרום פינף טויזנט ווערק: דערציילונגען, עסייען, רעפּאָרטאַזשן, קרי־טיקן, מיניאַטורן, נאָוועלן, ראָמאַנען, טאָג־ביכער, און אַנדערע פאָרמען פון זיין ליטעראַרישן אויסדרוק. וועלכער שרייבער ביי אידן קאָן אָנ־ווייזן אויף אַזאַ געבענטשטער שפע? אויך האָט זיך אין גאָר פריען עלטער אויסגערייפט זיין ליטעראַרישע פערזענלעכקייט — אַזוי, אַז זיין קינסטלערישע געשטאַלט איז שוין איצט אָן אָפן בוך פאַר אַלע נייגעריקע אַריינבליקער און בלעטערער, און אַוודאי איז טענענבוים, איינער פון מיינע אויסגעקאָכאַמבוסטע טאַלאַנטן, פאַר מיר אַ צעעפנ־טער ספר.

מיט די איצטיקע שטריכן וויל איך, אָבער, אויך, דרך אַגב עטוואָס מתקן־זיין אַ שרייענדיקע עוולה קעגן אים מצד דער אַזוי־גערופענער „אידישער גאַס", — מצד די מאַכט־האָבער פון אָט־דער „אידישער גאַס" — וואָס מאַכט זיך לגבי אים ניט זעענדיק און ניט־הערנדיק. בעת אָט־די „גאַס" טרומייטערט מיט אַ ליאַדע שרייבערל, וועלכן זי באַזאָרגט מיט שטעלעס און מיט כיבודים, מיט סובסידירטע ביכער און מיט פּריזן־אויף־פּרייזן — איז די טענענבוים־אַלייע אַז איזאָלירטע און אַ בלאָקירטע. זיין 100־פּראָצענט־פּאַרשוויגן בוך „שניט פון מיין פעלד" — אַ באַנד פון איבער 600 געדיכטע זייטן — איז אַ גענוגנדע אילוסטראַציע.

און צום סוף פון מיין דערקלערונג, זאָל מיר אויך דערלויבט זיין

אַן אינטים וואָרט: פון די איבער 50 שרייבער, וועלכע איך האָב אַרויס־געפירט און דערמוטיקט און פון די איבער 200 ליטעראַטן וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם שלל זשורנאַלן מיינע איז טענענבוים פון דעם קאַרגן מנין לאַיאַלע מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן די פּראָבע פון לאַיאַליטעט.

ב.

עס זיינען דאָ פאַרשיידענע מאָסן צו מעסטן די עכטקייט און די גראַנדיעזקייט פון אַ קינסטלער. איך וויל דאָ פּרובירן אָנווענדן אַ נייע מאָס פון פעסטשטעלן די טאַלענט־פּראָבע פון קינסטלער דורך אָנשטעלן אויף אָט־דעם יונגן שרייבער אַ פּראָזשעקטאָר פון אַ געוויסן ווינקל־פּונקט: לאַיאַליטעט.

קונסט: ווי אַ פרוי, ווי אַ חבר, ווי אַ גרופּע, ווי אַ פאָלק, ווי אַ ראַסע מאַניפעסטירט און געשטאַלטעט זיך דורך לאַיאַליטעט.

פאַרוואָס זיינען דאָ אַזוי פיל אַזוי־גערופענע שרייבער, און אַזוי ווייניק אויסגעפּרובירטע קינסטלער? די מערסטע האַלטן ניט אויס די פּראָבע פון לאַיאַליטעט.

פּונקט ווי איינער וואָס וויל געווינען און אָנהאַלטן די ליבע פון־אַ פרוי, מוז זיך צו איר ווידמענען — אויך אַזוי די קונסט. דאָס וואָרט, וואָס איז, אפשר, דאָס עמפּינדלעכסטע און קאָמפּליצירטסטע פון אַלע קונסטן, ליגט, אָבער, ביים ראַנד פון די שטרויכלבאַרע וועגן, — אַזוי אַז מען מוז זיין אַ גאָר געאיבטער גייער, אַז מען זאָל זיך ניט אַריינ־פּלאָנטערן אין איינע פון די מעגלעכע און פיל־צאָליקע נעצן.

ג.

אַ שרייבער, ווי סתם אַ מענטש, פאַלט ניט אַרונטער פון הימל. ער וואַקסט אַרויס פון אַ סביבה. פון דער מיליע זיינער טיילט ער אויס געוויסע סימפּאַטישע און אַנטיפּאַטישע טיפּן, כאַראַקטערן, פיגורן. דער אמתער שאַפער דערפילט עס אַלס זיין חוב אַרויסצוברענגען די שעדלעכקייט פון די נעגאַטיווע פיגורן פון זיין סביבה און, גלייכ־צייטיק, צו אַקצענטירן די נאָבלקייט, דעם אידעאַליזם פון די מוסטער־פיגורן, זיי אַרויסהויבן און זיי אַרויסשטעלן אַלס מוסטער פאַר זיינע מיטמענטשן. ער אַליין שטייט און מוז שטיין ווי אַ זייטיקער. ער אַליין מוז זיך אויפלייזן אין קונסט־דינסט פון זיין פאָלק.

נעמען מיר פאַר אַ ביישפּיל צוויי אידישע שרייבער וואָס זיינען איצט וועלט־באַרימט און האָבן געגומען אין כמעט דער זעלבער צייט

די פעדער אין האַנט אַריין: שלום אַש און אברהם רייזען. מיט זיין סאַמע ערשטן זאַץ האָט אַש געגומען בויערן אַ פענצטער צו דער ברייטער וועלט אַריין. זיין „נוצרי" און זיינע אַנדערע גוייש־באַרימטע און אידיש־פאַררעטערישע ווערק זיינען פאַרטראַכט געוואָרן מיטן ערשטן איינטונק פון זיין פעדער. ניט אַזוי דער פאָלק־לאַיאַלער און געטרייער זון — אברהם רייזען. מיט דעם סאַמע ערשטן איינטונק פון זיין פעדער האָט ער זיך גענומען דערדיבען צו דער האַרץ פון זיין פאָלק, באַזינגען און באַהערלעכן זיין אומה און מיטגיין מיט זיין פאָלק און אים מוטיקן אויף זיינע כלערליי שטרויכל־וועגן.

## ד.

אין זיין „פאָרוואָרט" פון די „שריפט אויפן האָריזאָנט" זאָגט אונז דער יונגער קינסטלער, לאָיאַלער זון פון אונזער פאָלק, ש. טענענבוים, אַז „אין דאַזיקן באַנד האָט זיך דער אויטאָר ניט געשטעלט קיין שום אויפגאַבן. עס איז גיכער אַ קאַפּריציעזער ראַנדעוואו מיט די שעפערישע אידן פון די עלטסטע צייטן אַן אין אַ פינצטערן מאָמענט פון אונזער געשיכטע. עס איז גיכער אַן אימפּראָוויזאַציע פון אַ איד — זיך טרעפנדיק מיטן גייסט פון זיין פאָלק".

מיט די פאָר ווערטער הויבט ש. טענענבוים אויף די פאָן פון לאָיאַליטעט — צום פאָלק, צו די נאָבעלע גייסטער פון פאָלק, צו דער אידישער געשיכטע און דער איצטיקער אידישער קונסט וואָס מוז זיך ווידמען צו אומאויפהערלעכער מעדיטאַציע וועגן גורל פון אונזער פאָלק צווישן פעלקער און פון אינערלעכער מאָנומענטאַציע און סאָלידאַריטעט צו און מיט די אידישע קרבנות פון די איצטיקע שאַנדפולע טעג.

## ה.

ווי געזאָגט, איינע פון די פּראָבן פון קונסט איז די מאָס פון ווידמונג, פון לאָיאַליטעט. פון דעם מאָסשטאָב גענומען, איז ש. טענענבוים איינער פון דעם ערשטן מנין קינסטלער פון איצטיקן דור וואָס האָט אויסגעהאַלטן די פּראָבע. ער האָט ניט קיין אַנדערע הויפּט־אינטערעסן ווי דינען זיין פאָלק מיט דער שליחות פון זיין קונסט. ער ווייסט, אַז דער שיקזאַל פון שרייבער־שליח, פּונקט ווי אַמאָל פון די נביאים, איז אויפצולייזן זיין פּערזענלעכן לעבן; אַז זיין קאַמף פאַר גאָטס וואָרט וועט באַלוינט ווערן מיט אַ לעבן פון מאַרטירערײַ, פון פּיין און ליידן. אָבער פּונקט ווי טענענבוים ווייסט, אַז אין די לעצטע טעג פון הושע איז ער געווען „מיד און טרויעריק פון אַ גאַנץ לעבן

פון פּיין און ליידן. פון אַ גאַנץ לעבן דינען גאָט און טאָן אַלץ כדי צו אילוסטרירן גאָטס וואָרט״ — אַזוי ווייסט ער וואָס עס דערוואַרט אַ איצטיקן במקום־נביא, און איז גרייט מקבל־צו־זיין די דערנער־קראַנצן פאַר זיין לעבנס־ווערק.

## ז.

אויב אין זין פון לאַיאַליטעט אין קונסט־מאַסשטאַב איז טענענבוים איינער פון ערשטן מנין קינסטלער פון איצטיקן דור, איז ער, אָבער, מיט דעם אַנדערשדיקן פורעם פון זיין שאַפן, אפשר, דער איין־און־איינציקער אין אונזער ליטעראַטור.

אויף דער זעקסטער זייט פון זיין פריער־דערמאָנטן בוך האָט ער אַזאַ טיפּישן טענענבוימישן זאַץ: „ווי אַ קליין אינגל נעמט אַרום דער מוטערס קלייד — אַזוי ווי ער וואָלט אַרומגענומען די פייערדיקע ראַנדן פון די הימלען״. ער איז דער איינציקער שרייבער ביי אונז אין דעם זין וואָס ער הויבט זיך שטענדיק אַריבער די גרויקייטן פון טאָג־טעגלעכן און פאַרוואָרפט אַ בריק איבער די ווייטסטע האָריזאָנטן. דאָרטן באַגעגנט ער זיך מיט זיינע ליבלינגען, די שעפערישע גייסטער פון יאָר־טויזנט צוריק, און אין ליכט פון אָט־יענע ראַנדעוואוס אויף די האָריזאָנטן זעען נישטיק אויס די איצטיקע מענטשעלעך מיט זייערע מאַכינאַציעס, מיט זייערע קאָנספּיראַציעס און מיט זייער שטענדיקן לויער־און־שלינג פון איינער דעם אַנדערן.

איז, דעריבער, זיין וועלט וואו ער איז באמת היימיש די גאַלע־ריע פון קינסטלער, דיכטער, נביאים, דורך די יאָר־טויזנטער. און טרעפט ער ווען אָן אַ באַרופענעם שעפער אויף די גאַסן פון איצטיקע וועלט־שטעט, איז ער גליקלעך אים מצרף־צו־זיין צו די וועלט־גאונים, און ער ווערט גאָר ניט מיד פון מפרסם זיין די גרויסקייט זיינע ברבים.

פונקט ווי יעקבס שפּיץ־לייטער האָט דערגרייכט צום הימל, אַזוי גרייכט טענענבוימס מזח צו די אייביקייט־טעמפּלען פון די קונסטן. און אַזוי וואַנדערט ער פון איין טעמפּל צו אַ צווייטן. און מיר זעען אים, אָן עקזאַלטירטן, ביי יעקב עפּשטיינס אַ סקולפּטורע „אָדם״. און שוין, כהרף עין, איז ער ביים ראַנד פון תוהו ובוהו: „ער (אָדם) איז גע־לעגן אין דער ערד — פאַרוואַרצלט אין אַלע וואַסערן און וועלדער, מיט אַלע פאַספאַרישע שטאַמען פאַרקניפּט, מיט פעלזן געבונדן, מיט בערג געבערידערט. עס גייען דורך וועלט־געשרייען איבער אים. קאַ־וואַלקאַדעס נעכט וועקן אים, שלאָגן אים מיט שטיינער־פויסטן; גאָטס איינזאַמקייט קען אים נישט דערוועקן. גאָט האָט נאָך נישט קיין טע־

טיקייט. עס גייט נאָך נישט אָן דאָס שטאַרבן און די מלחמה. דאָס גריזשען זיך און דאָס פוילן. די ערד איז נאָך ריין פון טויט. און אָדם איז נאָך שטומע, קאַלטע ערד".

און אָט ווי טענענבוים זעט בחוש די סאַמע געבורט פון ערשטן מענטשן אויף דער ערד: „אדם פלאַצט אַרויס פון דר'ערד — אַ באַרג מיט געפילן; אַ טייך מיט טרוימען און געזאַנגען; אַ ים מיט באַגער; אַ ווילדער וואַלד, וואָס רוישט און שאַלט און טראַגט מיליאַנען פייגל אין זיך; אַ פעלד — זיין פנים, אַ שטראָם ליכט — זיינע אויגן. און די אויערן טרינקען מוזיק פון די ספערן".

צו טענענבוימען קען מען ניט צוגיין מיט אַ מאָס פון אַנדערע שרייבער. ער איז ניט נאָר אַנדערש, ער איז איינציק אין זיין קונסט. איך זע ניט נאָך אַ שרייבער ביי אידן וואָס זאָל זיך פילן אַזוי היימיש מיטן קאָסמאָס און אינם קאָסמאָס. זיינע אייגענע דלד אמות זיינען ביי אים דער פרוזדור און דער קאָסמאָס — דער טרקלין.

ז.

אין זיין עסיי וועגן ירמיהו הנביא פּרובירט ער דעפינירן די עובדא פון דעם נביא וואָס איז די זעלבע וואָס פון קונסט: „קונסט, הויכע קונסט, איז באַרופן צו היילן. און דער געניוס — אין טאָן, אין קאָליר, אין שטיין, אין דיכטונג — איז באַרופן צו אַ געוואַלטיקער מיסיע. גאָט ווילט אים אויס צו דינען דעם פאָלק. צו אומפאַסן די גאַנצע מענטשהייט. צו ברענגען טרייסט און גענעזונג צו די ליידנדיקע. אומצוהאַלדזן די דערנידעריקטע. צו וואַשן אין זיינע טרערן די פאַר־לאָזענע. צו קושן די באַליידיקטע. צו רייסן שטיקער ליכט פון דער זון און אַרומצובינדן מיט זיי, מיט זון־באַנדאַזשן, די פאַרוואונדעטע פון דעם שלאַכט פון לעבן. נביא זיין — מיינט ליידן פאַר מיליאַנען. עס מיינט — צעפלאַצט ווערן פון שמערץ. און דאָך זיין קאָנצענטרירט און צו שמידן פון שמערץ — חכמה".

מיט אָט־דער חכמה איז פול יעדעס בלעטל פון טענענבוימס ווערק. זיינע פריינט און פאַרערער דאַרפן, אָבער, זען אַז די לאַגלען פון זיינע שמערצן זאָלן זיין, פון טאָג צו טאָג, אַלץ ליידיקער, און אַז עכטער ערדישער יום־טוב זאָל זיך פון־צייט־צו־צייט אַ ווייז־טאָן אויך אויף זיין האַריזאָנט....

# יהואָש

(אַריינפיר־וואָרט אין זיין פּאָעזיע און אין זיין הויפּט־ווערק
— זיין אידישער תנך־איבערזעצונג)

אין יהואשעס ערשטן באַנד „נייע שריפטן" איז פאַראַן צום סוף פון בוך אַ קליין ליד („מיין סוד", געשריבן אין 1909) וואָס ווייזט אונז אויף דער באַציאונג וואָס יהואש האָט געהאַט צו זיין פּאָעטישן שאַפן:

„און פיל איך זאָל ניט זינגען אייך,
איר וועט בלויז פונקען קריגן,
די פלאַם — די פלאַם, זי בלייבט ביי מיר
פאַרשלאָסן און פאַרשוויגן...

און פיל איך זאָל ניט זאָגן אייך,
איר קריגט בלויז וועלן־שפריצן,
דעם ים — דעם ים וועל איך אַליין,
פאַר זיך אַליין באַזיצן...

און פיל איך זאָל ניט דיכטן אייך,
און פון מיין וועלט דערציילן,
מיין סוד — מיין סוד וועט קיינער ניט
מיט מיר אין לעבן טיילן..."

דערפאַר מאַכן אַ סך פון יהואשעס לידער דעם איינדרוק פון בלויז אַן אָנוואורף, אַ ניט־פאַרענדיקטקייט, ווי ניט מער ווי אַ וועלן־שפריץ און אַ פייער־פונק.

און, מהאי טעמא, ניט וועלנדיק טיילן מיט קיינעם זיין „סוד" מיידט ער אויס די ריין לירישע מאָטיוון, שרייבט זעלטן וועגן גאָר אינטימע ענינים און פאַרנעמט זיך גערן מיט אַבסטראַקט־פילאָזאָ־פישע טעמעס. און ניט זוכנדיק דעם טיטל, און אפשר גאָר אומ־באַוואוסטזיניק, ווערט יהואש דער גרעסטער אידישער אידייען־דיכ־טער צווישן אונזערע קלאַסיקער.

האָבנדיק אַריינגעבראַכט אין דער אידישער פּאָעזיע פיל נייע מאָטיוון, אידייען און בילדער, קען ער זיך ניט אויסדריקן אין די דעמאָלטיקע, לפי ערך, אָרעמע פאָרמען פון פּאָעטישן שאַפן. ער האָלט, דעריבער, אין איין פורעמען נייע ריטמען, אין איין האַמערן און שמידן נייע פאָרמען, אין איין פיילן און קלויבן און שמעלצן נייעם פערז־געבוי און ווערט אַזוי דער גרעסטער מייסטער אין דער אידישער פּאָעזיע.

קענענדיק פלינק בויגן און באַהערשן ווערטער, זייענדיק אַ מייסטער פון פאַרב און קלאַנג, קענענדיק קאָמבינירן אוניווערסאַ־

לע פאַרנעמלעכקייט מיט פרימיטיוועד פשטות איז דען אַ וואונדער וואָס יהואש האָט אונז געגעבן נאַטור־לידער וואָס ס'איז ניטאָ זייער גלייכן אין דער אידישער ליטעראַטור ?

וואָלט יהואש אַפילו ניט געשריבן מער ווי זיינע נאַטור־לידער וואָלט ער שוין אויך געקראָגן אַן אויבנאָן־שטול אין דער אידישער ליטעראַטור. ער האָט נאָך אָבער אויך פיל בייגעטראָגן אויף אַנדערע געביטן פון פּאָעטישן שאַפן. זיינע ביבלישע און תלמודישע מאָטיוון און זיינע אידישע לעגענדעס פאַרנעמען אַ וויכטיקן אָרט אין יהואשעס דיכטונג און אין דער אידישער פּאָעזיע בכלל.

זייענדיק אַן אינטעלעקטועלער דיכטער האָט ער געמוזט פאַר־שיידענע אידייען־ספּעקולאַציעס ברענגען צום אויסדרוק דורך דער פאַבל מיט וועלכן מיטל ער האָט אָפט אָפּעריערט און דורך דעם רייכער געמאַכט אונזער ליטעראַטור מיט נאָך אַ קרעאַטיוון געביט.

כרעסטאָמאַטיע־צוזאַמענשטעלער ווייסן דעם ווערט פון יהואשן פאַר זייער אַרבעט. חוץ זיינע אַלערליי געביטיקע לידער אָן וועלכע מען קען זיך ניט באַגיין ביים צוזאַמענשטעלן קינדישע לערן־ביכער האָט יהואש אויך אַ רייכע קאָלעקציע עקסקלוסיווע קינדער־לידער וואָס זיינען זייער באַליבט ביי די שילער פון די אידישע וועלטלעכע שולן. „דער צויבערמאַן", „קען איך ניט פאַרשטיין", „אויערהאָן" א. אַנד. זיינען צווישן די באַקאַנטסטע לידער ביי די תלמידים פון די אידישע ראַדיקאַלע שולן. מיט אַ צייט צוריק האָב איך אין אַ אי־דישער כרעסטאָמאַטיע, וואָס איז אין אַנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן אַרויס אין סאָוועטן־רוסלאַנד, אָנגעציילט עטלעכע און צוואַנציק יהואשעס לידער.

כאָטש יהואש האָט אָפּגעלעבט אין אַמעריקע זינט דעם ניינצנטן יאָר פון זיין עלטער פילט זיך דאָך ניט אין זיין שאַפן די אַמע־ריקאַנישע באַזונדערטקייט, ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער האָט אַרויס אין סאָוועטן־רוסלאַנד, אָנגעציילט עטלעכע און צוואַנציק אין ענגליש גופא. די וואָס ווילן קרוינען יהואשן דווקא פאַר אַן אַמעריקאַנישן פּאָעט און שטעלן אַרויס דעם פאַקט וואָס ער האָט איבערזעצט לאָנגפעלאָוס „הייאַוואַטהאַ" וועלן אָבער ניט וועלן ליידן אַז מען וועט וועלן יהואשן אָנטאָן אַן אַראַבישע קרוינונג צוליב זיינע איבערזעצונגען פון די אַלט־אַראַבישע מעשיות, אַ רוסישע — צוליב זיין איבערזעצן מערעזשקאָווסקיס „סאַקיאַ מוני" אָדער אַ פּער־סישע צוליב זיין טיילווייזער איבערזעצונג פון אָמאַר כאַיאַמס רובאַ־יאַטן. יהואש האָט זיך באַמיט צו דערוויטערן פון דעם לאָקאַלן און האָט זיך בעסער פאַרנומען מיט זאַכן פון „רומו של עולם", אָדער זיך פאַרטיפט אין דעם וויטן אידישן עבר, וואָס איז אים אַזוי נאָענט און אייגן געווען.

אָנגעהויבן פֿאַרעפֿנטלעכן לידער (מיט איבער זעכציק יאָר צו־ריק) אין די ערשטע נומערן פֿון פרצעס „אידישע ביבליאָטעק" און ספּעקטאָרס „הויז־פריינד", וואו פרוג און צונזער זיינען דאָן געווען די צו וועמען יונגע דיכטער האָבן אַרויפגעקוקט, האָט יהואש זינט דאַן דורכגעמאַכט אַלע אידיש־פּאָעטישע גלגולים, ביז ער האָט אָנגע־יאָגט דעם אינטראָספּעקטיוויזם.

די לעצטע יאָרן האָט ער זיך מיט אויסערגעוויינלעכער התמדה אַריינגעטאָן צו פֿאַרענדיקן זיין מאָנומענטאַל ווערק, זיין אידישן תנך, און האָט שטאַרק פֿאַרנאַכלעסיקט זיין אייגן שרייבן.

אָבער ניט געקוקט וואָס ער אַליין האָט געשריבן זיינע אָרי־גינעלע שרייבונגען אַזוי ווי כלאחר יד, איז אים דאָך אויסגעקומען צו זיין פון די פֿאָראויסטרעטער פון דעם שליאַך צו דער מאָדערנער אידישער פּאָעזיע. פּונקט ווי זיינע צוויי בענד לידער „אין געוועב" זיינען געווען אַן אָנגענעמע איבערראַשונג פֿאַר יהואשעס נאָכפֿאָלגער און האָבן דעמאָנסטרירט אַ נייע תקופה אין זיין שאַפֿן, אַזוי וואָלטן מסתמא געווירקט זיינע גאָר לעצטע און צוקונפטיקע לידער.

נאָר וואָלט אונז יהואש אַפילו קיין שמץ פון זיין „סוד" ניט אָנפּאַרטרויט, וואָלט ער אונז אַפילו קיין אין אָריגינעל פערז, שורה אָדער פּראָזע געגעבן, נאָר ער וואָלט אונז בלויז אונטערגעטראָגן זיין אידישן תנך, וואָלט שוין געווען און געווען דיינו — גענוג פֿאַר אים און גענוג פֿאַר אונז.

זיין גרינטלעכע באַהאַוונטקייט אין די וויכטיקסטע תנך־טעקסטן פון אַלערליי פעלקער און לשונות; זיין היימיש זיין אין דער ריזיקער ביבל־ליטעראַטור, אָנגעהויבן פון די אידישע מפרשים ביזן לעצטן וואָרט פון מאָדערנער ביבל־קריטיק; זיין לינגוויסטישע באַגאַבונג און זיין אַלגעמיינע ערודיציע פּלוס זיין פּריווילעגירטקייט אַלס פּאָעט פער עקסעלאַנץ — אָט דאָס אַלץ אין אַכט און יהואשעס תנך־איבערזעצונג בלייבט יוניק אין דער גאַלערייע פון ביבל־איבערזעצונגען אין אַלע לשונות.

און אָט אָ דעם סאָרט תנך־איבערזעצונג איז באַשערט געווען צו זיין אין אידיש און יהואשן איז געגעבן געוואָרן די זכיה אונטער־טראָגן אין אַ נייער געשטאַלטונג די אַלט־נייע אידישע לוחות אין דעם אַלט־נייעם אידישן לשון דעם יונג־אַלטן אידישן פֿאָלק.

## א

ווען דער ענין ליטעראַטור איז פֿאַר מיר נאָך ניט גע־ווען אינגאַנצן דעפֿינירבאַר, איז שוין דאָס פינף־אותיותדיקע וואָרט יהואש מיר אַנטקעגנגעקומען מיט היימלעכער באַגעגעניש, מיט אויפ־ריכטיקן און גוטמוטיקן שמייכל פון אַלט־באַקאַנטשאַפט, און עס האָט

גלייך געוואונען מיין צוטרוי. יהואש האָט זיך ביי מיר קיינמאָל ניט אויסגעמישט מיט אַ סך פון די פסעווודאָנימען, וואָס „דופטן" מיט חכמה־לעך, מוסר־השכל׳ס, אינטעליגענטישקייט אָדער שרייבערישקייט. ווען כ׳האָב שפּעטער אין יהואשס ספרים (ספרים און יהואש זיינען זיך גאָר נישקשהדיק מתחתן) דערזען אין לאַטייניש אותיות דאָס וואָרט בלומ־גאַרדן, האָט עס מיר אויסגעקוקט פאַרדעכטיקט, און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז בלומגאַרדן פילט זיך אַזוי „היימיש" אין דער אַטמאָס־פערע, פּונקט ווי ס׳פילט זיך, אַן ערך, אַ גוי, ווען ער פאַרגייט אויף אַ חסידישער מלוה־מלכה, אָדער אויף אַ רבנישער חתונה. דער אמתער נאָמען האָט מיר געקלונגען פסעוודאָטאָניק, צוגעטראַכט, און דער צוגעטראַכטער — גלויבלעך און אמתדיק.

ווי דער נאָמען, אַזוי די ווערק. זיי זיינען זיך גוט מתחתן צווישן זיך, מיט יהואשן און מיטן גאַנצן אידישן שאַפן. די פאַרשיידנאַרטיקייט פון טעמעס, די וואַריאירטע אַנדערשקייט פון די כסדר פאַרמערנדיקע ווערק — האָבן ניט דערוועקט קיין קשיות און האָבן ניט אָנגעוויזן אויף קיין סתירות. ס׳האָט זיך ניט געפילט קיין איבערברוך פון דער בולט־לעכער יהואש־ליניע ביים איבערגאַנג פון לידער צו די פאַבלען, פון דער דיכטונג צו פראָזע־ווערק, ביז צו דער איבערדיכטונג פון „האַ־יאַוואַטאַ" און פרקי אבות. און פון זיי צום תנך איז געווען אַ דער־וואַרטעטער צוטריט.

## ב

די וואָס לייענען נאָך עד היום „פּאָעזיע" אין ריטמען, וואָס מינדעריעריקע קינדער קענען עס דעמאָנסטרירן מיטן צוקלאַפּ פון פוס, קענען, פאַרשטייט זיך, ניט משיג זיין דעם אייגנטלעכן מהות פון יהואש׳ס פּאָעזיע און, במילא, קענען זיי ניט זען זיין שייכות צום תנך. אָבער די וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט יהואש׳ס כסדרדיקע פּאָעטישע אַנטוויקלונג, און האָבן געזען זיין מייסטערשאַפט פער־עקסעלענץ, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער אידישער דיכטונג, און זיינען באַוואונדערט פון זיין מערקווירדיקער באַהערשונג פון וואָרט, אויסגוס פון שורה און אויסשמעלץ פון פערז, און זיינען אַנטציקט פון דער ברייטקייט פון זיין טעמאַטישער פאַרנעמלעכקייט, פון זיין אוממיטל־באַרער שטענדיקער נייקייט פון טאָן, און פרישקייט פון שפראַך; פאַר די וואָס דערפילן אין יהואשס געזאַנגען דעם ריח פון זאַנגען, אָדער פון אויפגעוואָרפן היי, אָדער פון אַ נאַר־וואָס אויפגעאַקערט פעלד — פאַר די איז קלאָר יהואשס קרובהשאַפט מיטן תנך. פאַר זיי און פאַר מיר וואָלט געווען אַ וואונדערונג, ווען יהואש זאָל ניט געווען האָבן אונטערגענומען די מאָנומענטאַלע ווערק פון אידישער תנך־איבער־דיכטונג.

## ג

זיינען דען נויטיק דאָ ציטאַטן אויף צו באַשטעטיקן אָדער באַגרונטיקן אונזער טעזיס? נאָר אָט ליגט פאַר אונז אַ נומער „צו־קונפט", פון 1926־טן יאָר, און אין אָט־דעם נומער (פעברואַר) זיינען געדרוקט צוויי לידער פון יהואשן. וועל איך דאָ איינס ציטירן:

לא אשלחך כי אם ברכתני...

אין קורצן אויפלייכט פון אַ רגע האָב איך אַ געשטאַלט
געזען און האָב געזאָגט: „דו מאַכטיקער, דו קוואַל פון גנאָד
און קוואַל פון ליכטיקייט, איך האַלט דיך פעסט מיט אַלדער גוואַלט
פון מיינע ווייטיקפולע נעכט און טעג פון פיין באַגראָט;
איך שווער ביי אַלדער אַנגסט און גלוסט פון מיין געמיט, וואָס האָט
אין בלינדע וואַנדערניש, ניט געפינענדיק קיין האַלט,
געקרייזט אַרום דיר, ווי עס קרייזט אַ שפריי אין ווירבלראָד
אַרום דעם אומגעזעענעם אַקס; איך וועל דיין מאַנטלס פאַלד
ניט לאָזן פון מיין האַנט, ביז דו האָסט מיך געבענטשט"... און אָט
האָט אין מיין אויער וואונדערלעך אַ וואונדערשטראָם געקוואַלט.
דערנאָך איז אַלץ צערונען. פאַר אַ טויער צוגעפראַלט
געשטאַנען בין איך איינזאַם, אָן אַ זעאונג, אָן אַ ראָט,
נאָר דורך מיין זעל און מיין לייב האָט פול און העל געשאַלט,
ווי האַרנהילך אויף הויכע בערג: דיך האָט געבענטשט דיין גאָט.

דאָס ליד האָט אַלע כאַראַקטעריסטישע מעלות פון יהואש׳ס דיכטונג: פלינקע און פאַלקאָמע באַהערשונג און בויגונג פון וואָרט, פרישקייט פון שפראַך, איבערראַשנדיקע נייקייט פונם ריטם, וואונדערלעכע צונויפשמעלצונג פון אוניווערסאַלער פאַרנעמלעכקייט מיט פרימיטיווער פשטות, לייכטקייט און וואָגיקייט פון פראַזע, אַלטקייט און נייקייט פון מאָטיוו. און אַז דער מאָטיוו, און שפראַך, און זאַץ־געבוי, און וואָרט־אָפּקליב, ווייען אויף איך מיט הויך פון „חזון ישעיהו"—וועלן אַפילו עקשנים צוגעבן.

## ד

און דאָך וואָלט קיינעם ניט איינגעפאַלן, אַז איין מענטש, זאָל זיין אַפילו מיט יהואש׳ס אויסערגעוויינלעכער באַגאַבונג און ערודיציע, זאָל קענען דערוויַיזן אַן אויטאָריטעטע און קינסטלעריש־שאַפנדיקע איבערזעצונג פון דער גאַנצער ביבל. און מיין וואונדערונג איז, דעריבער, אַלעמאָל געווען: ווען און ווי אַזוי האָט איין מענטש געקענט דערוויַיזן אַפילו דורכצולייענען, אויב ניט די גאַנצע, לכל הפחות די וויכטיקסטע ווערק פון דער ביבל־ליטעראַטור, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין די פאַרשיידענע שפּראַכן פון די אַלערליי פעלקער, אין די

פילצאַליקע דורות. אַט־די עובדא, ווען ניט מער, מוז דאָך אוועקנעמען ביי אַ מענטשן אפשר צוואַנציק טויזנט פרימאַרגנס, בייטאָגן און פאַר־נאַכטן. היינט — אַז איינער וויל עס נאָך לייענען קנייטשנדיק דעם שטערן און מיט אַ בלייפעדער אין האַנט, וועט ער עס אין אַ לעבן ניט קענען באַוויזן.

און אויב נאָר אויף דורכלייענען, אָדער אַפילו דורכבלעטערן, די וויכטיקסטע ספרים און ביכער וועגן תנך איז ס׳לעבן פון איין מענטשן וויניק, היינט וויפיל־זשע מענטשן וואָלט מען באַדאַרפט האָבן אויף דער אַרבעט גופא?

די וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דעם ענין ווייסן, אַז ביבל־איבערזעצונג איז אַלעמאָל געווען אַן ענין פאַר אַן עדה לומדים, ערודיטן. פון דעם תרגום השבעים (סעפּטואַגינטאַ) אַן ביז די באַרימטע ביבלען פון קינג דזשיימס, קויטש, נאַוואַק און אַנדערע, זיינען כמעט אַלע וויכטיקע תנכן (מיטן אויסנאַם פון לוטערס) איבערזעצט געוואָרן פון אַ סך מענטשן־מומחים. און דאָ קומט איינער, אַ יחיד, באַלאָדן מיט צען בענד אַרי־גינעלע שאַפונגען, און האָט זיך אַנגענומען אַן די זיילן פון דעם תנך־בנין, האָט דעם גיגאַנט אַ טרייסל געגעבן, און — האָט אים גובר געווען.

ה

ניט פאַר כל עם ועדה איז עס פאַרגעקומען. הימלען האָבן זיך ניט געשפּאָלטן, און ימ׳ען האָבן זיך פון די ברעגן ניט אַרויסגעוואָרפן. די מלחמה איז אויסגעפאָכטן געוואָרן אין דער שטיל, אין די אייגענע פיר־אויף־פיר איילן. און אַזוי איז פאַרטיק געוואָרן אַ אידישער תנך, און טיילן פון אים האָבן, בשעתו — דאַכט זיך, אין אָנהויב צוואַנציקער יאָרן — געזומען זיך דרוקן אין „טאָג״.

איך פיל נאָך איצט דעם רושם פון יענע פאַרזעצונגען. מיט יעדן איבערלייענען אַ שטיק תנך יהואשס האָב איך געפילט דעם דרוק פון דער עלעקטריזירטער לופט אַרום און איבער מיר. כ׳האָב זיך גע־ריכט, אַז ווען־ווען, אפשר באַלד, אפשר מאָרגן וועלן אידן זיך צו־נויפריידן מיט די אויגן, מיט די הערצער און וועלן אַרויס אין די טויזנ־טער אויף אַ נאָך־ניט באַטראָטן פעלד און וועלן פאַנאַנדערוויקלען פאָנען, ריינע, ריינע פאָנען, און אַ מחנה קולות וועט אַרויסהילכן: יום־טוב, דו האָסט אונז געגעבן יום־טוב, דו, יהואש!

אָבער עס זיינען אַוועק וואָכן און צענער־וואָכן, און קיין יום־טובים האָט מען ניט פּראָקלאַמירט, און קיין מחנות פנימער מיט הילכנ־דיקע און שאַלנדיקע קולות האָב איך אין די ניו־יאָרקער גאַסן נאָך ניט באַגעגנט. זיינען פילע, און איך בתוכם, געבליבן דעמאָלט ביים בענקען נאָכן גרויסן יום־טוב.

און יהואשס תנך דרוקט זיך דערוויַיל פּרק נאָך פּרק, חומש נאָך חומש, ביז מיר האַלטן שוין ביַי ירמיהו.

און אַז די מאַסן זיַינען ניט אַרויס מיט ברויט און זאַלץ אויפנעמען דעם אידישן תנך, האָב איך געמיינט און געוואַרט, אַז די „לייטנדע גייסטער" וועלן נעמען ריידן, שריַיבן, אַנוויַיזן, אַנזאָגן; אָבער זיי האָבן זיך ניט אַרויסגעוויזן. די עטלעכע אַרטיקלען וואָס זיַינען מיר דעמאָלט אויסגעקומען צו לייענען וועגן יהואש׳ס תנך האָבן מיר אויסגעזען ווי „פּובליסיטי"־אַרבעטן. ס׳האָט זיך פון זיי אַרויסגעלייענט מער די „טובה" ווי די קריטיק. דאָס זיַינען געווען ציַיטונגסמעסיקע יוצא־וועגן־אַרטיקלען, אָבער ניט די דערוואַרטעטע פאַרשערישע און אַנאַליטישע ביבלישע אַרבעטן פון ערנסטן פאַרנעם. נאָר איינער איז געקומען — יהואש אַליין, מיט אַן עסיי: „דער תנך — דער מענטשלעכער בוך, דער בונד צווישן פעלקער". איז עס אַן עסיי געווען — לויט די בעסטע מוסטערן. האָב איך עס געלייענט און ווידער געלייענט. ניט געוואוסט, פון וואָס פריער זיך קוויקן. נאָר דערוויַיל איז מיר גאָר קלאָר געוואָרן עפּעס אַן אַנדער זאַך, אויף וואָס איך האָב זיך לאַנג געהאַט געוואונדערט: מיט וואָס און פאַרוואָס האָט דער תנך יהואש׳ן קיין רו ניט געגעבן, ד. ה. וואָס איז יהואש׳עס באַציאונג געווען צום תנך, ווען — אַנגענומען — ער זאָל עס אַפילו ניט געווען אין זינען האָבן צום איבערזעצן? אָט פון דער פראַגע האָט מיך די עסיי באַפריַיט. פאַר יהואשן, דעם דריַיענדיקן יהואש: איד, מענטש און דיכטער, איז דער תנך די גרעסטע אידישע נאַציאָנאַלע שאַפונג און אין דער זעלבער ציַיט איז עס דער בנין פון דער גאַנצער מענטשהייט. ס׳איז דער ספר, וואָס איז געגאַנגען דירעקט און אָפן, מיט זיכערע און הימלעכע שפּאַנען און האָט געוואונען דעם צוטרוי, און האָט געפונען דעם צוגאַנג צו דעם געפיל און צום מוח, צום געמיט און צו דער פאַנטאַזיע פון הונדערטער פעלקער אין משך פון מער ווי הונדערט דורות. ס׳איז דער ספר, וואָס האָט געבראַכט און ברענגט טרייסט, און פרייד, און דערלייזונג, און דערהויבונג, און דערליַיכטערונג, און באַפריַיאונג, און אָפּרו, און אויפברויז צו יחידים פון פאַרשיידענע אינטעלעקטועלע מדרגות, צו מענטשן מיט קעגנגעזעצטע עטישע פּרינציפּן און מיט היפּוכדיקע עסטעטישע קאַפּריזן, געשמאַקן און השגות.

יהואש זעט אין דעם תנך דאָס גרעסטע געטלעכע ווערק און גרעסטע מענטשלעכע בוך, וואָס האָט אינספּירירט יחידים און גרופּן צו די גרעסטע און דערהויבנסטע טרוימען און מעשים, און איז אויסגענוצט געוואָרן פאַר די געמיינסטע אָפּטועכצן. אַ ספר, וואָס איז געוואָרן אויסגעטליִעט פון די פּרימיטיווע עברים־שבטים, איז געוואָרן דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין דער אויסשמעלצונג פון די מאָדערנסטע שפּראַכן. די ריַיכע און פעטע פאַרבן און קוואַליקע זאַפטן פון תנך

האָבן באַפעסטיקט די אינטערפעלקערלעכע ליטעראַטורן און שפּראַכן פון דעם גאָר אַמאָל ביז דעם לעצטן איצט.

אַרום דער זעלבער צייט איז אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ בריוו, אין וועלכן יהואש דריקט זיך אויס אינטימער און קאָנקרעטער וועגן זיין לעבנס־אַרבעט. ער דער־קלערט זיין ציל: „צו שאַפן אַ תנך, וואָס זאָל, פון איין זייט, זיין אָנגע־זאַפּט און אָנגעפּרוכטיקט מיט אַלע זאַפטן און רייכקייטן פון דעם פאָלק־לשון, אין אַלע זיינע דיאַלעקטן, און פון דער אַנדערער זייט — די נייעסטע טעקסט־געטרייסטע און געטריסטע איבערגעבונג פון דעם העברעאישן אָריגינאַל; פון איין זייט — אַ מוסטער־בוך פון אונזער לשון, און פון דער אַנדערער — דער שטאָלץ פון דער אידישער ליטעראַטור, אַז דווקא אין איר געפינט זיך דער בעסטער תנך פון דער וועלט (איך וואָלט געוועזן גליקלעך, אויב איך וואָלט וויסן, אַז איך האָב כאָטש צו אַ גע־וויסן גראַד דערגרייכט). אַ תנך, וואו אַלע פאַרגליווערטקייטן זאָלן ווידער פליסיק געמאַכט ווערן, וואו דער אָריגינעלער ריטם (סיי דער גרעסערער ריטם פון איטלעכן ספר באַזונדער, ווי דער ריטם פון בראשית, אָדער דער ריטם פון קהלת, א. אַז. וו., סיי דער ריטם פון איטלעכן זאַץ, — ריטם אין דעם ענגערן זין) זאָל פאַכן ווי אַ לעבעדיקער ווינט דורך די ווערטער און די שורות".

## ו

די עסיי און דער בריוו, וואָס האָבן מיר, פון איין זייט, דערקלערט פיל אומקלאָרקייטן בנוגע יהואש'ס צוגאַנג צום תנך און צו דער איבערזעצונג, האָבן מיר, פון דער צווייטער זייט, פאַרשטאַרקט מיין חשק צו באַטראַכטן די לאַבאָראַטאָריע, וואו ס'ווערט געשאַפן אַזאַ מוסטער־און־מייסטער איבערזעצונג, וואָס, ערטערווייז, האָט מיר דע־מאָלט, אין מיין צעהיצטער באַגייסטערונג, אויסגעזען ווי זי באַזיצט מער געדיכטקייט אין פאַרב, מער קרעפטיקייט אין אויסדרוק, מער טרעפלעכקייט און אויסקלייב פון וואָרט, איידער אַפילו אין אָריגינאַל, און אַוודאי און אַוודאי פון מיין רבינס טייטשן און פירושים אויף חומש און „שוואַרבע".

מאַכט זיך, און די „השגחה" באַשטימט, אַז צו יענער צייט זאָל איך דאַרפן זען יהואשן וועגן אַ וויכטיקן ענין. בעת איך בין אַריין, האָט יהואש געהאַלטן אין ריידן מיט עמיצן אויפן טעלעפאָן, האָט ער מיר געבעטן אַריינצוגיין אין זיין אַרבעט־צימער און צוואַרטן. האָב איך אויסגענוצט די פּאָר מינוט, אויף אַרומקוקן דאָס הויז און די מכשירים. דאָס ערשטע האָב איך זיך צוגעכאַפּט צום טיש, ביי וועלכן קענטיק, יהואש איז געזעסן. אויפן טיש זיינען געווען אָנגעלייגט, אין

אומאָרדענונג, תנכ׳ן אין אַלערליי פֿאָרמאַטן, אין עטלעכע שפּראַכן; אַ משניות אויף אידיש, אַ צייטשריפֿט פֿון מאָדערנע העברעאישע פּאָעטן, אַרויסגעגעבן אין ארץ־ישראל, אַ גאַר־וואָס דערשינענע כרעס־טאָמאַטיע פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, קאָרעקטורן פֿון זיין תנך, עטלעכע ענגלישע זשורנאַלן און אַ גלאָז טיי. אויף אַ באַנק לעבן טיש זיינען געווען אָנגעוואָרפֿן אַמעריקאַנער און אויסלענדישע צייטונגען. פֿון די אויסלענדישע, האָבן זיך אַרויסגעזען דער מאָסקווער „עמעס״, די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער״ און אַן אַרגענטינער צייטונג. ווען יהואש האָט געענדיקט ריידן אויפֿן טעלעפֿאָן, האָט ער מיך שוין דערוויסט איינגעגעסן מיט די אויגן אין די פּאָליצעס ביכער און ספרים, וועלכע האָבן צוגעגעבן דעם הויז אַ רבנישן אויסזען. באַמערקנדיק מיין אינטערעס אין זיין ביבליאָטעק, האָט ער מיר גענומען וויזן זעלטענע ביכער.

יהואש דערציילט מיר, אַז די מערסטע ביכער זיינען אַנטליענע. יעדעס בוך, וואָס פֿאַרנעמט פּלאַץ אויף זיין פּאָליצע, דערקלערט ער מיר, האָט אַן ערשט־קלאַסישן ווערט. ביכער קריגט ער פֿון אַלערליי קוואַלן, פֿון פֿאַרשיידענע אידישע שיכטן, מערסטנטייל, פֿון יאַהודימשע אינסטיטוציעס, ווי דער אידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר, דראָפּסי קאָלעדזש, וויז׳ס אינסטיטוט, א. אַז. וו., און אויך פֿון איינצלנע רבנים און געלערנטע.

ער וויזט מיר דאָן ביבלען אין כמעט אַלע מאָדערנע שפּראַכן, אין וועלכע ער קען, אגב, זיי אַלע לייענען אין אָריגינאַל. אין ענגליש אַליין זע איך דאָרט אַ מאַסע פֿון פֿאַרשיידענע ביבל־אויסגאַבן. דער ניט־פֿאַכמאַן וועט דאָרט טרעפֿן אַ ריי אינטערעסאַנטע ביכער, רבנישע חבורים, מוסר־ספרים אויף אידיש, פֿון וועלכע די מער־פּאָפּולערע זיי־נען: קב הישר, מנורת המאור, חיי אדם, שבט מוסר, חובת הלבבות, אַלערליי תחינות און מחזורים, א. אַז. וו.

אַם שטאַרקסטן געדענקען זיך: די ערשטע פֿולשטענדיקע אידישע איבערזעצונג פֿון גאַנץ תנך, פֿון וויצענהויז און בליץ, אַרויסגעגעבן צווישן די יאָרן 1670־80, אין אַמסטערדאַם; שפה ברורה—דעם ערשטן אידישן ווערטערבוך אין פֿינף שפּראַכן: איטאַליעניש, לאַטיין, העבריי־איש, פֿראַנצויזיש און אידיש.

מיר זעצן זיך דאָן אַוועק, און ער בעט זיין פֿרוי, פֿלאָראַן, — וועלכע זיצט אַנטקעגן אונדז אין אַ צווייטן צימער און לייענט קאָרעקטורן, — צו דערלאַנגען טיי.

דערווייל וויזט ער מיר אַ שטעקל מיט אַ זילבערן קעפּל, אויף וועלכן עס איז אויסגעקריצט דער ערשטער קאַפּיטל פֿון קאָראַן, וואָס יהואש האָט ספּעציעל פֿאַר זיך באַשטעלט, זייענדיק אין עגיפּטן.

איך באַמערק אויף די ווענט העגנען עטלעכע אַראַבישע שריפֿטן,

וואס דערמאנען מיך אן די מיסטעריעזע ווערטער: „מנא, מנא, תקל ופרסין", וואס האבן בשעתם, אנגעווארפן א מורא אויף בלשצר מלך בבל. איין אראביש שריפט לייענט מיר יהואש איבער: „אסאבר מיפטאך על פארדוש" — געדולד איז דאס שליסל פון פרייד. א צווייט שריפט אנטהאלט א בריוו, וואס מחמד האט געשריבן צו א געוויסן אביסינישן פירשט, ער זאל זיך איבערקערן צום איסלאם, געשריבן אין 7־טן יארהונדערט, אינם אלט־אראבישן אלף־בית.

אט־די אלע זאכן האבן מיר געוויזן, אז יהואש האט, ווי מען זאגט, א „שוואכקייט" צו אראביש, און, איבערהויפט, צום קאראן. און אזוי, צווישן די הייליקע אראבישע ווענט־אויפשריפטן, צווישן פול־געפאקטע פאליצעס פון אלטע, נייע, זעלטענע און אנטיקווארע ביכער, צווישן אנגעלייגטע טישן מיט צייטונגען, ביכער, זשורנאלן, נאטיץ־ביכלעך, שמות, שרייב־מאשינקע, ספרים און טיי — אין אט דער אטמאספערע— מאכט צו מיר יהואש, — פלעג איך ארבעטן ביז גאר ניט לאנג צוריק צו פופצן און זעכצן שעה א מעת־לעת.

עס האט מיך געוואונדערט און געפרייט, ווי יהואש׳ס רייד, זיין שטים, איז געטראגן געווארן מיט אזוי פיל יוגנטלעכער קראפטיקייט, שארפקייט, שניידיקייט, כאטש מיט ניט ווייניקער אריסטאקראטישער עלאקווענץ און עלעגאנץ. יהואש האט זיך א ווײלע פארטראכט, און דאן אנגעהויבן:

— וואס הייסט אין אייערע געגנטן דאס ווארט לאנטוך?

— א שמאטע.

— א שמאטע, צי א זאק?

— אן אלטער זאק, א שמאטע, א צעריסענער זאק.

— שק און אמתחת—מסתמא איז דאך אמתחת א ביסל אנדערש ווי שק, כאטש אין ענגליש, דייטש, פראנצויזיש, אראביש, רוסיש, און אין א צענדליק אנדערע שפראכן ווערן זיי ביידע פארטייטשט: זאק. אין איטאליעניש, אבער, ווערט אמתחת פארטייטשט מיט אן אנדער ווארט.

— ווי גיבן זיך אייך איין די ווארט־שפילן (לשון נופל על לשון), מיט וועלכע די תנך־שפראך איז אזוי רייך?

— איך פרוביר אין פיל פאלן, אויך אין אידיש, שאפן אן ענלעך ווארט־שפיל. אט, צום ביישפיל, וכלי כליו רעים (אין ישעיהו, ל״ב, ז׳), איבערזעץ איך: „דער גייציקער, זיינע געציייג זיינען שלעכט (כלי — כליו, גייציקער — געצייג). אדער, צום ביישפיל: פחד ופחת, וואס דער רבי פלעגט עס, געוויינלעך, פארטייטשן: „א שרעק און א גרוב". איך איבערזעץ עס: „א גרויל און א גרוב". די צוויי זעלבע ערשטע אותיות „פח" פון „פחד־פחת" האבן אין אידיש אן אנדער שפיל: „גר" — גרויל־גרוב.

ער גיט זיך פּלוצלונג אַ ווענד צו זיין פרוי אין דעם אָפענעם אַנטקעגנדיקן צימער:

— פלאָראַ, פאַרצייכן, אַז קרייטעכץ שרייבט מען צום סוף מיט אַ לאַנגן צדיק, און ניט מיט קיין „טס״.

ז

איך שלאָג אים איבער:

— שטערט ניט דער תנך אייער אייגן שרייבן?

— מיין אייגן שרייבן? אמת, איך בין איצט פול מיט אַלערלײי זע־אונגען און רעגונגען. כ׳האָב איצט געקענט, ווען כ׳וואָלט געהאַט פאַר דעם די צייט און דעם ווילן, אָנשרייבן אַן אַ צאָל ביכער. אַלערלײיע־רישע ביכער. אָבער וואָס פאַר אַ פאַרגלייך, וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט עס מיטן תנך? אַרויסברענגען איין פסוק צו מיין צופרידנקייט וועט מיר ברענגען מער אויפלויכטונג און זעלישע באַפרידיקונג, ווי דאָס אויפשרייבן צען אייגענע לידער.

— וואָס האָט איך געגעבן דעם כוח און אויסדויער צו קענען איינער אַליין, טאָג אין טאָג, אַרבעטן אויף איין און דעם זעלבן ווערק, גריבלען זיך שעה׳ן לאַנג אין אַלערלײי אותיות און ווערטער?

— אמונה. דאָפּלטער גלויבן: אין דער נאָך אַלץ שאַפנדיקער השפעה פון תנך און אין די אומגעהויערע אַנטוויקלונג־מעגלעכקייטן פון אידיש. וועגן מיין באַוואונדערנדיקן קוק אויף תנך, האָט איר, מסתמא, געלייענט מיין עסיי אין „טאָג״. וויל איך אייך דאָ נאָר דער־קלערן, וואָס דער אידישער תנך וועט אויפטאָן פאַר דער אידישער שפּראַך. מיטן תנך האָט זיך אָנגעהויבן די שפּראַך. נאָך אין 13־טן יאָרהונדערט האָבן זיך קאַפּיטלען און שטיקלעך ביבל אָנגעהויבן איבערזעצן אין אידיש פאַר ווייבער און ישובניקעס. אידיש איז גע־קומען צוליב אַ הכרח, צוליב באַפרידיקן די נויטן פון פאָלק, און אין דעם ליגט דער כוח און די באַרעכטיקונג פון אידיש. אָבער ניט געקוקט וואָס אידיש איז שוין איבער זעקס הונדערט יאָר אַלט, פעלט דאָך אונז אַפילו אַזאַ זאַך ווי אידישער סטיל. אַט זיינען צוויי סטיל־עקסטרעמען: דר. זשיטלאָווסקי און שלום־עליכם. ווען מען וועט, אָבער, איינפאַלן צו לערנען אַ קינד צו ריידן אין סטיל פון שלום־עליכם אָדער זשיטלאָווסקי? סטיל וואָס מען קען עס ניט נאָכמאַכן איז אַ סטיל, אָבער ניט סטיל. ס׳איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אינדיווידועלער סטיל, וואָס דאָס האָבן מיר לרוב, און גרונט־סטיל, וואָס דאָס האָבן מיר נאָך דער־ווייל ניט געהאַט. דער גלייכגעוויכטיקער סטיל דאַרף ערשט געשאַפן ווערן. מיט מיין איבערזעצונג האָב איך געוואָלט שאַפן אַ תנך־סטיל, וואָס זאָל ווערן דער אידישער גרונט־סטיל, וואָס זאָל געבן אונזער שפּראַך אַ רוקנביין, — אַ זאַך וואָס זי האָט ביז איצט ניט געהאַט. די

אראבער האבן דעם קאראן פאר א חוט־השדרה פון זייער לשון. די אנגלא־זאקסישע לענדער און פעלקער — שעקספיר און תנך. לוטערס דייטשי־שע איבערזעצונג — פאר דער דייטשישער. דער אידישער תנך דארף ווערן, און וועט, האפנטלעך, ווערן אונזער חוט־השדרה.

ווען איך מיין, אז דער תנך־סטיל וועט זיין דער גרעסטער אידי־שער פאקטאר אינם שאפן פון א שיינעם און ווירדיקן אידיש, הייסט עס, אבער, ניט, אז איך האלט, אז אלע זאלן אנהויבן שרייבן אינם ביבל־סטיל. פונקט ווי מיר דארפן האבן מער אבזערבאציע פון פאר־עלטערטע און אלטלעכע אויסדרוקן, אזוי מוזן מיר האבן תמיד אנפלוס פון פרישע ווערטער, פון נייע בויגונגען. אידיש האט אומגעהויערע אנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן. אידיש האט זייער פיל מעלות. איינע — די מסוגל׳קייט פון פארענדערלעכקייט. דאס איז אויך דער קוואל, וואס מאכט אזוי רייך די ענגלישע שפראך. דער ענגלישער „סלענג״ באַ־זאפטיקט און באפרישט דעם טיילוויז־פארגליווערטן בוך־לשון.

ס׳איז כאראקטעריסטיש, אז ביי די נייעסטע ענגלישע דיכטער, און ביי א טייל אידישע, שפירט זיך א נאענטקייט צום ביבל־סטיל. די נייע פאעזיע, מיט איר דירעקטקייט, מיט איר געפּוצטקייט, מיט איר דראנג נאך עטישן אינהאלט, איז א דערנענטערונג צו דער פאע־זיע פון תנך.

— האט איר געקראגן וועלכע עס איז הילף פון די אידישע שרייבער?

אויף דער פראגע האט יהואש דירעקט ניט געוואלט ענטפערן. איך האב פארשטאנען, אבער, אז אחוץ געציילטע עטלעכע, האבן כמעט אלע איבעריקע אידישע שרייבער אין אמעריקע, און אפילו אין אייראפע, ניט געגעבן יהואשן, אין אזא ריזיקער ארבעט, קיין מינדסטע הילף. מען פלעגט אפילו קיינמאל קיין עצה ניט צושיקן. קיין באמערקונג. פון זייטיקע מענטשן, ווי רבנים, געלערנטע, א. א. איז יא ארויסגעוויזן געווארן א געוויסע פאראינטערעסירטקייט. יהואש האט, אבער, אויף די שרייבער קיין הארץ ניט געהאט. פארקערט, ער האט זיך מיט אלץ און מיט אלעמען פון דער שרייבערישער בראנזשע ביי אידן אינטערע־סירט. ער דערציילט מיר, אז פון גאר דער וועלט שיקן שרייבער אים צו ביכער און צייטשריפטן. און אלץ לייענט ער. און קען דערפאר טאקע דעם אינגסטן שרייבער. איך האב זיך געוואונדערט, אז קומענדיק בלויז איין מאל אין א יובל אין די קאפע־קרייזן, איז ער דאך אינפארמירט וועגן די אלץ־ארומנעמענדיקע ליטערארישע פלענער און טועכצן, און איז באהאוונט אפילו מיט די דעביו־ארבעטן פון דעם אינגסטן שבאינגסטן. ער האט מיר דערמאנט נעמען פון אנפאנגער, וואס ניט אלע פון די שטענדיקע קאפע־זיצער וואלטן זיי געוואוסט.

אין לויף פון געשפרעך האב איך באמערקט ווי יהואש האט ליב

צו באַנוצן אַפּט די ווערטער „זאַפּט", „פּעטקייט" און „כוס וויין". כ'האָב געמיינט אַז אַ מענטש רעדט אַזוי אָפט און מיט אַזוי פיל מתיקות וועגן וויין, זאָל ער טאַקע פון צייט צו צייט מטעים זיין אַ ביסל. כ'האָב אָבער, נאָכדעם דערזען, אַז וואָס מער ער רעדט וועגן וויין, אַלץ אָפטער טרינקט ער — טיי.

ח

עס האָבן מיך געוואונדערט די פּעק קאָרעקטורן, וואָס האָבן זיך אָנגעזען אין יעדן צימער, און איבער וועלכע כמעט אַלע הויז־לייט האָבן מיט חשק און שטילער אינטענסיווקייט געאַרבעט. האָט מיר יהואש מגלה־סוד געווען, אַז דאָס זיינען „פּרואוון" פון זיין חומש, וואָס דרוקט זיך שוין אין בוך־פאָרם, און אַז מיר וועלן אין אַ דריי חדשים אַרום שוין קענען אים האַלטן אין האַנט.

ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז דער חומש ווערט געזעצט אויף אַ ספּעציעל־אויסגעגאָסענער שריפט. ס'ווערן געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען, אַז אינם גאַנצן חומש זאָל אַפילו קיין איין טעות הדפוס ניט זיין. יעדע קאָרעקטור ווערט געלייענט פון זעקס מענטשן (יהואש, זיין פּרוי, טאָכטער, שוועסטער, פּלימעניצע און איין פּרעמדער). עס וועלן געגעבן ווערן פיר אַזעלכע קאָרעקטורן. ד. ה., אַז יעדע שורה, יעדעס וואָרט און אות ווערן איבערגעקוקט פון פיר און צוואַנציק פּאָר אויגן.

אויסערגעוויינלעכע באַמיאונגען זיינען אויך געמאַכט געוואָרן, אַז מען זאָל ניט „ברעכן" קיין ווערטער, ביים איבערטראָגן פון איין שורה אין דער צווייטער.

ט

פון מערקווירדיקן אינטערעס זיינען מיר געווען די אַלערליי הערות און הגהות, וואָס פלעגן, אין דער שטיל, צוגעשיקט ווערן פון די פּרויען, קאָרעקטורן־לייענער. די מערסטע באַמערקונגען האָבן געוויזן אויף לומדות און באַהאַוונטקייט אין דעם ענין.

און בעת אַהיימגייענדיק האָבן זיך מיר געפּלאָנטערט אין מוח אַלערליי בילדער און זעאונגען, מיט וועלכע מיין מוח־אַפּאַראַט איז געווען אָנגעפּילט ביזן מאַקסימום, איז פון מיינע אויגן אויך ניט אָפּגעטראָטן דאָס בילד פון פּרויען ביי דער אַרבעט פון תנך, וואָס דאָס האָט מיך דערמאָנט אָן יענע גאונישע פּרויען פון גרויס־רבנישן אָפּשטאַם, מיט טיף־תלמודישער ערודיציע, צו וועמען גדולי הדור פלעגן קומען נהנה זיין פונם „שיין פון דער תורה".

# אברהם ליעסין

דעם מינסקער עלוי אברהם ליעסין איז מסתמא באַשערט געווען צו קענען פאַרענדיגן זיין פיל־שאַפערישן לעבן מיט אַ וואָרט־מאָנומענט נאָך זיין כמו־יהונתן פריינט ברוך וולאַדעק. זיין זודיגע טרער הייסט טאַקע:

## „ברוך וולאַדעק

„ער איז געווען, מיין פאָלק, דער שקלאַף דער צוגעשמידטער*)
אויף אייביג צו די וויעסלעס פון דיין שטורעם-שיף;
צי האָט געווילדעוועט אַנטקעגן אַ געוויטער,
צי האָבן אויפגעקראַכט די גרונטן אין דער טיף —
ער האָט די וויעסלעס פון די הענט
אַרויסלאָזן שוין ניט געקענט.

„ער האָט די שקלאַפהייט פרייוויליג זיך אויסגעקליבן,
זיך צוגעשמידט צום האַרטן דינסט נאָך יונגערהייט,
און ריטערלאַך און מיט אַ שמייכל מיט אַ ליבן
אַ לעבן האָט ער אָפּגעטראָגן שווער די קייט,
און אַלץ געראָדערט נאָכאַנאַנד
צו ערגעץ אַ פאַרשפּראָכן לאַנד.

„ער האָט זיך מיט די שטורעם-פויגלען בראַוו פאַרמאָסטן,
אין גרויסער אָנשטרענגונג, פון גרויסן — אַלץ באַזועלט,
ביז אויסגעשעפּט געפאַלן איז ער אויף זיין פּאָסטן,
ביז טויט-קאַלט האָט זיין וואַרעם-האַרץ זיך אָפּגעשטעלט —
און אַלץ די וויעסלעס אין די הענט,
אַ צוגעשמידטער ביזן ענד."

און — דאָס טינט פון אברהם ליעסינס עלעגיע אויפן יונג־פאַרשניטענעם לעבן פון ב. וולאַדעק איז נאָך ניט טרוקן געוואָרן, ווי די פאַטאַלע האַנט האָט אויך אויסגעלאָשן דאָס ליכט פונם גרויסן הײַנט־צייטיגן מקונן — אברהם ליעסין.

אין דער שוואַרצער וועלט־ראָם פון אַקצענטירטער גוייאישער

*) אין אַלטע רוים פלעגט מען די שקלאַפן ווי אַ שטראָף צושמידן צו די וויעסלעס פון די דאַמאָלסדיגע שיפן און ביז זייערע לעצטע כחות פלעגן אויסגיין פלעגן זיי מוזן רודערן.

גרויזאַמקייט — ווי דאָס יאָר 1938 וועט פאַרצייכנט ווערן לדורות — האָבן זיך,ליידער, צו־בולט אָנגעזען די שטריכן פון פאַרשניטענע אידישע שרייבער־פיגורן פון אַמעריקע. האָט דאָס, קענטיג, דעם שניטער נאָך אַלץ ניט געזעטיגט, ביז זיין שאַרף האָט אויך אברהם ליעסינען געגרייכט.

די פאַטאַלע האַנט האָט, אָבער, נאָר געקענט האָבן איר שליטה איבער דאָס ערדישע פון ליעסינען. די מלוכה פון זיין וואָרט, אָבער, וואָס האָט געבראַכט די אידישע מאַסן אי וואָרנונג, אי טרייסט, איז פאַר איר פאַררינגלט. און אין געדעכעניש פון אָט־די מאַסן וועט לעבן דער ליעסין, לכבוד וועמען זיי האָבן ערשט מיט צוועלף יאָר צוריק געפייערט זיין 40־יעריגן ליטעראַרישן יובל און וועלכע זיינען דאַן דאַנקבאַר געווען פאַר דער געלעגנהייט וואָס האָט זיי ענדלאַך צוגע־שפילט צו קענען אויסלאַדן די פולע מעסטלאַך אַנערקענונג, וואָס האָט זיך אָנגעשפייכלערט ביי זיי פון יאָר אויף יאָר אין משך פון פולע צוויי דורות.

אין אָט־די מאַסן וועט לעבן ליעסין, ווי איינער פון די ערשטע, וועמעס שטורמישער „ביין" האָט דורכגעדונערט און דורכגעבליצט איבער דער גאַרער אידישער ראַדיקאַלער וועלט, בעת איבער דער לעצטער האָבן זיך, אין רויבערישן אימפעט, ווי אויסגעהונגערטע ראָבן, אַ וואָרף־אַרויף געגעבן די רעוואָלוציאָנערע אַסימילאַציע־פּרעדיגער און זעמלמעל־מעסיגע קדוש־קדוש אינטערנאַציאָנאַליסטן.

אין אָט־די אידישע מאַסן וועט לעבן דער אברהם ליעסין, וואָס האָט געהאַלטן הויך און ריין די פאָן פון ערלאַכן אידישן וואָרט, פון קעמפערישן אידישן וואָרט, אין יאָרן ווען פּאַרטיי־היסטעריקע האָט געפּירט די גרענדע אויף דער היגער אידישער אַרבעטער־גאַס און צווישן מענטשן וואָס האָבן אַזוי פלינק דערוואָרבן די איידעלע מלאכה פון צושטעלן שער־און־קלעפּ־ געדאַנקען פאַרן שער־און־אייזן־פאָלק, אין אַזוי־פיל און אַזוי־פיל, פאַר אַזוי־פיל און אַזוי־פיל.

אין זכרון פון אונזער פאָלק וועט לעבן דער אָנדענק פון אברהם ליעסין, וואָס אַלס גרויסער סאָציאַלער דיכטער איז ער גלייכצייטיג וואָך געווען איבער די נאַציאָנאַלע ראַנגלענישן פון פאָלק און איז, אַזוי אַרום, אויך געווען דער גרויסער נאַציאָנאַלער אידישער פּאָעט, וואָס האָט זיך געפונען זיכער און היימיש אויף די עפּאָכע־כוואַליעס פון דער ריזיגער אידישער ים־געשיכטע, ווי אַ גוט־געאיבטער און זיכערער שווימער ביי די ברעג־וואַסערן פון זיין היים־שטאָט.

ביי אָט־די אידישע מאַסן וועט בליען אין געדעכעניש אברהם ליעסין, דער שמידער פון הימנע־וואָרט, דער מייסטער פון הימנע־

פערז, וואָס האָט באַוויזן אויסצושמידן רינגען אויף רינגען פון הימנע פאַר מאַרטירער־פאָלק, געשעפּט פון מאַרטירער־גייסט אויפן וועג פון מאַרטירער־קאַמף.

אין זכרון פון פאָלק וועט לעבן אברהם ליעסין פאַר זיין דרך פון שרייבן אידיש און פאַר זיין אייגענעם אופן פון קאַמף פאַר אידיש — ניט ווייל ס׳איז לשון אידיש, נאָר פאַר זיין געוואָרצלט־קייט אין אידישן לעבן, אין וועלכן גוף, אידיש — די שפּראַך — איז איצט אַ נאָרמאַל־פונקציאָנירנדיק גליד, פונקט ווי דער אַראַמיי־אישער אידיש איז עס געווען אין דער תלמודישער עפּאָכע און דער העברייאישער אידיש — אין צייט פון די נביאים.

ביים אידישן פאָלק וועט לעבן אברהם ליעסין, וואָס האָט מוט געהאַט צו שעפּן פון דער אידישער געשיכטע און פאַר זיין איינער פון די געציילטע אין דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור, צו אויפ־טורעמען פאַר אונז אַ ריי היסטאָרישע העלדן, פאָלקס־פיגורן און רעוואָלוציאָנערע אויסלייזער.

אין האַרץ און אין מוח פון די אידישע מאַסן פון דער גאָרער וועלט וועט לעבן דער אברהם ליעסין, וועמעס שלל אַרטיקלען און לייט־אַרטיקלען איבער טעמעס, וואָס האָבן אויסגעזען צו האָבן שוין געהאַט פאַרטעמפּט דעם לייענער פון די שער־און־קלעפּ געדאַנקען און וואָס האָבן אין ליעסינס אופן פון באַהאַנדלען דעם ענין, אויס־געראַכערט דעם שאַבלאָן, אויפגעפרישט די טעמע און אָפּגעמינטערט דעם לייענער.

ביי די אידישע מאַסן וועט לעבן אברהם ליעסין, ווי דער רעדאַק־טאָר פון גרעסטן אידישן חודש־זשורנאַל, וואָס איז געוואָרן אַ וויכ־טיגער ליטעראַרישער וועלט־צענטער.

אין דעם דורכגעזיפּטן אוצר פון אידישע ווערטן וועט דער נאָמען ליעסין צוגעהעפט ווערן ווי אַ גאָלדענער רינג אין דער קייט פון גרויסן און אייביגן אידישן שאַפן.

# ישראל מאַץ

## א

זאַט אין יאָרן, און געלאָדן מיט מעשים טובים, מיט אַ רומפּולן נאָמען, וועלכער וועט אין אַ ריי אידישע קרייזן נאָך לאַנג געדענקט ווערן, איז די טעג איינגעזאַמלט געוואָרן אין זיין פאָלק איינער פון די דערפאָלגרייכסטע אידישע אינדוסטריאַליסטן און איינער וואָס איז געווען אַן אינספּיראַציע צו צענדליקער אידישע שאַפער פון זיין דור. צו אַ קאָמבינאַציע פון תורה און גדולה אין איין מענטשן איז לאו כל אדם זוכה. און נאָך אַ גרעסערן זכות דאַרף מען האָבן צו באַזיצן עושר, חכמה און פרינצלעכע אידלקייט גם יחד. און דעם אויסנאַמלעכן זכות האָט געהאַט דער נאָר־וואָס פאַרשטאָרבענער אינדוסטריאַליסט, משכיל און מעצענאַט — ישראל מאַץ ע״ה.

## ב

פון קאַלוואַריע האָט ישראל מאַץ נאָר מיטגעבראַכט אַהער זיין קאָפּ און זיין האַרץ. דעם חלום פון פאַרמעגן האָט ער אפשר אויך מיטגעפּעקלט פון זיין רוסישן שטעטל. אָבער דעם רכוש אַליין האָט ער—מיט מיאיקע הענט—דערוואָרבן אין מעשהלע־לאַנד פון פאַנ־טאַסטישע דערקלעטערונגען. ניט איינער פון מיינע פריינט אין דער היגער אידישער שרייבער־מלוכה געדענקט אים ביים אָנהויב פון קליין־געשעפט — צו געווינען דעם צוטרוי פון די וויינענדיקע קינ־דער, אַז זיי זאָלן זיך אַנטשליסן צו נעמען גערן זיין שאָקאָלאַדנע רפואה, דעם איצטיקן וועלט־נאָמען גרייכנדיקן „עקס־לאַקס״. און — מיט דער רעקלאַמע־הילף פון דער אַמעריקאַנער אידישער פּרעסע איז אים געלונגען איינצושטילן די „וויינענדיקע קינדער״, און פאַר־זיסן זיי די רפואה שלמה מיט דער אילוזיע פון אַ פיין שטיקעלע שאָ־קאָלאַד. און אַמעריקע — דער ריז פון אַלע לענדער — וועמעס בריי־טע האַרץ ווערט ווייך און נאָכגיביק ביים סאַמע אויפשפּיל פון קינדישן טרער — האָט, קענטיק, אָפּגעשאַצט די ווייט־זעעוודיקייט פון דעם סוחרישן טרוימער און האָט אים קאָמפּענסירט מיט אַ מולטי־מיליאָניקן פאַרמעג, וועמעס אָנזעעוודיקע פּראָצענטן ער האָט מיט פרייד צוריק־

געבראַכט צו די שוועלן פון די תנוקות של בית רבן. און וועגן אַט־די פּראַצענטן איז כדאַי דאָ מאריך זיין מיט אַ וואָרט.

## ג

ניטאָ נאָך די שטאָט, און ניטאָ נאָך די גאַס וואָס קען אייך ניט אַנדערציילן מעשׂות אויף מעשׂות פון שיך־פּוצער וועלכע זיינען איבער נאַכט ממש אין פּריצים פאַרוואַנדלט געוואָרן. אין אַמעריקע איז דאָס אַ מעשׂה בכל יום. ווייל אַמעריקע איז נאָך אַלץ דאָס געגאַרטע לאַנד, וואו „דאָס לעבן שטייגט אַריבער דעם דיכטערס דמיונות." דעם מענטש פון קולטור און פון גייסט — פאַר ועמען געלט לשם געלט האָט גאָר ווייניק ווערט און נאָך ווייניקער זין — אינטערעסירט אָבער די פראַגע: וואָס טוען די נעכטיקע ראַקעפעלערס און די מאָרגנדיקע מאָרגאַנס מיט דעם מאָנסטערהאַפטן אַנזאַמל פון גיטער אויף גיטער? און, ווי עס זעט אויס, פאַרשטייען זיך די היגע גרויס־אינדוסטריאַליסטן אויף די פאַרבאָרגענע מחשבות פון די דיכטער און פון די טרוימער, און זיי פּלייסן זיך אין אויפטורעמען וואָס העכערע „פאַונדיישאַנס" און צו גרונטיקן וואָס טיפערע בנינים פאַר איר מאַיעסטעט, די קולטור, און וואָס מער טעמפּלען סאָלידע — פאַר קונסט לשמה. און — ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי (— דאַרף זיין אַזוי —) אידלט זיך. אָבער, אין פאַל פון דעם עם־הספר, האָט זיך ניט אַזוי געאידלט. די אידעלע געשטאַלט פון דעם אַמעריקאַנעם ניט־אידישן מעצענאַט האָט, ליידער, ניט אינספּירירט די ווייניקער איינגעזעסענע אידישע שכנים. דער אַרויפגעאַרבעטער אידישער גביר האָט פאַרשטאַנען די מענטשישע שפּראַך פון דער טרער. ער האָט דערהערט דעם קול פון דער כראָנישער אידישער צרה. זיין אויער האָט, אָבער, ניט געקענט אויפנעמען דעם צאַרטן קול פון ווירטואַזישן אידישן וואָרט. און נאָך ווייניקער האָט געקענט זיין אַנגענעם פאַר זיינע נאָזלעכער דער ריח פון דער העברעאישער שירה.

און דאָ איז ישׂראל מאַץ געווען דער אַבסאָלוטער אויסנאַם. מיט אידעלן טראַט, האָט ער צוריקגעבראַכט היפּשע פּראָצענטן פון זיין פאַרמעגן צו די שוועלן פון די היגע אידישע קינדער אינסטיטוציעס. מיט זיין שאַקאָלאַדנער דערפינדונג האָט ער געהיילט די מעגעלעך פון די משהלעך און שלמהלעך, און מיט די זילבערנע, געכופּלטע אויף גילדערנע מטבעות האָט ער געהאָלפן ליפערן פּסיכישע נאַרונג, אין טראַדיציע פון בעסטער אימיטאַציע פון היימישן חדר. און אַזוי אַרום איז באַוואוסט די ברייט־האַנטיקע שטיצע וואָס ישׂראל מאַץ האָט

ביים לעבן געגעבן צו דער־און־דער קינדער־היים, און צו דעם־און־דעם העברעאישן לערער־אינסטיטוט.

ד

אָבער אַפּילו דאָ, — ווען ישׂראל מאַץ וואָלט געבליבן נאָר ביי זיינע פאַרדינסטן לטובת אידישער קינדער־דערציאונג — וואָלט ער מיט זיך ניט געקענט פאַרשטעלן דעם אַבסאָלוטן אויסנאַם. ווייל מיר ווייסן שוין פון אַ בערנאַרד זעמעל, וועלכער האָט אויף דעם געביט פּילייכט נאָך גרעסערע פאַרדינסטן, און אויך פון אַנדערע פאַר־דינסטפולע אידישע קולטור־טוער. זיינע הויפּט־פאַרדינסטן הויבן זיך אָן — מליצהדיק גערעדט — ביים פאַרנעמען די לירע פון דער העברעאישער שירה. איצט, אין ליכט פון מדינת ישׂראל, איז זיכער ניט דאַנקיכאָטיש, צו געפינען מעצענאָטן פאַרן העברעאישן וואָרט. אָבער בשעתו — איז דאָס ניט געווען קיין געווינענדיק פערדל. און — אין זיינע טעג, — מיט אַ וועלכע 25 יאָר צוריק — צו אַוועקלייגן אַ פאַנד פון אַ האַלבן מיליאָן דאָלער לטובת דער העברעאישער לי־טעראַטור און אירע שעפער, — דאָ איז ער געווען דער איין־און־איינציקער. ניט איין העברעאישער דיכטער האָט זיך אַנטשלאָסן אויף אַרויסצוגעבן זיינע כתבים, וויסנדיק אַז ס׳איז דאָ אַ ישׂראל מאַץ. און — ניט איין פאַמיליע פון אַ פאַרשטאָרבענעם העברעאישן שריפט־שטעלער איז געווען וואַרעם און ליכטיק אין שטיבל אַ דאַנק דעם מאַץ־פאַונדיישאַן.

אין לאַנד־פון־ביליאָנען — וועט איר טענהן — איז אַ האַלבער מיליאָנדל ניט אַזאַ גוואַלדיקייט. וועט קומען מיין צוריק־טענה: טאָ פאַרוואָס ווייזט זיך ניט אין די גרענעצן פון דער אידישער ליטע־ראַטור כאָטש איינער מיט אַזאַ מין פאַרנעם? עפּעס מוז דאָך זיין דער מער מיט דעם באָדן פון דער אידישער ליטעראַטור — פון וועלכער עס וואַקסן ניט אַרויס אַזוינע גאַנצענע, אַזוינע דעמבענע און גלייכצייטיק אַזוינע אַדעליקע מעצענאָטן ווי די העברעאישע ליטעראַטור אין אַמעריקע האָט דאָס געהאַט דעם מזל מיט איר זיווג־מעצענאַט — ישׂראל מאַץ!

נאָר — ווי מ׳זאָל עס ניט פּשטלען — מיטן טויט פון ישׂראל מאַץ איז אַוועק פון אונז ניט נאָר אַ מוסטער־מעצענאַט וואָס האָט ביים לעבן אינספּירירט ניט איין שאַפער, נאָר איינער, וועמעס גע־שטאַלט וועט נאָך לאַנג, לאַנג לויכטן ווי אַן אידעאַלע פיגור, אויף נאָכצוגיין, אויף נאָכצוטאָן.

# אברהם מילער

## א.

צו קענען אָפּשאַצן ווי געהעריק די ראָליע פון דעם אָדער יענעם יחידישן אימיגראַנט אין קלאַסישן לאַנד פון מאַסן־אימיגראַציע מוז מען אים איינפּאַסן אין ראַם פון זיין סביבה, דאַרף אין הינטערגרונט פון דעם־אָ אָפּגעשאַצטן, כאָטש אין קאַרגע שטריכן, אַוועקגעשטעלט ווערן די עפּאָכע, פון וועלכער עס איז אַרויסגעוואָקסן געוואָרן דער אָדער יענער אויסגעטיילטער יחיד.

אברהם מילער

צו קענען פאַרשטיין די פולע באַדייטונג פון דעם איצטיק ־ באַוואוסטן אַרבעטער ־ פירער אברהם מילער מוז מען אים זען אין זיין אָנהויב, אַלס 14 יעריקער נע־ונדניק, וואָס כלערליי נויטן און מוזן רייסן אים אַרויס פון זיינע איינגעוואַרעמטע נעסטן אין זיין גאַליציש געבורטס ־ שטעטל דובּיעצק און ברענגען אים, אין געזוך פון נייע גורלות, אויף די מעכטיקע אַטלאַנטישע כוואַליעס צו די ברעגן פון קאָלומבוסעס מדינה.

די ווערט פון אַזאַ טיפּ טוער און פירער ווי אברהם מילער קען, בכן, נאָר געשאַצט ווערן 1) אין ליכט פון סטיכישן אידישן מאַסן־אויסוואַנדער פון מזרח־איראָפּע און 2) אין דעם זעלבסט־געראַנגל פון יעדן איינציקן אַיינוואַנדערער זיך איינצואָרדענען אין דער אַנדערשדיקער מדינה.

## ב.

די אידישע אימיגראַציע קיין אַמעריקע איז ערב אַן אומגעווינלעכן יובילעי. אין 5 יאָר אַרום—אין 1954—וועט ווערן פולע 300 יאָר זינט אידן האָבן זיך גענומען ציען צו די ברעגן פון קאָלומ־

בוסעס מדינה. און די הויפּט־מחותנתטע אויף אַט־דעם גרויסן פּעס־טיוואַל וועט זיין די קרוין־טרעגערין פון די היגע שטעט — ניו־יאָרק, די שטאָט וועלכע האָט פאַר די לעצטע דריי־פיר דורות געגעבן דעם טאָן אין דער יונגער אידישער געשיכטע פון אַמעריקע, פּונקט ווי ניו־יאָרק גיט — אין די מערסטע פאַלן פון דעם אַל־געביטיקן לעבן פון דער אַלגעמיינער אַמעריקע — דעם טאָן. נאָר בעת אין דער ניט־אידישער אַמעריקע זיינען דאָ מעכטיקע קעגנשטראָמען, געזונטע, קוואַלפּולע וואָס וואַגן זיך צו קעגנשטעלן דער ניו־יאָרקער השפּעה, האָט ביי אונז, אידן, ניו־יאָרק פאַר די לעצטע 70־80 יאָר דאָס לעצטע און אַנט־גילטיקע וואָרט.

דער גורל האָט שוין געוואָלט, אַז די ערשטע אידן וואָס האָבן (דעם 16־טן סעפּטעמבער, 1654) איינגעוואַנדערט קיין אַמעריקע — (די 27 פּאָרטוגעזישע אידן וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע אויף דער שיף „סעינט־קאַטערינאַ") — זאָלן לאַנדן אין ניו־יאָרק (אָדער ווי ניו־יאָרק האָט דעמאָלט געהייסן: „ניו־אַמסטערדאַם"). ביז דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, פּינקטלעכער: ביז דעם יאָר 1848, פלעגט נאָר ווען־ניט־ווען פאַרבלאָנדזשען אַ אידישע פאַמיליע קיין אַמעריקע. נאָך די 1848־ער אונטערדריקטע רעוואָלוציעס, אָבער, פון דייטשלאַנד, עסטרייך און אונגאַרן, האָבן זיך פיל רעוואָלוציאָנערן אַ לאָז־געטאָן נאָך אַמעריקע און — צווישן זיי — אויך אַ היפּשע צאָל אידן. אַזוי, אַז אין יענעם יאָר, האָט שוין די אידישע קאָלאָניע אין ניו־יאָרק געקענט שטאָלצירן מיט דעם אָנגעזעענעם ציפער פון 15 טויזנט נפשות (מערסטנס שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע און דייטשיש־עסטרייכישע אידן). די מערסטע אידן פון אַט יענער אימיגראַציע־כוואַליע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין ניו־יאָרק. און ווען אין 1881 האָט זיך אָנגעהויבן די יאָרן־לאַנג־דויערנדיקע אידישע מאַסן־אימיגראַציע האָט שוין דער קאַפּריזנער אַטלאַנטיק אַכטונג געגעבן אַז די גרינע זאָלן שליסן די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט ניו־יאָרק. און האָט אַ אידישער נע־ונד־ניק נאָר אַריינגעשטעלט אַ פוס אין ניו־יאָרק איז ער שוין דאָ געבליבן. פון דער אילוזיע „אויף צו ווערן אַן עושר איבער נאַכט" האָט ער זיך גאָר גיך מיאש געווען, אָבער אין ביזנעס האָט יעדער היימישער שטעקל־דרייער געקענט גלייך אַריינגיין — און איז טאַקע אַריין. ווייל אַלץ וואָס ס'האָט זיך געפאָדערט צו אַריינגיין אין דער אַל־אידישער גראַנד־קאָמערציע פון פּעדלעריי איז געווען איין אַלמעכטיקער דאָלער. די „סופּלאַי־סטאָרס" פלעגן שוין צוזאַמען מיט דעם בינטל שפּילקעס, זייף, שוך־בענדלעך און קעמעלעך אויך געבן דעם גרינעם אַ פרייען קורס אין פּעדלעריי, אַזוי אַז ניו־יאָרק האָט גאָר היפּש נושא־חן גע־

ווען ביים אידישן אימיגראַנט. און ניו־יאָרק האָט פון דאַן אָן געגומען וואַקסן אידיש ווי אויף הייוון.

פּאַראַלעל מיט פּעדלעריי האָט זיך דאַן אין ניו־יאָרק אָנגעהויבן ביסלעכווייז פאַרשפּרייטן צווישן אידן די ווייט־ניט־יחוסדיקע באַשעפ־טיקונג אין די היימישע שטעטלעך — מלאכה, „טריידס". טרעפלעך, כאַטש פּשוט, שילדערט ב. וויינשטיין, דער ערשטער סעקרעטאַר פון די „פּאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן" די איבערשיכטונג פון די הילפלאָזע גאָר־ניט־צום־לעבן־צוגעגרייטע אָנגעלאָפענע און גלייך־אַנ־טוישטע אידישע מאַסן (זע זיין בוך „אידישע יוניאָנס אין אַמעריקע" זייטן 49 און 50):

„די צרות און ליידן, וואָס די אידישע אימיגראַנטן האָבן געהאַט אויסצושטיין די ערשטע יאָרן פון זייער אָנקומען קיין אַמעריקע, איז גאָר אוממעגלעך צו באַשרייבן. געפאָרן זיינע אַלע אַהער מיט דער דערוואַרטונג צו שאַרן דאָ גאָלד מיט לאָפּעטעס. אויסגעלאָזן, אָבער, האָט זיך, אַז אַלע, אָן אויסנאָם, האָבן געמוזט אַרבעטן שווער און בי־טער פאַר דעם שטיקל ברויט. די שכירות, וואָס אַ אידישער אימיג־ראַנט פלעגט אין יענע צייטן פאַרדינען, האָבן באַטראָפן בלויז אַ פּאָר דאָלער אַ וואָך. די אַרבעטער האָבן אַלע געאַרבעט פון שטיק און דאָס העכסטע וואָס אַ גרינער אַרבעטער האָט געקענט אויסאַרבעטן איז געווען פון צוויי־און־אַ־האַלב ביז דריי דאָלער אַ וואָך. די אַרבעט־שטונדן זיינען דעמאָלט געווען פון 15 ביז 18 שטונדן אין מעת־לעת. געאַרבעט האָבן די ערשטע אידישע אימיגראַנטן הויפּטזעכלעך ביי העמדלעך, ביי זעק, ביי שמאַטעס, ביי קינדער־הייזלעך און ביי ביליקע רעק. אַ טייל האָבן אויך געאַרבעט אין בלעך־פאַבריקן און אין סי־גאַרן־פאַבריקן.

„ווי שוין פריער געזאָגט, זיינען צווישן די ערשטע אידישע אי־מיגראַנטן געווען זייער ווייניק אַזעלכע, וועלכע האָבן געקענט אַ מלאכה פון דער היים. זיי פלעגן דעריבער אַרבעטן ביי אַזוינע טריידס, וואו מען האָט זיך געדאַרפט זייער ווייניק לערנען. יעדער איינער האָט גע־מוזט גלייך פאַרדינען אויף איבערצולעבן דעם טאָג. האָט מען זיך געכאַפּט צו דער ערשטער אַרבעט, וואָס מען האָט נאָר געקענט קריגן. קיין גרויסע שעפער זיינען אויף דער איסט־סאַיד אין יענע יאָרן כמעט ניט געווען. כמעט אַלע אידישע אַרבעטער האָבן דעמאָלט געאַרבעט ביי די קליינע באַלעבאַטימלעך, וועלכע זיינען אַליין אויך געווען אי־מיגראַנטן, וואָס האָבן נאָך ניט באַוויזן איינגאַנצן זיך „אויסצוגרינען". אָט־די קליינע באַלעבאַטימלעך פלעגן אַרויסנעמען אַרבעט ביי די גרויסע קליידער־פאַבריקאַנטן. זיי פלעגן באַקומען פון דער גרויסער

פֿאַבריק שוין צוגעשניטענע וואַרע. און אין די קליינע שעפּער, וועל־כע האָבן זיך געפֿונען אין די טענעמענט־הייזער, פֿלעגט די אַרבעט אויפֿגענייט ווערן. דאָס זיינען געווען די באַרימטע „סוועט־(שוויץ) שעפּער". דער סוועט־שאָפּ איז געווען אי אַ שאָפּ, אי אַ וואוינונג. דער באַלעבאָס פֿון שאָפּ האָט דאָרט געוואוינט צוזאַמען מיט זיין פֿאַמיליע. דער פֿאָדערשטער צימער און די קיך פֿלעגן באַנוצט ווערן אַלס אַר־בעטס־צימערן. שלאָפֿן פֿלעגט די גאַנצע פֿאַמיליע אין איין פֿינצטערער בעד־רום. אין פֿאָדערשטן צימער, ביי די פֿענצטער, פֿלעגן אידן שטעפּן אויף די ניי־מאַשינען. דאָס זיינען געווען די אָפּערייטאָרס. ביי די זייטן פֿלעגן, אויף שטולן, זיצן די בייסטערס און אין מיטן שטוב, אויפֿן פֿאָדלאָגע, פֿלעגן זיין אָנגעוואָרפֿן גרויסע פּעק מיט סחורה אויסגע־מישט מיט מיסט און שטויב. דאָ, אויף די ווייכע פּעק, פֿלעגן זיצן אויסגעזעצט די עטלעכע פֿינישערינס, וואָס פֿלעגן פֿאַרענדיקן די אַר־בעט. מיטל־יעריקע און עלטערע אידן, פּרעסערס, פֿלעגן שטיין און וואַרעמען די פּרעס־אייזנס און ביים שיין פֿון געז־ליכט פֿלעגן זיי פּרעסן אויף אַ ספּעציעלער ברעט די פֿאַרטיקע מאַנטלען, די רעק, די הויזן און אַנדערע קליידער.

„זייער אָפּט פֿלעגט דער קאָנטראַקטאָר, אין דער פֿרי, אויסשמירן די טישלעך, ביי וועלכע די פֿינישערינס, אָדער די באַטן־נייטערינס זיינען געזעסן, מיט קעראָסין, כדי די מיידלעך זאָלן ניט האָבן וואו אַוועקצולייגן זייער שפּייז. יעדן טאָג פֿלעגן די באַלעבאַטים אַרויסגעבן נייע גזירות. איין טאָג פֿלעגט קומען אַ באַלעבאָס און אַרויסגעבן אַ באַפֿעל אַז פֿון איצט אָן און ווייטער זאָלן די אָפּערייטאָרס אַליין אַרויפֿ־טראָגן די פּעק אַרבעט וואָס דער עקספּרעס ברענגט פֿון ווער־הויז. אַן אַנדערש מאָל פֿלעגט אַן אַנדערער באַלעבאָס אין איין שיינעם פֿרימאָרגן דערקלערן, אַז פֿון איצט אָן און ווייטער וועלן די אַרבעטער קריגן באַצאָלט איין מאָל אין צוויי וואָכן, אַנשטאָט ווי פֿריער, יעדע וואָך. די פּרייזן פֿאַר דער אַרבעט פֿלעגט אויך יעדער באַלעבאָס אַליין באַ־שטימען, ווי ער האָט געפֿונען פֿאַר נויטיק".

ס'לייגט זיך אויפֿן שכל, אַז אַזאַ מין מענטשן־מאַטעריאַל איז ניט גאָר לייכט געווען צו אָרגאַניזירן אין אַ יוניאָן. איז טאַקע גאָר שווער אָנגעקומען דאָס אָרגאַניזירן יוניאָנס פֿון אידישע אַרבעטער. פֿלעגט אין די 80־ער יאָרן וואו־ניט־וואו געמאַכט ווערן אַ פֿאַרזוך פֿון גרינדן אַ יוניאָן האָט זי קיין לאַנגן קיום ניט געהאַט. די סטרייקס, כאָטש זיי פֿלעגן אַפֿילו אָפּט אויסברעכן, פֿלעגן כמעט אַלע זיין אַ דורכפֿאַל. די אַקטיווע אידישע סטרייקער, וואָס פֿלעגן קומען פּיקעטן אַ שאָפּ, פֿלעגן גלייך אַרעסטירט ווערן און ס'איז ניט געווען ווער זאָל זיך פֿאַר זיי אָננעמען. פֿון אַזאַ ווילדער פֿאַנטאַזיע ווי „דינגען אַ לאָיער"

האָט גאָר קיינער ניט געוואַגט צו טרוימען. מען קען, בכן, זאָגן אַז די יאָרן פון 1881 אַזש ביז 1910 זיינען געווען די דרדקי־יאָרן פון יוניאַ־ניזם אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס אין אַמעריקע בכלל און אין ניו־יאָרק בפרט. פולע 30 יאָר איז דער אידישער אַרבעטער־אי־מיגראַנט געגאַנגען אין יוניאָן־חדר ביז מען האָט פון אים און מיט אים געקענט אויקנעטן אַזאַ מאַסאָווע קאַמף־אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל ווערט זיין דעם נאָמען „יוניאָן" און מיט וועמען די באַלעבאַטים זאָלן זיך ערנסט רעכענען.

איינער פון די דערפאָלגרייכסטע פּראָלעטאַרישע מלמדים אין אָט־יענע יוניאָן־חדרים איז געווען דער דעמאָלטיקער גרינער גאַלי־ציאַנער רעוואָלוציאָנער און איצטיקער אַנגעזעענער און רעספּעק־טירטער אידישער אַרבעטער־פירער אברהם מילער.

געקומען אין אַמעריקע אין 1903, האָט ער, מיט זיין געזונטער אידישער תפיסה, גלייך באַנומען די לאַגע — אַז קודם־כל דאַרף מען זיך אויסלערנען די חכמת הנאָדל... און איז געוואָרן אַ הויזן־מאַכער. אין 1906 איז ער שוין אַ מיטגליד אין דער פּענטס־מאַכער יוניאָן, ווערט דאָרט גלייך אַקטיוו און אָנגעזען. ווייל צו זיין היפּשן באַגאַזש פון אי־דישע ידיעות וואָס דוביעצק האָט אים מיטגעגעבן, וואַרפט ער זיך אויף דאָ אַריין, מיט התמדה, צו דערווערבן די חכמת המדינה. ווי נאָר ער לייגט אַוועק די מכנסים, די הויזן, און „כאַפּט עפּעס איבער", איילט ער גלייך אין „נאַיט־סקול", דערלערנט די ענגלישע שפּראַך, מאַכט־דורך דערפאָלגרייך די האַי־סקול עקזאַמענס און גרייט זיך אַריינצו־טרעטן אין קופּער־יוניאָן — מיט אַן אויג אויף אינזשינערישער קאַ־ריערע.

נאָר דאָ טוט אים דער פּאָליטיקער אָפּ אַ שפּיצל, ווי דער נעקסטער קאַפּיטל וועט ווייזן.

### ג.

אויב — ווי מיר האָבן פריער אָרומגערעדט — ס'איז אַזוי שווער צוגעגאַנגען דאָס געבורט פון יוניאָניזם אויף דער היגער אידישער גאַס איז אָבער דעם סתם־ראַדיקאַליזם פיל לייכטער אָנגע־קומען צו דערווערבן פּאָזיציעס אין היגן אידישן לעבן — ווי פּאַ־ראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען. ווייל דער אמת איז דאָך, אַז נישט אַלע אידישע אָנקומענדיקע אין נייעם לאַנד זיינען גע־ווען כולו הילפלאָז. ס'זיינען געווען אַנדערע פּנימער אויך. מיר ווייסן פון אַן „עם־עולם"־געזעלשאַפט — אַן אָרגאַניזאַציע פון יונגע אידישע ראַדיקאַלן וואָס איז געקומען צום לעבן אין אָדעס, אין יאָר 1881, אַלס „ענטפער" אויף די פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד אין

יענע טעג. די עם־עולמניקעס זיינען אויך געווען אַ טייל פון יענע ערשטע שטראָמען פון אידישער מאַסן־אימיגראַציע. זייער קומען איז געווען מאָטיווירט הויפּטזעכלעך פון אידעאַליזם. זיי זיינען געקומען אין נייעם לאַנד מיט פרישן גלויבן אַז מען קען און מען דאַרף איבער־בויען דאָס אידישע לעבן אויף קאָמוניסטישע יסודות און ווייזן דער וועלט אַז דער איד איז ניט קיין פּאַראַזיטישער עלעמענט אין דער געזעלשאַפט. פון פריער, פון די יאָרן 1848 אָן, זיינען שוין דאָ געווען אַ צאָל אַנטרונענע רעוואָלוציאָנערן פון דייטשלאַנד, נאָכדעם ווי ביסמאַרק האָט איינגעפירט דעם „אַנטי־סאָציאַליסטישן געזעץ". דערפון איז געדרונגען אַז די ערשטע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע און, במילא, אין ניו־יאָרק זיינען געווען דייטשן. זיי האָבן דאָס אימפּאָרטירט דעם סאָציאַליזם אין קאָלומבוסעס מדינה. און פון זיי שטאַמען דאָס די אַלע ראַדיקאַלע ווערטער אין אונזער אידיש־אַמעריקאַנישן פּראָלעטאַרישן לעקסיקאָן. אין די 80־ער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט האָט די אימיגראַציע אונז אויך מזכה געווען מיט ניט קיין קליינער גרופּע אידישע אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן און ס'האָבן אָנגעהויבן אויפקומען „פּראָפּאַגאַנדע־פּאַראיינען" (אין 1882), דער רוסישער אַרבעטער־פּאַראיין" (אין 1884) און „רוסיש־אידישער אַרבעטער ־ פּאַראיין (1884), וואו אויף אָט־די פאַרזאַמלונגען פלעגט דאָמינירן צום ערשטן דייטש און נאָכדעם, אין די עטוואָס־שפּעטערע יאָרן — רוסיש. צו יענער צייט איז אויך אויפגעקומען דער „פּאַראיין פון אונגאַריש־אידישע סאָציאַליסטן" און דער „אידישער אַרבעטער־פּאַראיין" — וואָס איז באַשטאַנען, מערסטנס פון אונגאַרישע און גאַליציאַנער ראַדיקאַלען; „פּיאָנירע דער פרייהייט", אַ טעטיקע אידיש־אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אויפגעקומען אין 1887 אַלס „ענטפער" אויף דער היימאַרקעט־אַפּערע אין שיקאַגאָ. ראַדיקאַלע פּראָפּאַגאַנדיסטן אין יענע יאָרן זיינען געווען אַב. קאַהאַן, ל. מילער, מ. זאַמעטקין, ב. פייגענבוים, ש. יאַנאָווסקי, מאָריס הילקוויט, יוסף באַראַנדעס, דר. מיכאל קאָהען און דר. מאַקס גירזשדאַנסקי. אָט־די אַלע מענטשן זיינען געווען די פּאָפּולערסטע רעדנער אין יענער צייט אויף דער איסט־סאַיד פון ניו־יאָרק און ס'איז זיי „מיט פאַראייניקטע כוחות" געלונגען צו פאַרקויפן דעם קאָסמאָפּאָליטיש־צעקריפּלטן באַגריף פון אינטערנאַציאָנאַליזם צו דער ניט־אָריענטירטער אידישער מאַסע פון ניו־יאָרק און די ווי אויף־הייוון־וואַקסנדיקע אימפּעריאַלע אידישע שטאָט ניו־יאָרק האָט זיך גענומען אויסצייכענען מיטן אַוועקשליידער פון אידישקייט, פון אָפּזונדערן זיך פון דער מינדסטער אידישער טראַדיציע, מיט אַ סדרה פון יום־כפּור בעלער און מיט כלערליי אַנדערע צו־להכעיס אונטערנעמונגען קעגן גאָט און קעגן זיין פאָלק ישראל.

יע, די אידן וואָס זיינען אויף מעכטיקע כוואַליעס געטראָגן גע־וואָרן אַהער פון „מאַטושקאַ ראָסיאַ" און פון אַנדערע סלאַווישע לענ־דער האָבן ניט פאַרגעסן מיטנעמען מיט זיך די כאַראַקטעריסטיש־רו־סישע „שטימונג", דעם סלאַווישן טעמפעראַמענט — אַ שטימונג און אַ טעמפעראַמענט וואָס האָט געקראָגן דעם קאָנסעקווענטן אויסדרוק אין טראָצקיס „פּערמאַנענטע רעוואָלוציע".

איינער פון די געציילטע קעגנער פון אָט־דעם צעקריפּלטן אינ־טערנאַציאָנאַליזם, וועמען עס איז גאָרניט געווען צום האַרצן אָט־יענע כאַראַקטעריסטישע רוסישע „שטימונג" און וועלכער האָט לחלוטין ניט געקענט סובל־זיין אָט־יענעם סלאַווישן טעמפעראַמענט איז גע־ווען דער אידיש־דערצויגענער רעוואָלוציאָנער אברהם מילער.

וואוינענדיק אין גאַליציאַנישן קוואַרטל, האָט ער באַוויזן אָפּצו־שפּאָרן צייט פון דער נאָדל און פון דער סקול און ווערן אַ מיטגליד, און אַן אַקטיווער מיטגליד, אין דעם אידישן סאָציאַליסטישן ברענטש פון דער „ס. פּ.". ביי אים האָבן אידישקייט מיט סאָציאַליזם געהויזט בשלום. נאָך מער: ער איז אַפילו געווען געכאַפּט אין דער מעשה פון נאַציאָנאַליזם און — „מאַינד יו" — אַ גרויסער אָנהענגער פון ציוניזם, כאָטש ער איז קיינמאָל ניט געווען אָנגעשלאָסן אין וועלכער עס איז ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ניט אין די פּועלי־ציון און אַפילו ניט אין דעם „נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד".

און פונקט ווי ער איז געווען פול, אויף אַלע קאָרנערס, פאַר די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן צום קאָנגרעס, אַזוי האָט ער, מיט ניט ווייניגער ברען, זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אָרגאַניזירונג פון דעם ערשטן אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער קאָנגרעס — דער פאָרויסגייער און שליאַך־אויסטרעטער פון דעם איצטיק־דערפאָלגרייכן „געווערק־שאַפטן קאַמפּיין פאַר ארץ ישראל".

אברהם מילער האָט ניט געדאַרפט וואַרטן ביז מאַקס פיין וועט אַרונטערנעמען דעם חרם פון ארץ ישראל. ער איז געווען אַ ציוניס־טישער מאמין לאַנג־לאַנג פאַר פיינען, פאַר שלאָסבערגן, און פאַר די אַלע אַנדערע פּרעטענדטן אויף ראשוניזם פון געווערשאַפטן־קאַמפּיין אידעאָלאָגיע.

ד

זיין רעדנעריי אויף די היציקע קאַמפּיין־מיטינגען מאַכט אים באַרימט צווישן די אַרבעטער מאַסן און זיין „נעמען אַ וואָרט" אויף די יוניאָן־מיטינגען בריינגט אים אָנזען צווישן די פּענטסמאַכער. אין דעם גרויסן און ליידנשאַפטלעכן פּענטסמאַכער סטרייק פון 1913 אין ניו־יאָרק זעען מיר אים אין דער הויפּט־פירערשאַפט. אין 1914,

אין די פאַרמירונג־יאָרן פון דער אַמאַלגאַמייטעד, געפינען מיר מילערן אין נעשוויל, טענעסי, וואו ער איז אין די פאָדערשטע רייען אין קאַמף קעגן ריקערטס „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס" און פון די גרינדער פון דער איצטיקער מעכטיקער און אומעטום־רעספּעקטירטער אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן.

זינט דאַן זעען מיר אב. מילערן אין זיין שטייגן אויף דעם שטול פון יוניאָן־פירערשאַפט. אין 1915 ווערט ער אויסדערוויילט מענע־דזשער פון דער פענטסמאַכער יוניאָן. אין דעם באַרימטן „לאָקאַוט" פון 1920—1921, וואָס האָט אָנגעהאַלטן 6 חדשים, ווערט ער פון סידני הילמאַנען געשיקט קיין באָסטן, צו פאַרטיידיקן דאָרטן די דער־וואָרבענע אַמאַלגאַמייטעד פּאָזיציעס. אין 1922 ווערט ער אויסדער־וויילט צו דעם העכסט־וויכטיקן אַמט אַלס איינער פון די וויצע־פּרעזידענטן פון דער יוניאָן. זיין פּרעסטיזש האַלט אין איין וואַקסן ביי די שניידער, און אין באַלוינונג ווערט ער אין 1924 דערוויילט אַלס פינאַנץ־סעקרעטאַר־טרעזשורער פון ניו־יאָרקער דזשאָינט באָאַרד פון די אַמאַלגאַמייטעד לאָקאַלן — דעם העכסט־פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט וועלכן ער באַקליידט מיט קאָמפּעטענץ, מיט דינאַמישער אַרבעט־זאַמקייט און מיט גרויס צוטרוי סײַ פון דער מאַסע און סײַ פון דער פירערשאַפט, ביזן היינטיקן טאָג.

ה

מיר איז ניט איינמאָל אויסגעקומען צו באָאָבאַכטן מילערן ביי דער אַרבעט. צו זיין אַ פינאַנץ־מיניסטער איבער 150 טויזנט אַרבעטער־פאַמיליעס — איבער אַ יוניאָן פון היפש־געמישטער מיטגלידערשאַפט — איז נישט פון די גאָר לייכטע אויפגאַבן אַפילו פאַר אַזאַ געבילדעטן און אידעאַליסטישן טיפּ ווי אב. מילער שטעלט מיט זיך פאָר. חוץ די זאָרג פאַר דער מיטגלידערשאַפט, האָט די יוניאָן אויך דרויסנדיקע פאַרפליכטונגען. פאַרשיידענע פילאַנטראָפּישע גע־זעלשאַפטן, כל׳ערליי אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און אַ ריי קולטור־אינסטיטוציעס, אידישע און ניט־אידישע, הערן ניט אויף צו באָמבאַר־דירן ממש דעם „דזשאָינט באָאַרד" וועגן פינאַנציעלער שטיצע. דאַרף מילער וועגן און מעסטן די וויכטיקייט און די דרינגענדיקייט פון די אַלע אַפּילס און ברענגען געהעריקע רעקאָמענדאַציעס צו דער פירערשאַפט פון דער יוניאָן.

און מילער איז, בטבע, אַ ברייטער מענטש. אים איז פרעמד ענגהאַרציקייט. ער איז אַ איש תמים. ער איז גאַנץ אַלס אַמעריקאַנער. ער איז גאַנץ אין זיין אידישקייט. און איז גאַנץ אין זיין סאָציאַליס־טישקייט.

זיין ערשטע רעאַקציע איז: צו העלפן. ווען מענטשן, די פאַרשיידנאַרטיקסטע, קומען אים „זען", וויל ער זיי אויפנעמען בסבר פנים יפות. דער טאָג שטייט, אָבער, ניט אויף איין אָרט, און די ענערגיע איז באַגרעניצט, און ס'איז דאָ אַרבעט נאָך פון נעכטן, האָט זיך ביי אים אויסגעאַרבעט אַ ווערטל: „סי מי טומאָראָו" — ווי גאָט איז אייך ליב, קומט מיך זען מאָרגן.

און ווען ער זאָגט דאָס, זאָל מען אים גלויבן. ווייל ער וויל, אַ זכות הקיום. וואָלט ער כוח און מער מאַכט געהאַט וואָלט ער יעדן אַ זכות הקיום. וואָלט ער כוח און מער־מאַכט געהאַט וואָלט ער יעדן איינעם איינגעטיילט מיט אַ שטיק הימל איבערן קאָפּ און מיט אַ שטיקל באָדן אונטער די פיס.

ווייל אַ האַרץ אַ גוטע פאַר די שלל נויט־באַדערפטיגע פון דער מענטשהייט האָט אַברהם מילער.

ו

אברהם מילער האָט אין די 45 יאָר פון זיין שמאַיען אויף די היגע קהל'שע יאַרידן געדינט געטריי זיין פאָלק, זיין קלאַס און זיין לאַנד — אַמעריקע. זיין קאַפּיטל „ליבע צו אַמעריקע" — אויב ווער עס זאָל דאָס אַמאָל אָנשרייבן — איז אַ האַרציקער, אַ פאַר־ביקער. אָבער די לעצטע צייט איז ער אין אַ טראַנס. זיין האַרץ איז אין מזרח. האָט ער דאָך די שענסטע יאָרן זיינע געווידמעט צו דעם אַלט־נייעם אידישן היימלאַנד. צי דאָס איז געווען אין געווערק־שאַפטן־קאַמפּיין, וואו ער איז, אומאויסטערבראָכן, די גאַנצע צייט אין דער אַקטיווער פירערשאַפט, צי אין זיינע פיל־צאָליקע אַרויס־טרעטונגען אויף די סי.־אַי.־אָ. קאָנווענשאַנס לטובת ארץ ישראל, — ער איז גאָר ניט מיד געוואָרן צו ריידן און צו ריידן צום געוויסן פון זיין אַמעריקע, צום געוויסן פון דעם היגן אַרבעטער־קלאַס וועגן די נויטן פון זיין פאָלק און וועגן דער שארית הפליטה וואָס רייסט זיך אין לאַנד פון זיינע אָבות.

איז אַברהם מילער די לעצטע צייט שטאַרק פאַרטראַכט. ער טרוימט פון ציון. ער וויל די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן זיך באַ־העפטן מיט די בני־הגאולה. און כאָטש ער האָט דאָ געראָטענע און פיינע אידיש־דערצויגע זין און טעכטער, פּלאַנט ער בקרוב איבער־צולאָזן אַלץ און אַלעמען, זיך צו באַזעצן אין ישראל, זיך אָנשליסן מיט באַפרישטער ענערגיע אין די רייען פון די אמת'ע בויער — לבנות ולהבנות.

# חנן י. מיניקעס

.1

דעם 27סטן פון היינטיגן חודש, מערץ, פאַלט אויס דער 17טער יאָרצייט פון אַ שרייבער, וועלכער האָט זיין לעבן פריידיג אַנטקעגנגעטראָגן אין דינסט פון די אידישע שרייבער און פון דער אידישער פרעסע און ליטעראַטור — דער 17טער פאַרשוויגענער יאָרצייט פון חנן י. מיניקעס.

און זאָל דאָ גלייך געזאָגט ווערן, אַז ס'איז נאָך קיינעם, ליידער, ניט געלונגען — ניט קיין יחיד און ניט קיין קאָלעקטיוו — צו באַנייען, אויף אַ ווירדיגן און אויף אַ רעגלמעסיגן אופן, דאָס לעבנס־ווערק זיינס — „די יום טוב בלעטער".

ס'איז געווען אַ צייט, אין די יאָרן פון 1933 און 1934, ווען איך האָב פּרובירט ממשיך זיין אָט־די מיניקעס־טראַדיציע, און האָב, אין לויף פון צוויי יאָר, אַרויסגעגעבן פיר העפטן „נייע יום טוב בלעטער", מיטן אַקצענט אויף נ י י ע, פריער־ניט־געדרוקטע, שריפטן. אָבער ס'איז צו־שווער געווען פאַר מיר ווייטער צו ציען אָט־די יום־טוב־ליניע, בעת פאַרן אויג איז ניט אָפּגעטראָטן דאָס בילד פון אַ פרוי מיט קינדער מיט זעקס וואָכעדיקע טעג פון וואָך...

און זינט דאַן האָט אויך ווער־וואו פּרובירט אַרויפּרייטן אויפן יום־טוב־פערדל, אָבער ס'איז ניט־געווען ניט די ווירדיקייט, ניט די גאַלאַנטקייט און ניט די ריטערלאַכקייט פון אַ חנן י. מיניקעס.

.2

דאָס ערשטע וואָס דער נאָמען מיניקעס דערמאָנט איז „די יום טוב בלעטער". מיניקעס און „יום טוב בלעטער" זיינען געוואָרן כמעט סינאָנים, כאָטש די טרוקענע ביבליאָגראַפישע שריפטן וועלן עס, אפשר, פאַרפעלן צו אונטערשטרייכן. פאַר ביבליאָגראַפן איז עס ניט מער ווי נאָך אַ שטריך, נאָך אַ פאַקט.

ווען אַ נייגעריגער לייענער בלעטערן אַזאַ שריפט ווערט ער, מסתמא, נאָר געפינען פאָלגנדע עטלאַכע קאַרגע זאַצן: חנן מיניקעס — ליטעראַט, געבוירן אין ווילנע, אין 1857. געקומען קיין ניו־יאָרק אין די נײַנציגער יאָרן פון פאַריגן יאָרהונדערט. האָט אָנגעשריבן עטלעכע טעאַטער־שטיק, האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, פעליעטאָנען, דערציילונגען א. אַ., די מערסטע פון זיי געדרוקט אין זיינע „יום טוב בלעטער", וואָס ער האָט געגרינדעט אין 1897.

ביים אַמעריקאַניש־אידישן עולם איז חנן י. מיניקעס מער ווי

אַ ליטעראַט אָדער אַן אַרויסגעבער פון אַ געוויסער שריפט. אין אונזער לעבן איז חנן י. מיניקעס געווען אפשר מער ווי עס איז אין די כוחות פון אַ יחיד צו זיין. אין די אויגן פון פאָלק איז ער געווען מער ווי אַ שרייבער און כלל־טוער — אַן אינסטיטוציע איז ער געווען.

נאָר געציילטע ווייסן, אַז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַט־דעם אייג־דרוק איז געווען דער אויסערגעוויינלעכער אידעאַליזם, וואָס האָט אים תמיד באַזעלט, די כמעט איבערמענטשלאַכע ענערגיע וואָס ער האָט פאַרמאָגט און וועלכע ער האָט אַזוי פרייגעביג אַנטקעגן־געטראָגן יעדער אידעאַליסטישער, גייסטיגער אונטערנעמונג.

פאַר דער ברייטער וועלט האָט אויסגעזען ווי די „מיניקעס יום טוב בלעטער" ווערן אַרויסגעגעבן פון אַ רייכן פאַרלאַג. נאָר געציילטע האָבן געוואוסט מיט וויפיל גייסטיגע און פיזישע חבלי לידה ער פלעגט אַרויסגעבן אַ נומער „יום טוב בלעטער" אפילו אין די סאַמע בליענדיקסטע פראָספעריטי־יאָרן. אין דער הקדמה צו דעם תרצ"ב נומער „סוכות בלאַט" באַמערקט ער:

„ניט נאָר די לעזער, נאָר אַפילו שרייבער און אַרויסגעבער האָבן אַ קנאַפּן באַגריף פון די שוועריקייטן, אונטער וועלכע די „יום טוב בלעטער" האָבן געמאַכט זייער וועג אין די 35 יאָר".

און כאָטש ער פלעגט מיט יעדן נומער זיך שרעקלאַך אויס־מאַטערן, און ער פלעגט זיך בוכשטעבלאַך פאַר׳משכונ׳ען ביז ער פלעגט מיט די לעצטע כוחות קוים־קוים צונויפשלאָגן די נויטיגע סומע, האָט ער דאָך געהאַט אַ מאָדנע אמונה אין זיינע „יום טוב בלעטער" און פלעגט עס האַלטן אַלס אַ גוטן געשעפט.

ס׳איז געווען אין 1931 אָדער 1932. איך האָב דאַן נאָר־וואָס אָנגעהויבן אַרויסגעבן דאָס וועכנטלעכע „אונזער פאָלק". אין יענע טעג האָט מיך חנן י. מיניקעס אָנגעטראָפן און, נאָך אַ קורצן דורכ־שמועס, מיר פאַרגעשלאָגן איבערצונעמען די „יום טוב בלעטער", וואָס איז, נאָך זיין מיינונג נאָך, געווען אַ גוט געשעפט. ווייל ניט נאָר האָבן אַנדערע, זייטיגע באַטראַכט די „יום טוב בלעטער" ווי אַ סאָלידע קאָמערציעלע אינסטיטוציע, נאָר ער אַליין האָט זיך עס אויך איינגעשמועסט.

### 3.

צום ערשטן איז די אידייע פון פייערלאַכע אידישע אותיות און שורות געשריבן אין יום טוב־הויך לכבוד יום טוב־לעבן אויפגעלויכטן ביי י. ל. פרצ׳ן. און עס איז פון דעם געבוירן געוואָרן די דעמאָלטדיקע פאָפּולערע און באַליבטע שריפט: „פרצ׳ס יום־טוב

בלעטלאַך", וואָס איז געווען פון די ערשטע אידישע צייטשריפטן אין רוסלאַנד, און וואָס איז אונטערגעגאַנגען מיט דער פאַנאַנדערצע־וואַקסונג פון דער דאָרטיגער אידישער פּרעסע.

דעם לאַזונג פון יום־טוב׳דיגן וואָרט, לכבוד יום־טוב׳דיגן לעבן, האָט מיניקעס דער ערשטער געוואָרפן אויף דעם פּיאָנערישן באָדן פון אונזער היגן לעבן. ער האָט זיך צוגעקוקט צום דעמאָלטדיגן שווערן, גרויען, וואָכעדיגן לעבן; אַ לעבן, וואו שבת איז אויך געווען אַ המשך פון וואָך; אַ וואָך וואָס האָט זיך געצויגן ווי אַ יאָר און וואָס האָט זיך געריסן, געהונגערט נאָך דאָס ליבע שטיקעלע יום־טוב.

מיטן כוח פון באַוואוסטזיין, אַז ער ברענגט יום־טוב־פרייד אין די פאַרוואָכעדיגטע אידישע היימען — מיט אָט דעם כוח האָט ער פינף־און־דרייסיג יאָר מיט ליבע געטראָגן דעם עול, איינער אַליין געטראָגן אַזאַ שווערן עול, ביז, ביז — אין סאַמע ברען פון כלל־פאַרזאָרגערישער אַרבעט, אין לויף פון זיין כאַראַקטעריסטישער שנעל־גייענדיקייט (און וועמען מען האָט דערפאַר ניט געקענט פאַרדעכ־טיגן אין אַ 75 יאָריגן עלטער), אין מיטן פון זיין צוגרייטן אַ נייעם נומער „יום טוב בלעטער", אַ יובילײ־נומער (אויף דעם לעצטן בלאַט פון זיין לעצטן יום טוב נומער האָט ער געשריבן: „נאָכצופאָלגן דעם דרך עולם וואָלטן די „מיניקעס יום טוב בלעטער" געדאַרפט איצט האָבן אַ יובילײ — אַ סיום אויף די פינף־און־דרייסיג יאָר פון זיין עקזיסטענץ. אָבער אַנשטאָט אַ סיום וועלן די „מיניקעס יום טוב בלעטער" האָבן אַ התחלה, און דער יובילײ וואָס ווערט געפּלאַנט וועט זיין פאַרן אָנפאַנג פון דעם זעקס־און־ דרייסיקסטן יאָרגאַנג — דער קומענדיגער פּסח־נומער"), — און אין מיטן חלומ׳ען וועגן אַ באַנייטן לעבן, מיט אַ באַנייטער ענערגיע, האָט זיך פון אים פּלוצלונג דער כוח אָפּגעטאָן. ער איז געשטאָרבן דעם 27טן מערץ, 1932.

.4

מיטן פיזישן אַוועקגיין פון חנן מיניקעס בלײבט, אָבער, זיין גייסטיגער בנין. אין אונזער לעבן „שכולו חול" בלײבט די גאַרונג און די בענקשאַפט נאָך דעם יום־טוב־וואָרט וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל ליבע צעטראָגן אין אַלע ווינקעלאַך פון אונזער היגן לעבן.

# דוד סאָהן

## א

אין דעם לעבן פון אַ פרייען שרייבער קומען אָפּט אים אונ־טערן האַנט געוויסע מאַטעריאַלן, — ווי מענטשן, סיטואַציעס, ווערק, געטער, א. אַ. וו., — וואו זייער אויספורעמונג ווערט, ביים סאַמע גוטן קינסטלערישן ווילן, באַאיינפלוסט פון געוויסע אומשטענדן און באַ־דינגונגען.

עס איז, דעריבער, צום געזונט פונם פרייען שרייבער, אַז זיינע אויסגעפורעמטע מאַטע־ריאַלן זאָלן, נאָך אַ באַ־שטימטן אָפּקיל־פעריאָד, צוריקגענומען ווערן אין זיין לאַבאָראַטאָריע אַריין פאַר אָבזערוואַציע, רעווי־זיע און פאַר דער אָפּט־נויטיקער רעטושירונג.

דוד סאָהן

און, אין דעם גייסט, נעם איך איצט פאַר אָבזערוואַ־ציע, רעוויזיע און פאַר מעגלעכער רעטושירונג מיינע אייליקע שטריכן, וועלכע איך האָב, מיט אי־בער 6 יאָר צוריק — גע־נוג צייט פאַר אַן אָפּקיל־פעריאָדע — אַנגעוואָרפן, צו אַרויסברענגען דעם פּנים פון דוד סאָהן, צו דער דעמאָלטיקער געלעגנהייטלעכער פייערונג פון זיינע געלאָדע־נע 25 יאָר מעשים טובים.

## ב

אין דעם אינסטיטוציאָנאַליזירטן אידנטום פון אַמעריקע איז ניט קיין שווערע עובדא אויפצושפּילן פאַר אַ ליאָדע יאַנקל בן פלעקל אַ יובילייִ. איז טאַקע ענין יובילייִ געוואָרן אַ גרויע, וואָכעדיקע דער־שיינונג אויף דער אַזוי־גערופענער „אידישער גאַס" פון אַמעריקע. און לייענט איר פון נאָך אַ יובל אין דעם און יענעם ווינקל—ווייסט שוין דער דערפאַרענער לייענער, אַז דאָס איז אַ יום־טוב „פאַ זאַקאַזו", — ד.ה. אַז דער און דער וואָס פאַרנעמט אַ מאַכט־פּאָזיציע אין אונזער גע־זעלשאַפטלעכן לעבן האָט געגעבן אַ „ויצו" (וואַיצאַוו) מען זאָל אים, בפני כל עם ועדה, אויף אַ טעלערל אונטערטראָגן אַ טאָפּל־פּאָרציע

עולם הבא אויף דער וועלט, און זיינע משרתים און יוצר־משרתים האָבן בליץ־אַרטיק אויפגעכאַפּט זיין אַלץ־דעקנדיקן וואונק מיטן לינקן אויג און — די מאַשין האָט זיך צעאַרבעט וועדליק אַן אַנגעאוילטע מאַשין וואָס איז תמיד גרייט צו דינען...

אין דער גאַלעריע פון קלאַון־מעסיקע און צירק־אַרטיקע יובילאַרן גיט, אָבער, אַמאָל, פאַר איך אַ בליץ אַ געשטאַלט וואָס ציט אייער אויפמערקזאַמקייט; אַפּנים, אַ סימפּאַטישער, אַ ווירדיקער. און אָט־אַזוי איז פאַר מיר דערשינען דער יונגער אָבער שוין־אויך־געפּייערטער, דוד סאַהן, וועמעס 25־יאַריקע געזעלשאַפטלעך־שעפערישע טעטיקייט די פּראָמינענטע ביאַליסטאָקער קאָלאָניע האָט לעצטנס געפּייערט מיט אַ פאַראַדנעם באַנקעט, אויף וועלכן 600 פריינט און פאַרערער פון דוד סאַהן זיינען אים געקומען צוטיילן כבוד און אַנערקענונג הן מיט זייער אַנוועזנקייט און הן מיט רעדעס.

און — פון די רעדעס האָבן אויף מיר, איבערהויפּט, דריי געמאַכט אַן איינדרוק. האָט גערעדט אַן אַנאָנימע פרוי:

„ווען סאַהן איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אין ביאַליסטאָק געקומען העלפן מיט רעליף די פאַראָרעמטע, האָט איר דאַן געמעגט זען מיט וואָס פאַר אַ אידלקייט ער האָט די אַרבעט דורכגעפירט, די ברכות וואָס יעדער איינער אין ביאַליסטאָק האָט אין הארצן געטראָגן צו דעם יונגינקן העלפעלכן משיח". „איך ווייס", האָט די פרוי מיט דאַנקבאַרקייט גערעדט, „איך בין געווען צווישן די געהאָלפענע".

האָט גערעדט אַן אַנדער לאַנדסמאַן, דער באַוואוסטער שריפט־שטעלער יעקב קרעפּליאַק:

„עס איז געווען אונזער גוטער מזל, וואָס מיר, ביאַליסטאָקער לאַנדסלייט, האָבן איך באַקומען פאַר אונזער הויפּט־טוער. דער רעזולטאַט איז — די ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט איז איינע פון די שענסטע און מוסטערהאַפטסטע ביים אַמעריקאַנער אידנטום, און שוין במילא ביים אידישן פאָלק".

און כאַראַקטעריסטיש פאַר סאַהנען איז אויך געווען די געלייענטע רעדע פון זיין לאַנדסמאַן־ניט־לאַנדסמאַן דניאל טשאַרני:

„זינט איר האָט מיך געמאַכט פאַר אַ שטענדיקן מיטאַרבעטער פון „ביאַליסטאָקער שטימע" האָב איך זיך דערפילט, ווי אַ ביאַליס־טאָקער „נכתב". בין איך, פאַרשטייט זיך, שטאָלץ זיך אַרומצוטראָגן איבער ניו־יאָרק מיט די „סיטיזען־פּייפּערס" פון ביאַליסטאָק וואָס איר האָט מיר אונטערגעטראָגן.

„קאָן איך איך היינט באַגריסן, ווי אַ טאָפּלטן לאַנדסמאַן מיינעם: אַ לאַנדסמאַן פון ביאַליסטאָק און אַ לאַנדסמאַן פון דער אידישער לי־טעראַטור. מיינט נישט, אַז צוליב אייער „מושב זקנים" וועלן מיר פאַרגעסן אייערע „חטאת נעורים". איר האָט, פונקט ווי איך, געשריבן

אַמאָל לידער, סקיצן און דערציילונגען, וואָס צוליב זיי האָט איך זלמן רייזען פאַראייביקט אין זיין ליטעראַטור־לעקסיקאָן.

„קומט איך אַ באַנקעט נישט נאָר פון דעם ביאַליסטאָקער צענטער אַליין, נאָר אויך נאָך — פון דעם אידישן פען־קלוב".

אַז מען הערט אַזעלכע רייד, ווילט זיך פרעגן: וועגן וועמען פון די סופּערינטענדענטס איבער די אַנדערע מושב זקנימס קענען אַנגעווענדט ווערן אַזעלכע דיבורים? און וואָס איז מכוח די אַנדערע פירער פון אידישע אינסטיטוציעס אין ניו־יאָרק?

ווי געזאָגט, די דאָזיקע דריי רעדעס „דעקן" די כאַראַקטעריסטישע הויפּט־שטריכן פון דעם סימפּאַטישן און פּעאיקן כלל־טוער דוד סאָהן. די לאַנדספרוי האָט גערעדט וועגן דער איידלקייט וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון סאָהנס אופן פון איבערגעבן די אַמעריקאַנער רעליף אין ביאַליסטאָק נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. איידלקייט! די שענסטע אייגנשאַפט צו וועלכער אַ מענטש דאַרף שטרעבן אויפן וועג פון פאַרפולקאָמונג — איידלקייט — דאָס איז עד־היום דער בולטער צייכן פון סאָהנס אופן פון אָנפירן קהלשע טעטיקייט.

און ווען מר. קרעפּליאַק רעדט וועגן „גוטן מזל" פון די ביאַליסטאָקער פאַר האָבן אין פירערשאַפט די פיגור סאָהן — האָט ער אויך געטראָפן אין פינטל! נאָך אַלעמען, זיינען דאָך דאָ אין לאַנד אויך אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן אין גרויסע צאָלן! וואו זיינען זיי? וואָס הערן מיר פון זיי? מיט וועלכע מעשים טובים האָבן זיי זיך אויסגעצייכנט? וועלכן קענטיקן חותם אויף אונזער געזעלשאַפטלעכן לעבן האָבן זיי איינגעקריצט? וועלכע טורעמדיקע בנינים האָבן זיי אויפגעשטעלט? וואָלט מר. סאָהן ניט געווען דער באַרופענער פירער פון זיינע לאַנדסלייט אין אַמעריקע, וואָלט זיך זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט געווען פאַרענדיקט ביים צוריקקומען פון זיין רעליף־שליחות אין ביאַליסטאָק. האָבן, אָבער, די ביאַליסטאָקער, לויט קרעפּליאַקס אויסדרוק, „גוטן מזל" — האָט זיי גאָט מזכה געווען מיט אַ זון — זאָן (סאָהן). איז ער באַזעלט, חוץ מיט אידעאַליזם, אויך מיט וויזיע. און צו דער וויזיע איז ער אויך אַ רעאַל־פּאָליטיקער. איז אים געלונגען צוזאַמענשמעלצן אַלע שיכטן פון דער היגער גרויסער ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט־לעכער קאָלאָניע אין איין „צענטער" — אַ צענטער פאַר אַלטע און שוואַכע, אַן אַדרעס וואָס זאָל האַלטן אין וואַרעמער פאַרבינדונג די לאַנדסלייט מעבר לים מיט די פון דעם נייעם לאַנד; און אַ היים פאַר יונג און אַלט — אַ „קלירינג־האַוז" פאַר דעם שלל אינטערעסן זייערע.

און אויך די דריטע רעדע — טשאַרניס — איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געשטאַלט דוד סאָהן. דאָ זעען מיר ווי אַ ניט־לאַנדסמאַן פילט אַ וואַרעמקייט צו די ביאַליסטאָקער, אַ דאַנק סאָהנס צערטלענדיקן אויג

און ווייט־זעעוודיקן בליק. דערפֿאַר האָבן מיר טאַקע געזען אויף אָט־דעם סאָהן־יום־טוב אַ פֿיל־פֿאַרביקייט פֿון פּנימער: פּאָליטיקער און ריכ־טער, שריפֿטשטעלער און רבנים; שוישפּילער און כלל־טוער, לאַנדס־לייט און „פּרעמדע״.

ג

דער שרייבער פֿון די שורות, וועלכער האָט נאָכגעפֿאָלגט די אַנטוויקלונג סיי פֿון דוד סאָהן און סיי פֿון ביאַליסטאָקער צענטער זינט דער סאַמע גרינדונג, זעט אין דוד סאָהנען ניט נאָר אַן אײדעלן טיפּ פֿון אַ כלל־טוער, ניט נאָר אַ פּעאיקן פֿירער פֿון דער ביאַליסטאָקער קאָלאָניע אין אַמעריקע, ניט נאָר אַ העכסט־דעמאָקראַטישן מענטשן אין אונזער פֿאַרביוראָקראַטעוועטן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, נאָר אויך די פּאָטענצן, די ניט־אויפֿגעשפּילטע, פֿון דוד סאָהן. דער פֿאַרדינסט־פֿולער יובילאַר האָט נאָך אַלע זיינע כוחות ניט געוויזן. און זיינע כוחות און זיינע פּעאיקייטן, אויפֿן סמך פֿון 25 יאָר אָבסערוואַציע, ווייזן אַז דוד סאָהן האָט נאָך זיין פֿולן וואָרט ניט געזאָגט. די נעקסטע 25 יאָר וועלן, האָפֿנטלעך, ווייזן דעם פֿירער־טיפּ סאָהן, וועלכער האָט אַריבער־געשפּרייזט דעם גרענעץ פֿון לאָקאַלער פֿירערשאַפֿט און איז אַקלאַמירט געוואָרן אַלס באַרופֿענער פֿאָלקס־פֿירער אויף אַן אינטער־לאַנדסמאַנ־שאַפֿטלעכן מאַסשטאַב און פֿאַרנעם.

ד

וואָס־זשע זיינען די רעזולטאַטן פֿון דער לאַבאָראַטאָרישער אונטערזוכונג פֿון דוד סאָהנס אייליקע שטריכן? — וועט דער פֿאַר־אינטערעסירטער לייענער פֿרעגן. וואָס דאַרף פֿון דאָס דעמאָלטיקע אין־דער־אייל־געשריבענע צוגעגעבן ווערן און, איבערהויפּט, וואָס דאַרף אַרונטערגענומען ווערן.

און מיין פּריידיקער באַריכט צום פֿאַראינטערעסירטן לייענער איז, אַז ס'איז ניטאָ ממש קיין וואָרט פֿון שבח וואָס זאָל איצט, נאָך דער זעקס־יעריקער אָפּקיל־פּעריאָדע, דאַרפֿן געמינערט ווערן, נאָר, פֿאַרקערט, עס דאַרף נאָך היפּש איצט צוגעגעבן ווערן, כדי צו דער־גאַנצן די פֿיגור פֿון איינעם פֿון די גרונטיקער און בויער פֿון אונזער לעבן.

ה

איך האָב מיט איבער זעקס יאָר צוריק מרמז געווען, אַז מר. סאָהן „האָט נאָך אַלע זיינע כוחות ניט געוויזן״, און האָב דעמאָלט אויסגעדריקט מיין האָפֿענונג, אַז ער וועט זיין וואָרט נאָך מער אויס־פֿילן, און דערמיט זיין געשטאַלט פֿאַרפֿולקאָמען.

און די טעג האָט ער עס באַוויזן, און אַלע, אַלע האָבן עס דערזען.

אויב ביז איצט האָבן מיר אין סאָהנען געזען דעם אויפּערגעווײנלעכן אָרגאַניזאַטאָר און באַרופענעם לאַנדסמאַנשאַפטלעכן פירער, איז ער פאַר אונז איצט אויך דערשינען ווי אַ היסטאָריקער פון אַ באַרימטער שטאָט און פון אַן אַלוועלטלעכער לאַנדסמאַנשאַפטלעכער געמיינדע.

אין זיין „ביאַליסטאָקער אַלבום", וואָס איז די טעג דערשינען, האָט מר. סאָהן באַשטעטיקט מיין גלויבן אין זיינע נאָך־ניט אויסגעשפּילטע כוחות, אין זיינע באַגאַבונגען וואָס דרעמלען נאָך אין פאַטענץ.

פאַר יאָרן און יאָרן האָט מר. סאָהן, מיט פלייס און מיט ליבשאַפט, געזאַמלט בילדער און דאָקומענטן, זיי געהיט און זיי סאָרטירט. אין דעם שלל פון זיינע איבערמענטשלעכע פליכטן און טעטיקייטן האָט ער געפונען צייט און כוח פאַר זיין נייעסטן גיגאַנטישן בנין — אַן אמתער אוצר פון צוועלף הונדערט זעלטענע בילדער, מיט דערקלערונגען אין אידיש און ענגליש. וואָלט מר. סאָהן זיך ביז איצט ניט פאַראייביקט מיט זיין „רעליף־רעקאָרד" און מיט זיין האַלב־מיליאָניקן בנין „ביאַליסטאָקער צענטער" — און אַט איצט, פאַר אונזערע אויגן דער קרית ביאַליסטאָק אין ישראל — וואָלט ער קיין פינגער אַפילו ניט צוגעלייגט צו די אַלע בנינים, וואָלט ער זיך איצט מאָנומענטיזירט מיט זיין אַלבום, איבער וועלכן זיינע לאַנדסלייט, יונג און אַלט, וועלן גאָר ניט מיד צו בלעטערן און פון וועלכן זיי קענען מיט שטאָלץ צוריקבליקן אויף זייער גלאָררייכן עבר און אויך צו שעפּן פון אָט־דעם בילדער־קוואַל אינספּיראַציע פאַר נייע שעפערישע מעשים, פאַר פרייע פרקים געשיכטע!

ו

מיר זיינען די טעג געזעסן עטלעכע הונדערט מענטשן אין זאַל פון ביאַליסטאָקער צענטער, צו פרייען זיך מיט דוד סאָהנס גרויסן אויפטו. פיל מענטשן האָבן זיך געריסן צום וואָרט, צום וואָרט פון לויב און אָנערקענונג. נאָר עס געדענקט זיך די רייד פון דעם גרויסן ביאַליסטאָקער קינסטלער אָסיפּ דימאָוו. זיין אויפגעשפּילטע רעדע איז געווען קינסטלעריש־באַלאַנסירטער עקסטאַז. מען איז איבערצייגט געווען, אַז ער גלויבט אין יעדן זאַג זיינעם. און אָט איז איינער פון די כאַראַקטעריסטישע פּאַראַגראַפן זיינע:

„מען ווערט אַנטציקט פון דער פאַרבנרייכער פּאַנאָראַמע, פון דער שיינער גאַלעריע פון בילדער. אָט זיינען זיי, די גרויסע גייסטער פון אונזער ביאַליסטאָק, די באַרימטע רבנים, די באַגאַבטע חזנים און

אַנדערע כלי קודש; די טאַלאַנטפולע קולטור־טוער, שרייבער און קינסטלער, די שעפערישע אינדוסטריעלער, סוחרים און בעלי מלאכות; דער אינטעליגענט און דאָס „שער און אייזן" — „עמך", דער פאָלקס־מענטש און די מאַסע; די וועלט־באַרימטע ביאַליסטאָקער שטאָטס־מענער, וויסנשאַפטסלייט, ציון־פּיאָנערן און די מערקווירדיקע טיפן פון היימישן אַרט און שטייגער; די פאַנטאַסטישע עשירות פון די זאַבלודאָווסקיס, וואַלקאָוויסקיס, גאָרדאָנס און דער טרויעריקער דלות פון אַ ביאַליסטאָקער קאַטערינשטשיק מיט אַ פּאַפּוגאַי, וואָס ציט אַרויס אַ מזלדיקן צעטעלע, און פון אַ יאַטל פון כאַנאַיקעס און פון בישקע דעם גאַזעטשיק, וואָס האָט איבער 40 יאָר פאַרשפּרייט קולטור איבער די ביאַליסטאָקער גאַסן; דעם רויש פון די פאַבריקן און די קאָנספּי־ראַציע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג; די צאַרישע גזירות, דעם טרויע־ריקן שבת נחמו, די רעוואָלוציע פון 1905 און דעם פּאָגראָם פון 1906; די אַנאַרכיסטן און די פּאָליטישע אַרעסטירטע; אַלץ און אַלע אונ־טער איין דאַך, אין איין בוך: „ביאַליסטאָק".

און — דער גרויסער וואָרט־מייסטער האָט אַזוי פאַרענדיקט זיין וואָגיק און רונדיק וואָרט:

„דער „אַלבום" איז מער ווי אַ בוך; עס איז אַן עפּאָס, אַ היס־טאָריע, אַן אידיליע, אַ גרויסע מענטשלעכע דראַמע, אַ דעטעקטיוו־ראָמאַן, אַ ווערק פון גרויס פרייד און טיפן טראַגיזם, אַ לעגענדע פון אַ גרויסן זעלטענעם אמת. דאָס אַלץ און דעם פולן סך־הכל האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דוד סאָהן, דעם מענטשן, מיט אינטואיציע און וויזיע, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו שאַפן אַזאַ גיגאַנטיש ווערק מיט דער טיפער פאַרשטענדעניש צו זאַמלען, כראָנאָלאָגיש ריכטיק, אויפהיטן און פאַראייביקן אונזער אוצר, דעם איינציקן יקר המציאות, וואָס איז אונז פאַרבליבן.

„דער „אַלבום" איזווירקלעך אַ קרוין צו זיין שיינער, שטאָלצער לעבנסביאָגראַפיע פון ריזיקע פאַרדינסטן פאַר דעם וואוילזיין פון אונ־זער לאַנדסמאַנשאַפט איבער דער גאַנצער וועלט.

„עס איז מער ווי אַ פילם, מער ווי אַ ראַדיאָ, ווי טעלעוויזיע, עס איז אַלץ צוזאַמען און מער פון אַלצדינג. איז עס אַ סימפאָניע, דורכגעוועבט און דורכגעדרונגען מיט ליבע, גערעכטיקייט און צדקה."

## ז

דער אמתער שאַפער ווייסט זעלטן אַליין דעם געהעריקן ווערט פון זיין שאַפן. זיין ווערק איז גרעסער פון דעם גרעסטן לויב. אָבער אַט לייען איך אַ וואָרט פון אַ „רואיקן" שרייבער, פון אַ ניט־לאַנדסמאַן און פון אַ סאָציאָלאָג און היסטאָריקער — יעקב לעשצינסקי.

ער רעדט גאָר וועגן אַן אַלגעמיינעם ענין. אָבער אין דעם אַלגעמיינעם ענין בויט ער אַריין אַזאַ פּאַראַגראַף וועגן סאָהנס בוך, וואָס איז זיכער „אַ „פעדער אין זיין הוט"...

„בויען איצטער איניקע אידישע לאַנדסמאַנשאַפטן שטעטלעך אָדער קאָלאָניעס אין ישראל אויפן נאָמען פון די חרוב געוואָרענע פונקטן — אַ גאָלדענע אידייע! אַ געבענטשטער איינפאַל! די לאַנדס־מאַנשאַפט, וואָס האָט די ערשטע זיך דערטראַכט צו דעם דאָזיקן וואונדערבאַרן געדאַנק, מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען די ביאַ־ליסטאָקער, פאַרדינט געוויס פאַרשריבן צו ווערן אין גאָלדענעם בוך פונם קרן קימת לישראל אָדער אויף אַן אַנדער אופן פאַראייביקט ווערן! אָבער אינטערעסאַנט — טאַקע די ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט גענוג; אַז די אויפגעבויטע בנינים אין ישראל וועלן די קומענדיקע דורות ניט קאָנען דערציילן די רייכע און וואונדערבאַרע געשיכטע פון דער דאָזיקער געמיינדע. און זיי האָבן ניט נאָר אַרויסגעגעבן צוויי בענדער געשיכטע פון ביאַליסטאָק, נאָר זיי האָבן די טעג מיר צוגעשיקט אַן אַלבום, וואָס באַשיינט מיין טיש און איך בלעטער אין אים עטלעכע מאָל אין טאָג און לייען און לייען! איך לייען פון בילדער! זיי דערציילן מיר וואונדער איבער וואונדער! ווי אידן האָבן געשאַפן אויף די פאַרשיידנסטע געביטן! אויף מאַטע־ריעלע און אויף גייסטיקע! ווי אידן האָבן געקעמפט פאַר רעכט און פאַר אידישן כבוד! און דאָס בעסטע און דאָס אינטערעסאַנטסטע — ווי ביאַליסטאָקער אידן האָבן זיך צעשפרייט איבער דער גאַרער וועלט און וועבן ווייטער דעם אידישן פאָדים, אין ניו־יאָרק און אין בוענאָס־איירעס און אין ירושלים און אין תל־אביב! לא אָמות כי אחיה — מיר שטאַרבן ניט, מיר לעבן און וועלן לעבן!

„אָט דער געדאַנק פון געבן אין אַלבום ניט נאָר די אונטערגעגאַנ־גענע ביאַליסטאָק נאָר אויך די לעבעדיקע, די המשך־ציענדיקע, די וויי־טער וועבנדיקע, איז וואונדערבאַר, רייך אין אינהאַלט און נאָך רייכער אין היסטאָרישער סימבאָלישקייט, אין נצח ישראל לא ישקר!"

ח

וועגן דוד סאָהנס ראָליע אַלס היסטאָריקער פון זיין וועלט־געמיינדע וועלן נאָך אַ סך שרייבן. ער וועט זיכער האָבן — וואָס מען רופט עס — אַ „גוטע פּרעסע". אָבער זאָל מר. סאָהן ניט אַנט־דרימלט ווערן, חלילה, אויף וועלכע עס איז פון די שוועלן פון די אַלע געטורעמטע בנינים זיינע. ער האָט נאָך זיין לעצטן וואָרט ווייט, ווייט ניט געזאָגט, און איך האָב זיין פאָרטרעט נאָך ניט פאַרענדיקט.

# דר. מענדל סודאַרסקי

## א.

ווען דר. מענדל סודאַרסקי האָט אין 1937 אָנגעהויבן צוריקשטעלן זיין טראָן אין ניו־יאָרק הבירה, גיב איך דאָ צו, איז מיר עפּעס דעמאָלט, אין שייכות מיט זיין נאָמען, ניט אָפּגעטראָטן פון מיין דמיון די כלומרשט־אומשולדיקע צוויי־ווערטערדיקע כירורגישע פּראַזע פון „כבדהו וחשדהו", ווייל ניט קליין איז שוין ביז דעמאָלט געווען דאָ אין לאַנד די צאָל פון אַריבערגעקומענע טיטולירטע יונגעלייט, וואו פּאַר אַ פּאָר שווייצאַרישע לעקציעס פלעגן זיי, דורך אַ געוויסן מקח־וממכר איינהאַנדלען אַן אָנגעבלאָזענע דאָקטאָר־הוט.



דר. מענדל סודאַרסקי

עס נעמט, אָבער, גאָר ניט לאַנג, און איך ווער טאָטאַליסטיש, — ווי מען זאָגט היינט — באַפרייט פון אָט־דער דאָזיקער אפיקורסות מיינער. זיין אָפיס אין ניו־יאָרק, אויף דער 57טער גאַס, זיין צווייטער אָפיס אין ברוקלין ווערן גאָר שנעל דאָ אין אַמעריקע — אין וועלטס גרעסטן מעדיצינישן צענטער — אַטראַקטירט און באַוואוסט, אַזוי באַוואוסט, אַז מיין וויניקייט אפילו ווערט וועגן דעם קאָמוניקירט אַזש פון שטעט, מחוץ ניו־יאָרק. און זינט דאַן בין איך אַ שטילער מיטגייער אויף דר. סודאַרסקיס מאַרשרוט.

## ב.

די טעג, צי, בעסער געזאָגט, וואָכן האָט מען אין אַ גרעסערן צימער אין דער „פאָרווערטס"־געביידע, בסוד־סודות, אַריינגענאַרט דר. מענדל סודאַרסקין צו אַ באמתדיקער סורפּרייז־שמחה לכבוד זיין 1) דערהאַלטן זיך פון אַ גאָר־ערנסטער קראַנקייט און 2) אין סאַלוט צו זיין אַנזאַמל פון 65 גאָט־און־מענטש געבענטשטע יאָרן. וועלן דאָך סקעפּטיקער פרעגן: סטייטש, ווי קען מען דאָס אַזאַ ברייט־און־הויך־צעוואַקסענעם אינטעלעק־

טואַל, אַזוי לייכט־גיביק, אַריינגאַרן אין אַ קאָמפּלימענטן־מאַסקאַראַד ? וועלן מיר אָט־יענע חכמים ענטפערן, אַז גראָד די ע כ ט ־ גרויסע אינטע־לעקטואַלן איז, צוליב זייער תמימות טאַקע, גאָר ניט שווער צו פאַרקויפן אַ בער־אין־זאַק ; און, צווייטנס, האָט דאָ דער לויטערער אידעאַליסט — ווי מיר וועלן אָט־דעם שטריך פּרובירן אַרויסברענגען עטוואָס שפּעטער —זיך ד ו י ד ע ר גבבראַכט פאַרן קרבן צוליב דעם מאָנומענטאַלן בוך „ליטע", וואָס דאַרף און מוז דערשיינען, און אין וועלכן ער און זיין י ו נ ג נ ט ל ע כ ע פרוי אַ ל ט ע האָבן אַזוינע שווערע קרבנות שוין צוגעטראָגן.

און אויף אָט־דעם פאָלקס־באַנקעטל, וואָס דער קאָוונער אַרבעטער ברענטש האָט איינגעאָרדענט, האָט טאַקע „עמך" געדעדט וועגן זייע העלד, דעם „פאָלקס־דאָקטאָר", וועמעס אָפּיס אויף אַרזשעשקיענע 3 איז געווען פון די פּאָפּולערסטע אַדרעסן אין קאָוונע. איך האָב געהערט דעם אויפזינג פון פּאַציענטן, אין זייער איצטיקן כלומרשטן אָפּצאָל פאַר זיין דעמאָלטדיקער פרייער און דאָך אַזוי־אידעלער באַדינונג. און אין דער מאַטעריעל־אָרימער לומדישער סביבה פון ליטע — צו זיין אי אַ פּראָפעסיאָנאַל־גוטער דאָקטאָר און אי אַן אָן־געלטלעכער, אַ מין אליהו הנביא —איז דען אַ וואונדער וואָס זיין נאָמען האָט, ווי עלעקטריש־קראַפט, גע־צונדן די דמיונות און געדייצט די פאַנטאַזיע פון די אָנגעפּינטלטע שטע־טעלעך אַרום דער ליטווישער גרויס־שטאָט ? און נאָכן אויסהערן די אַלע ניט־רעדנער, און אַריינקוקנדיק אין זייערע פיל־זאָגנדיקע און דאָך־ניט־דערזאָגנדיקע בליקן איז מיר שוין גאָר קיין וואונדער ניט געווען, וואָס זיין רום און זיין פּאָפּולאַריטעט — ווי מיר רופן עס דאָ — איז אים נאָכ־געגאַנגען אַזש ביז די ניו־יאָרקער גאַסן און עוועניוס.

ג.

וואָלט דר. סודאַרסקי קיין זאַך אין זיין לעבן מער ניט געטאָן ווי זיך מאָנומענטיזירן אין די הערצער פון פאָלק אַלס גראַנד־פאַרמעסטיקער רופא־חולאים, וואָלט אָט־די אייגע עובדא געווען פאַר אים און פאַר אונז — דיינו. האָט ער, אָבער, נאָך אַ בלאַט אַלס קולטור־בויער פון רייבסטן גאָלד. ס׳איז אַ טועריי וואָס איז תכליתדיק פּרעמד צום אַמעריקאַנישן באַ־גריף פון „פּראָפעסיאָנעלן אידן". און, הפנים, אַז נאָר ליטע האָט געקענט אַרויסגעבן אַזאַ געשטאַלט, זי וואָס האָט געקענט מיט געצונדענע אותיות אויספורעמען דעם קאָנצעפּט פון תורה לשמה, האָט אויך, אין דער פי־גור פון מענדל סודאַרסקי, פאַרקערפּערט די טועריי לשמה.

ווען ליטע האָט, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, זוכה געווען צו זעלבסטשטענדיקייט זיינען אירע אידן, מיט זייערע לומדישע קעפּ, גע־וואָרן אירע פירער. זיי האָבן אַלע אירע גייסטיקע פּאָזיציעס כמעט פאַר־נומען, און אַלע אירע בענק באַזעצט. פון די דרדקי־בענק פון מלמדות ביז

די העכסטע בענק פון מלוכה־מיניסטאַרנשאַפט. דר. סודאַרסקי בלייבט, אָבער, מיט דער פולער שפע פון זיינע ענערגיעס, אין אידישן תחום. ער איז מלא כל הארץ מיט זיין וואָרט, מיט זיין צייט, מיט זיין געלט און מיט זיין השפעה. פאַרמירט זיך וואו אין דער ליטע אַ בילדונגס־געזעלשאַפט, צו פאַרשפרייטן תורה ברבים, איז ער איר פאַרזיצער; צעצווייגט זיך דאָרט אַן אָפטייל פון „אָרט״, — איז ער איר פרעזידענט; וואַקסט אויס די נויט אין דער גרינדונג פון אַ טעגלעכער אידישער צייטונג — די „פאָלקסבלאַט״, איז ער פון די ראשונים און — איר שעף־רעדאַקטאָר; און אַזוי איז ער אַקטיוו אין דער קאָמערץ־גימנאַזיע; איז טוער פון „אָזע; פירער פון „האיאס״, און כמעט אַ פאַרלויפער פון דער „איווא״ און איר גרויס־פאַרנעמיקער אונטערשטיצער.

## ד.

עס איז, דאַריבער, ניט שווער זיך צו פאָרשטעלן וואָס עס האָט זיך אין קאָוונע „אָפגעשפילט״ ווען מענדל סודאַרסקי איז געוואָרן אַ בן חמישים, און דעם ליטווישן אידנטום איז, אַזוי אַרום, געגעבן געוואָרן די גאָלדענע געלעגנהייט אַרויסצוזאָגן ברבים זייער קאָלעקטיוון „מזמור למענדל״.

עס איז מיר געלונגען אַריינצוהיימישן זיך אין דעם באַשיידענעם סודאַרסקישן מוזעאום און דאָרטן, צווישן אַנדערעס, אויך איבערלייענען דעם דאָקומענט וואָס דאָס ליטווישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט, אין פאַרבן און אויף פאַרמעט, צוגעטראָגן צו זייער מנהיג:

„ליבער פריינט דר. סודאַרסקי,

„צו אייער 50טן געבוירן־טאָג ווילן מיר אייך אויסדריקן די געפילן פון טיפער אַכטונג און דאַנקבאַרקייט פאַר אַלע גרויסע לייסטונגען אויף די געביטן פון אידישער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־אַרבעט, אויף וועלכע ס׳זיינען טעטיק די אונטן־אונטערגעשריבענע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וואָס ניט ווייניקע פון זיי האָבן כמעט אויסשליסלעך אייך צו פאַרדאַנקען זייער גרינדונג און זייער עקזיסטענץ.

„די ברייטע אידישע פאָלקס־מאַסן ווייסן און פילן, אַז איר האָט פאַר־שטענדיש פאַר זייערע נויטן און באַדערפנישן, אַז איר זענט זייער וואַ־רעמער איבערגעגעבענער פריינט, ענערגישער טוער און דערפאַרענער באַראַטער, און פון טיפסטן האַרצן זיינען זיי אייך דאַנקבאַר, און איר גע־ניסט דערפאַר זייער ליבע און אַכטונג.

„מיר ווייסן צו שעצן אייער איבערגעגעבנקייט און אייער זעלבסט־אויפאָפּפערונג פאַר די אינטערעסן פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכ־קייט, אייער שטענדיקע אינטענסיווע באַטייליקונג אין אַלע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס, אייער קאַמף פאַר דער מאָדערנער אידישער קולטור, פאַר די רעכט פון דער אידישער שפראַך, פאַר דער וועלטלעכער אידי־

שער שול, פאַר דעם איבערבוי פון אידישן לעבן און פאַר דעם פיזישן און גייסטיקן אויפקום פון פאָלק; די טריבונע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך אייער איניציאַטיוו און אומדערמידלעכער מיטאַרבעט און אייערע שטענדיקע זאָרגן צו שאַפן די מאַטעריעלע מיטלען פאַר איר; אייער באַשיידנקייט און גרייטקייט צו ברענגען פערזענלעכע קרבנות צוליב געזעלשאַפטלעכע צוועקן — דאָס אַלץ רופט אַרויס ביי אייערע פריינט גרויס באַוואונדערונג, הויכע אַכטונג און טיפע דאַנקבאַרקייט.

„צוזאַמען מיט אונז — אייערע נאָענטע פריינט און מיטאַרבעטער — ווילן זיך מיט אייך היינט פרייען און אייך באַגריסן אייערע אומצאָליקע פריינט פון נאָענט און ווייט — פון אינלאַנד און אויסלאַנד, וועלכע האָבן געהאַט דעם פאַרגעניגן זיך מיט אייך צו באַקענען ביי דער אַרבעט.

„היינטיקער טאָג איז ניט נאָר אייער יום־טוב — ער איז אויך אונזער אַלעמענס יום־טוב. און אין נאָמען פון די געזעלשאַפטן, וואָס מיר רעפּרעזענטירן, ברענגען מיר אייך אונזערע האַרציקסטע ברכות און ווינטשן אייך נאָך פיל, פיל יאָרן צו זען ביי דער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט אין די פאָדערשטע רייען פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט און קולטור.

„קאָוונע, דעם 14טן דעצעמבער, 1935.

„געז. „אָזע״; געז. „אָרט״; „בילדונגס־געז.״; „דובנאָוו־פאָנד״; „האיאס״; „איוואָ״; „געז. ליבהאָבער פון וויסן״; „פאָלקסבלאַט״; „קאַמערץ־גימנאַזיע״.

אויף אָט־דעם דאָקומענט איז ניטאָ צו קאָמענטירן. דאָ איז מיט סקאַרבאָוון נוסח פאַרצייכנט די דברי הימים פון אַ צדיק־הדור, וועמען עס איז ביים בלי־פון־לעבן באַשערט געווען אויף אַלע וועגן זיינע אָנצוגעגענען אַזוי פיל בליקן פון דאַנקבאַרקייט, אַזוי פיל פילאַרטיקע ברכות אויף די ליפּן פון זיינע בני־עיר און פון די בני־המדינה.

## ה.

למען האמת, און למען געשיכטע, פיל איך עס פאַר דעם חוב פון מיין פעדער צו פאַרצייכנען, אַז מענדל סודאַרסקי וואָלט אפשר ניט געקענט אַזוי צעשפּרייטן זיינע ברייטע הענט און זעיען און וואַרפן מיט זשמעניעס גוטסקייט ווען ער זאָל ניט קיין בר־מזל געווען און ניט האָבן געוואונען די האַרץ פון אַזאַ זעלטענער אשת חיל, ווי עס איז זיין א מ ת ע לעבנס־באַגלייטערין — אַלטע סודאַרסקי. זי איז אַ גאָר וויכטיקע טוערין — אויף אייגענעם חשבון. זי איז מיידלוויז אַוועק פון אַ רוסיפיצירטער סביבה, און איז באַוואוסטזיניק און „בקומה זקופה״, „אַוועק אין פאָלק״, האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט די אידישע פאָלקס־מענטשן — מיט זייערע נויטן און מיט זייערע דורשטן. איז געוואָרן אַ אידישע טוערין אין סיביריש כאַרבין. און ווען זי געוואָרן „לבשר אחד״ מיט מענדלען — איז

דאָס געווען אַ זיווג מן השמים צו קענען גרונטיקן אַ היים און אַ הויז אין ישראל. זייער אינטימען מקום קדוש האָבן זיי גלייך און בכוונהדיק פאַר־וואַנדלט אין אַ רשות הרבים. אין אַ עלעגאַנטן רשות הרבים — אין אַ סאַ־לאָן, אין אַ בית ועד לחכמים. דאָרטן האָט תורה געפונען די נויטיקע שוועלן און חכמה — די ריכטיקע ווענט. ס'איז געווען די היים פון די שרייבער. די אָפענע אכסניה פאַר די עולים־גדולים פון גאַר דער וועלט. מלך ראַוויטש שרייבט ערגעץ־וואו, אַז „סודאַרסקי פלעגט אויפנעמען אידישע שרייבער, אַזוי ווי יעדער איינער באַזונדער וואָלט געווען דער מלך מלכי המלכים פון דער מלוכה פון די 22 אותיות".

ו.

קיין סודאַרסקיס פאַלן ניט אַראָפּ פון הימל. מען דאַרף עפּעס אויך מתקן זיין אויף דער ערד. זיין טאַטע, יצחק סודאַרסקי, פון ליטווישן גרענעץ־שטעטל ווישטינעץ, האָט אין אים אַריינגעפּאַקט היפּש תורה און דרך ארץ. זייענדיק אַ חשוב אין שטעטל און אַ פאַרמעגלעכער דערצו האָט ער שוין אַכטונג געגעבן אַז מענדעלע זאָל אַ שווים־טאָן אין דעם ים התלמוד אונטער דער סאַמע השגחה פון זיין זיידן, משה סודאַרסקי, וואָס האָט געשמט אַלס איינער וואָס קען „לייגן קלאַפּטערס" אין תלמודישן ים, און האָט אפילו אייניקע תלמודישע חבורים אויף זיין חשבון. דער טאַטע האָט אויך געזען צו פאַרזאָרגן זיין געראָטענעם אינגל מיט די געהעריקע מלמדים אין תנ"ך און אין חכמת ישראל. ער איז, הייסט עס, גוט צוגע־גרייט געוואָרן צו פירערשאַפט ביי אידן. און ס'איז דאָך אַ פאַקט, אַז דאָס ליטווישע ניו־יאָרק האָט געוואַרט אויף איר באַרופענעם פירער, ווייל גלייך מיט די סודאַרסקיס אַריינקומען קיין אַמעריקע האָט מען „אויף דער אידישער גאַס" אָנגעהויבן רעדן און הערן וועגן די ליטוואַקעס. דר. סודאַרסקי האָט געהאָלפן גרינדן די „אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון ליט־ווישע אידן"; איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „ליטווישער איד"; און פונקט ווי אין קאָוונע איז ער געווען דער צענטראַלער נערוו פון גאַנצן וועלטלעך־געזעלשאַפטלעכן אידישן לעבן, אַזוי איז ער אין אַמע־ריקע געוואָרן דער אַקס, אַרום וועלכן עס דרייט זיך אַלץ און אַלעס אין שייכות מיט ליטוויש־אידישע טעטיקייטן, און, איבערהויפּט, זייער קרוין־אַרבעט — דער גרויסער פּנקס „ליטע", וועמעס ערשטער באַנד פון 900 גרויסע זייטן וועט די טעג—ענדלעך־ענדלעך—דערשיינען, וועל־כער וועט ניט נאָר זיין אַ גראַנד־מאָנומענט פון 700 יאָר אידיש לעבן אין ליטע, נאָר פון וועלכן עס וועלן אויך אַרויסשטראַלן, אין בלענדונג, אַלע פערזענלעכע, אידישע, שרייבערישע און רעדאַקטאָרישע מעלות פון דעם ליטווישן איש־תמים, וועלכער איז אייניציק אויך מיט דעם, וואָס ער איז געאַכט ביי זיינע אידייאישע קעגנער און באַליבט ביי זיינע פּאָליטישע שונאים.

# לואי סטאָלבערג

## א

ווען אַן אונזעריקן קומט אויס — הלוואי זאָל אַזוינס ניט אויסקומען — דורכבראָדיען דעם עיפּושדיק־ברודיקן טייכל פון פּעג־לערישער יוניאָן־פּרעסערישער און היסטעריש־וואולגאַרער פּאַגראָם־קאָלומניסטיק וואָלט איך אַזאַ איינעם האַרציק רעקאָמענדירט אַלס

מיטל פון מאָמענטאַנער נערוון־באַרואיקונג צו זיין אַ 15־20 מינוט אין דער פרינצלעכער חברותא פון לואי סטאָלבערג — דער מוסטער־האַפטער טיפּ יוניאָן־פירער פון דער אינגערער גענעראַציע אין אַמע־ריקע.

איך אַליין האָב עטלעכע מאָל גענאָסן אָט־די זעלטענע הנאה. גענאָסן, און ניט געוואוסט וואָס פריער און וואָס שטאַרקער צו באַ־

וואונדערן אין אים: זיין לויטערע פּשטות, צי זיין קוואַליקע עכטקייט; זיין האַרמאָנישע גאַנצקייט, צי זיין פאַרגייסטיקטע אידלקייט; זיין סקולפּטורישן פּנים, צי זיין דיכטערישן געמיט; זיין אין־גאָלד־געוואוי־גענעם ריידן, צי זיין אין־גינגאָלד־געשעצטערן שווייגן.

איז כדאַי דאָ גלייך זיך אָפּרוען אַ רגע אַרום דעם גרויס וואָרט: שווייגן. די מינצער אין דער לאַבאָראַטאָריע פון וואָרט ווייסן זיין ווערט. נאָר אַם מערסטן ווייסן און שאַצן זיין אומפאַרמיידלעכן באַשטאַנד־טייל די מייסטער פון מעלאָדישן קלאַנג — די מוזיקער. זיין יחוס־נאָמען איז פּאַוזע. אָוועקצונעמען פון דער מוזיק די פּאַוזע — הייסט אַוועקצונעמען פון איר די נשמה. איז ווען מען קוקט זיך דאָ צו דרינגלעך צו דער איינגעשלאָסענער געשטאַלט פון מיין איצטיקן העלד — דערפילט מען די וואָגיקייט פון זיינע פאַרקלעמטע ליפּן; אָנט מען, אַז הינטער דעם פאַרשלאָסענעם מויל זיינעם ליגן פאַרזיגלטע ווער־ווייסט וויפל סודות, — ניט נאָר סודות פאַר וועלכע די שעה און דאָס פאָלק זיינען, אפשר, נאָך ניט ראוי פאַר דעם, נאָר אויך פאַרבאָרגנ־קייטן פון זיין אייגענעם לעבן.

## ב

ווי אַלץ אין סטאָלבערגן איז עכט און נאַטירלעך, — אַזוי אויך די באַשיידנקייט. פון מיינע איינציקע געשפּרעכן מיט דעם וועטעראַן פון דער יוניאָן־באַוועגונג, איזידאָר שיינהאַלץ, דער סעקרע־טאַר־טרעזשורער פון לאָקאַל 62 און מר. סטאָלבערגס רעכטע האַנט, איז מיין איינדרוק נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן. אָבער אַז איך האָב געוואָלט קריגן געוויסע ביאָגראַפישע מאַטעריאַלן סיי פון מר. שיינהאַלץ און סיי פון דער קולטור־דירעקטאָרשע פון דער יוניאָן, און ביידע האָבן מיר נאָר, אין זייער העכסטער פריינטלעכקייט, געקענט צושטעלן גאָר־מאָגערע ידיעות — ערשט דאַן האָב איך איינגעזען די עכטקייט פון מיין איצטיקן העלדס באַשיידנקייט. אין דער יוניאָן איז ניטאָ אַפילו קיין פּערזענלעכע „פּאָרטפאָליאָ" פון דעם מענטשן — פון דעם מענעדזשער וואָס איז ניט נאָר באַליבט און הויך־רעספּעק־טירט פון אַזעלכע לאָקאַל 62ער „אָלד־טיימערס", ווי מאָריס זייעץ, מערי גאַף, און פעני שאַפּיראָ — די דריי ביזנעס־אַגענטן, וועמען איך האָב דעם כבוד צו קענען פּערזענלעך — נאָר אויך פון פילע „רענק־און־פאַילערס", מיט וועמען איך פלעג פון צייט צו צייט פּרו־בירן צו פאַרבינדן געשפּרעכן.

אין קלאַסישן לאַנד פון רעקלאַמע, אין יאָר טויזנט ניין הונדערט און צוויי און פופציק, אַנצוטרעפן אַ לעבעדיקן אויסטייטשער פון אַ „בורח מפני הכבוד" — דאַרף מען ניט אויף דעם מאַכן אַ ברכה? האָב איך טאַקע אַזאַ ברכה געמאַכט.

## ג

פון די מאַגערע ידיעות וועגן סטאָלבערגן ווייסן מיר, אַז ער איז אַן אַמעריקאַנער פּראָדוקט. ער איז געקומען קיין קאַנאַדע (טאָראָנטאָ) מיט זיינע עלטערן פון אַ טל־זמטר־שטעטעלע באַגריאַ (ראַ־דאָמער גובערניע), פּוילן אין דריי־און־אַ־האַלב־יעריקן עלטער. די וואָס האָבן וועגן באַזוכט טאָראָנטאָ האָבן, אפשר, אויך ווי איך געקראָגן דעם איינדרוק, אַז טאָראָנטאָ איז אַן אַמאַלגאַם פון אַ סך פּויליש־גאַליצישע שטעטעלעך, וועלכע זיינען איבערגעפלאַנצט געוואָרן אויף קאָלאָמבוסעס קאָנטינענט מיט האַק־און־פּאַק און האָבן עד־היום באַוויזן אויפצוהאַלטן די שטעטלשע פּאָלקסטימלעכקייט און וואַרעמקייט. פופצן יאָר צו לעבן, צו ווירקן און, אַפילו, נאָר צו איינאָטעמען די לופט פון אַזאַ פול־פולסירנדיקן און גאַנצן שטייגער־לעבן איז גאָר ניט קיין שלעכטע שולע אין אידישקייט. אין אָט־די 15 יאָר איז ניט נאָר סטאָלבערג דורכגעגאַנגען די מלוכהשע שולע, דעם אידישן חדר, נאָר אויך די היימישע נויטן, גאָרקיס „אוניווערסיטעטן", — אַ גוטע צו־גרייטונג פאַר אַ 14־יעריקן גוט־באַלאַנסירטן אינגל אויף אַריבערצו־טרעטן די שוועל פון אַ שאַפּ, אַן פאַרביטערונג, אַן פאָראורטייל, כדי צו ווערן עקאָנאָמיש זעלבשטענדיק און אויך כדי צו קענען לינדערן כאָטש עטוואָס טאַטע־מאַמעס נויטן. ער האָט זיך גענומען לערנען די מלאכה פון אַ קלאָוק־קאַטער, און האָט זיך, נאַטירלעכערוויז, אָנגעשלאָסן אין דער דאָרטיקער יוניאָן. אינטעליגענץ, פייאיקייט און אידעאַליזם ציען אים אַריין אין אַקטיווער ראָליע אין קלאָוקמאַכער סטרייק פון 1918. פאַר זיינע הערלעכע און ליכטיקע מעשים אויף דעם יוניאָן־פראָנט ווערט ער, מעשה צדיק אויף דער וועלט, באַלוינט מצד די טאָראָנטער מאַנופעקטשורערס מיט דער אויסצירונג פון זיין נאָמען אין דעם שוואַרצן בוך זייערן. ער ווערט געשטעלט פנים אל פנים מיט הונגער, און — עכט־אידישלעך — וואַנדערט ער אויס קיין שיקאַגאָ, וואו ער פאַרפולקאָמט זיך אין אַלגעמיינער לערע אין דאָרטיקן אוניווערסיטעט און שלייפט גלייכצייטיק אויס זיינע יוניאָניסטישע כלי־זיין אויפן אָרגאַניזאַטאָרישן געביט.

צווישן די יאָרן פון 1919 ביז 1923 הויבט זיך אָן אַרויסזען זיין שלאַנקע פיגור צווישן די דאָרטיקע יוניאָן־טוער, און זיין רום הויבט אָן אַריבערשפּרייזן דעם לאָקאַלן גרענעץ. דער דעמאָלטיקער אינטער־נעשאַנאַל פּרעזידענט מאָריס זיגמאַן באַשטימט אים אַלס אָרגאַניזאַטאָר אין די אָהייאָ־שטעט טאָלידאָ און קליוולאַנד. דערמוטיקט פון זיינע דערפאָלגן אין דער פּראָווינץ, קומט ער קיין ניו־יאָרק, וואו ער ווערט צוגעצויגן צו פאַרשיידענע פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן: אין 1929 — ביזנעס־אַגענט אין קלאָוק־דעפּאַרטמענט; אין 1933 ביז 1945 — אַסיס־טענט־מענעדזשער פון לאָקאַל 10; אין 1945 ביז 1947 — אַסיסטענט־

גענעראַל־סעקרעטאַר פון אינטערנעשאַנאַל; אין 1947 ביז איצט — מענעדזשער פון „אַנדערגאַרמענט און נעגליזשעי״ אַרבעטער יוניאַן לאָקאַל 62.

ד

צו באַגרייפן די וויכטיקייט פון סטאָלבערגס איצטיקן פּאָסטן, דאַרף מען פאַרשטיין די אייגנאַרטיקע סטרוקטור פון אָט־דער יוניאָן און, איבערהויפּט, איר פאַרביקע געשיכטע. דער איצטיקער מעכטיקער לאָקאַל 62 האָט אַמאָל געהאַט אַן אַנדער נאָמען, אַ גאָר בכבודיקן נאָמען: „ווהייט גודס אַרבעטער יוניאָן״. און עס איז כדאַי, דעריבער, צו מאַכן אַ קליינע עקסקורסיע מיט אונזער פאַרשטאַרבענעם פריינט, דעם לייבאָר־היסטאָריקער ב. ווייִנשטיין, אין זיין ווערטפולן בוך „אידישע יוניאָנס אין אַמעריקע״, וואו ער שילדערט דעם בראשית פון אָט־דער יוניאָן:

„דעם 8טן יאַנואַר, 1913, האָט די אינטערנעשאַנאַל דערקלערט אַ סטרייק פון ראַפּערס, קימאָנאָ און הויז־דרעס אַרבעטער, וועלכע זיינען באַשטאַנען מערסטנס פון יונגע מיידלעך.

„אויפן צווייטן טאָג האָט אויסגעבראָכן אַ סטרייק פון עטלעכע טויזנט „ווהייט־גודס״ אַרבעטער, כמעט אַלע פרויען, וואָס האָבן געאַרבעט אין די שעפּער ביי די ווייסע פרויען־אונטערוועש.

„אַלס ווהייט־גודס אַרבעטער ווערן פאַררעכנט די אַלע, וועלכע זיינען באַשעפטיקט ביים מאַכן פרויען־אונטערוועש, אונטערקליידער און קאָרסעט־קאָווערס. ווהייט־גודס האָט מען עס גערופן דערפאַר, וואָס די סאָרטן קליידער פלעגן געמאַכט ווערן, מערסטנס, פון ווייסע קאָטענע סחורה.

„אין יאָר 1912 איז די צאָל אַרבעטער אין די פאַבריקן פון דעם פאַך געווען ביי אַ פערצן טויזנט. אַחוץ דעם האָבן פיל אַרבעטער נאָך געאַרבעט אין „קאָנטראַקטינג״־שעפּער.

„די אַרבעטער פון די „אינסייד״־פאַבריקן זיינען באַשטאַנען, מערסטנס, פון אַמעריקאַנער, אָדער אַמעריקאַניזירטע פרויען. זייערע אַרבעטס־באַדינגונגען און פאַרדינסטן זיינען געווען פאַרהעלטניסמעסיק בעסערע ווי אין די „קאָנטראַקטינג״־שעפּער, וואו עס האָבן געאַרבעט, מערסטנס, ניט־לאַנג אַריבערגעקומענע איטאַליענישע, אידישע, סירישע און סלאַווישע פרויען און יונגע קינדער צווישן 14 און 16 יאָר אַלט.

„די אַרבעטס־באַדינגונגען אין די קליינע „קאָנטראַקטינג״־שעפּער זיינען געווען אמת־שוידערלעכע. די שעפּער האָבן זיך געפונען אין אַלטע, אָפּגעלאָזענע, שמוציקע געביידעס. קיין פעסט־באַשטימטע אַרבעטס־שטונדן זיינען ניט געווען. די שכירות זיינען געווען קלעגלעכע. אַן אָנפאַנגער פלעגט אַרבעטן פאַר צוויי־דריי דאָלער אַ וואָך.

און אזוי ווי קיין גרויסע דערפארונג אדער קענטניס האט זיך צו דעם סארט ארבעט ניט געפאדערט, האבן די באלעבאטים געקענט גאנץ גוט אויסקומען מיט לערנערס. דאס האט געבראכט דערצו, אז די שכירות פון די דערפארענע ארבעטער אין טרייד זאלן אויך זיין זייער נידעריקע.

„קיין גרויסע גליקן האבן די ווהייט־גודס ארבעטער פון די „איב־סייד"־שעפער אויך ניט געהאט. אמת, אין פארגלייך מיט די קלעגלעכע ארבעטס־באדינגונגען, וואס האבן געהערשט אין די „קאנטראקטינג"־שעפער, איז זייער לאגע געווען פיל בעסער. קיין יוניאן איז אין טרייד ניט געווען. די ארבעטס־וואך איז געווען פון 58 ביז 60 שטונדן, און די שכירות זיינען געווען קליין.

„אין 1909 איז ארגאניזירט געווארן די ווהייט־גודס ווארקערס יוניאן לאקאל 62 פון דער „אינטערנעשאנאל".

„ארום דריי און א האלב יאר האט זיך די יוניאן אפגעגעבן מיטן ארגאניזירן די ארבעטער פון טרייד, מיט באפעסטיקן זיך און צוגרייטן זיך צו א קאמף מיט די באלעבאטים. אין אנפאנג פון יאר 1913 איז ארויסגערופן געווארן דער ערשטער אלגעמיינער סטרייק אין טרייד.

„דער קאמף פון די ווהייטגודס ארבעטער איז געווען איינער פון די וואונדערבארסטע סטרייקס, וואס ארבעטער האבן ווען־עס־איז דורכ־געמאכט. די אומדערפארענע, אויסגעמאטערטע פרויען און יונגע קינ־דער פון די „ווהייט־גודס" שעפער האבן ארויסגעוויזן אזא מוט, אזא וואונדערבארע אויסגעהאלטנקייט און באוואוסטזיין, אז זיי האבן צו זיך ארויסגערופן דעם גרעסטן רעספעקט און סימפאטיע ניט נאר אין די ארבעטער־קרייזן, נאר אויך ביים אלגעמיינעם פובליקום. די באלעבא־טים זיינען געווען שרעקלעך איינגעשפארט. זיי האבן בשום אופן ניט געוואלט אנערקענען די יוניאן".

דאס עקשנות און די ברוטאליטעט פון די באסעס קעגן די קינ־דער־ארבעטער האבן דעמאלט אויפגערודערט די שטאט, אז ס'האט אזש א צופ־געטאן ביים הארצן די לײדיס פון די „הויכע פענסטער". און עס איז, דעריבער, געווען פראנט־זייט סענסאציע דאס סאלידארישע מארשירן פון די פיינפטע עווניו־דאמען מיט די סטרייקערינס אויף דער פיקעט־לאין. אנגעהאלטן די סענסאציע האט דער באזוך פון דעם דעמאלסטיקן ניו־יארקער ליבעראלן מעיאר גיינאר. און אומגעווארפן אלעמען פון גלייכגעוויכט האט דער פארבן־רייכער עקס־פרעזידענט פון אמעריקע טעאדאר רוזוועלט. דעם 22טן יאנואר, 1913 איז ער געקומען, בכבודו ובעצמו, צו דעם פארזאמלונג־פלאץ פון די סטריי־קערינס און האט פאר זיי געהאלטן אן אויפמונטערנדיקע רעדע, — א רעדע וואס האט ניט נאר געשטארקט די געמיטער און געקרעפטיקט די הערצער פון די רעוואלוציאנער־געשטימטע מיידלעך, נאר ס'איז

געווען אַ רעדע וואָס האָט, ווי אַן עלעקטרישער ציטער, אַ ריר געטאָן דעם געוויסן פון אַמעריקאַנער פאָלק. דער סטרייק איז טאַקע באַלד געוואונען געוואָרן. און אַזוי אַרום איז דעמאָלט, אין בלוט און אין פייער, פאַראַנקערט געוואָרן איינע פון די קעמפערישסטע יוניאָנס דאָ אין לאַנד — אויפגעקומען צו לעבן און צו ווירקן ווי אַ מוסטער און אַ לערע פאַר דורות.

בעת יענע קאַמפן האָבן זיך אַנגעהויבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט לואיס סטאָלבערג געגומען שטעלן זיינע ערשטע טריט אין קאַנאַדע. צוערשט: אַלס אַרבעטער, צו קענען, אויף אייגענעם לייב, דעם מעכאַניזם פון שאָפּ. און דערנאָך, מיטן גאַנג פון יאָרן, פון לערע צו לערע, פון לאָקאַלן קאַמף צו אַ מער־אויסגעברייטערטער סטראַטעגישער פּאָזיציע ביז צו זיין איצטיקן בכבודיקן און אַחריות־פולן שטול פון וויצע־פּרעזידענטשאַפט אין דער מעכטיקער „אינטער־נעשאַנאַל".

## ה

אינם איצטיקן צעטל פון וויצע־פּרעזידענטן געפינען זיך איי־ניקע וואָס האָבן דורכגעמאַכט שטורמישע גלגולים ביז זיי זיינען צו זיך געקומען און צו זייער איצטיקער פּאָזיציע. לואי סטאָלבערג האָט אַזעלכענע אינערלעכע קאַמפן ניט געדאַרפט פירן. ער האָט קיינמאָל ניט געפלירטעוועט מיט דער רויטער בלאַנדינקע, און האָט דערפאַר ניט געהאַט פאַרוואָס צו שלאָגן זיך „חטאתי". ער האָט אויך קיינמאָל קיין שטיינער ניט געוואָרפן אַריבער די ציוניסטישע פּלויטן (ווייל שוין אַלס יונגער בחורל איז ער געווען אין די דעמאָלטיקע אומפּאָפּולערע רייען פון די פּועלי־ציון), און האָט זיך, דעריבער, איצט ניט געדאַרפט, מיט גיכע טריט, אַרויפכאַפּן אויף דעם ישראלי „בענד־וועגאָן".

אין סטאָלבערגן הויזן, דעריבער, אין זעלטענער האַרמאָניע, זיין אידישקייט און זיין אַמעריקאַנישקייט; זיין ציוניזם און זיין לייבאָריזם.

## ו

אין 1951 האָט די היגע אַרבעטער־וועלט, מיט לאָקאַל 62 בראש, געפייערט זיין 50סטן געבורטסטאָג. אין אויסזען איז ער, אָבער, פיל אינגער. מען קען און מען זאָל, דעריבער, פון אים נאָך פיל דער־וואַרטן. ער האָט זיין לעצטן וואָרט נאָך ווייט־ווייט ניט געזאָגט. ווייל פּונקט ווי ער איז אַ מייסטער אין דעם קונסט פון רײדן, איז ער אויך אַ ווירטואָז אין דער ניט־קלענערער קונסט פון שוויגן. און קוקנדיק אים אין די ווייכע און תמימותדיקע אויגן פון זיין סקולפּטורישן פּנים, זעט מען, אַז זיין בליק שפּיזט אין דער ווייט, און זיין וועג איז נאָך אַ לאַנגער און אַ ווייטער.

# לואי סיגאַל

## א

צווישן די בויער און שאַפער פון מיין דור, וועמעס געשטאַלטן איך פּרוביר, פון צייט צו צייט, צו צייכענען, געגן איך זיך אָן אויף „פאַרבאָרגענע" פּנימער און אויף „אָפענע". מיין איצטיקער העלד, דאַכט מיר, געהערט צו די „אָפענע" פּנימער. זיין לעבן — וועלכן ער האָט אַזוי ברייט־האַנטיק פאַרנאַנדערגעזייט אויף די פאַרשיידנאַרטיקסטע פעלדער פון זיין פאָלק — איז אַן אָפענער צעבלעטערטער בוך. און טאָמער ריידן זיינע מעשים נאָך ניט קלאָר און אָפן גענוג, איז ער נאָך אַ רעדנער דערצו. און פון אַזאַ שולע, וואָס ניט נאָר רעדט ער מיט האַרץ, נאָר ער רייסט ממש אַרויס זיין האַרץ און טראָגט עס אונטער פאַר אייערע אויגן. און ווען טאַט און וואָרט זעטיקן נאָך ניט זיין קיינמאָל־ניט־געזעטיקטן געזעלשאַפטלעכן אַפּעטיט, נעמט ער זיך צו דער פּען, כדי זיין רוף־צו־טאַט זאָל געטראָגן ווערן צו אַלץ ברייטערע שיכטן, צו אַלץ־ווייטערע קרייזן. און אויב אונטער די פליגלען פון זיין שטורמיש, רודעריש לעבן האָט זיך נאָך אַלץ געקענט פאַרבאַהאַלטן עטוואָס פאַרבאָרגענעס, האָבן זיינע חברים, אין יאָר 1951, צו דער געלעגנהייט פון אַ רונדער קאַלענדאַרישער דאַטע, פאַנאַנדערגעציילט די וואונדער־מעשהלעך פון זיין לעבן און פאַנאַנדערגעזונגען די העראָען־לידער פון זיינע קאַמפן אין אַן איבער־דריי־הונדערט־זייטיקן בוך א. נ. „ל. סיגאַל".



לואי סיגאַל

## ב

איינער פון לואי סיגאַלס פאַרערערשע חברים האָט זיך גענומען די פריידיקע מי צו פאַרצייכענען זיינע „ביאָגראַפישע נאָטיצן", און האָט מיט די „נאָטיצן" — פאַר מיר, אַלנפאַלס — געוויזן

דעם באַדן פון וועלכן עס האָט אַרויסגעשפּראָצט לואי סיגאַלס פּועלי־ציוניזם. ווען געבאָרן אין לאָוויטש, וואַרשעווער גובערניע (אין יולי, 1895) ביי אַ טאַטן פון גרויס־רבנישן יחוס און ביי אַ מאַמען פון גרויס־סוחרישן פּאַרנעם, און מען פאַרלירט דעם טאַטן צו ניין יאָר און מען דאַרף גלייך נעמען העלפן דער מאַמען שלעפּן דעם עול־פון־פּרנסה — דאָס, זאָג איך, איז פאַר די יונג אַלט־ווערנדיקע אינגלעך פון פּוילן אַ גאַר פיינע הקדמה צו אַ פּועלי־ציוניסטישער פילאָסאָפיע אין לעבן.

פילאָסאָפיע קען בלייבן אין בוך, צי אין דער נשמה, אָדער זי קען אַרויסגעטראָגן ווערן אין גאַס און אַריינגעטייטשט ווערן אין לעבן. ווען נויט טרייבט דעם אינגל סיגאַל זיך נעמען צו אַ מלאכה (זאָקן־מאַכעריי), און ביי דעם פאַך ברעכט אויס אַ סטרייק, גערופן און אָנגעפירט פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן — דעמאָלט ווערט די פילאָסאָפיע אי אַ לערע אי אַ וואָפע. און דאָ וועט זיין אינטערעסאַנט צו אָבזערווירן די ערשטע טריט פון אונזער אינגל־העלד אַלס שליח ציבור, לויט ווי עס דערציילט זיין „נאָענטער" פריינט אין דעם נעמלעכן בוך:

„אַ לאַנגע צייט האָבן די באַלעבאַטים זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרהאַנדלען קאָלעקטיוו מיט די אַרבעטער.

„דער סטרייק איז געפירט געוואָרן מיט אַ סך ברען. עס זיינען אויך באַנוצט געוואָרן שאַרפע מיטלען (מען האָט געשלאָגן סטרייק־ברעכער, פאַרברענט דעם באַוול וואָס מען האָט געשיקט אין אַנדערע שטעטלעך צו מאַכן זאָקן, א. אַז. וו.). ווען די באַלעבאַטים האָבן ענדלעך צוגעשטימט צו פאַרהאַנדלען מיט אַ קאָמיטעט, איז ל. סיגאַל, וואָס איז דאַן אַלט געווען אַרום 12 יאָר, באַשטימט געוואָרן צו זיין איינער פון דריי צו פאַרהאַנדלען מיט די באַלעבאַטים.

„אין דער באַשטימונג פאַר אַזאַ חשובער שליחות האָט אַ סך מיטגעהאָלפן ערשטנס זיין יחוס, אויך דער פאַקט, וואָס דער הויפּט באַלעבאָס איז געווען אַ גערער חסיד; סיגאַלס פאַרשטאָרבענער פאָטער איז אויך געווען אַ גערער חסיד און צווישןביידע פאַמיליעס איז געווען אַ שטאַרקע פריינטשאַפט.

„ווען די באַלעבאַטים האָבן אויפגענומען דעם קאָמיטעט און סיגאַל האָט פאָרגעלייגט די פאָדערונגען פון די סטרייקער, באַנוצנדיק דעם אויסדרוק „מיר האָבן אַזוי באַשלאָסן", האָט דער הויפּט באַלעבאָס זיך שטרענג געווענדט צו סיגאַלן און געזאָגט, „ביי מיר 'מירט' מען ניט".

„אויב דו ווילסט נאָך אַמאָל באַנוצן דאָס וואָרט 'מיר', זיינען אונזערע פאַרהאַנדלונגען גלייך געענדיקט".

„דער יונגער סיגאַל איז געוואָרן צעטומלט פון די שאַרפע ווערטער פון הויפּט באַלעבאָס און געענטפערט: „אין אונזערע געשפּרעכן

וועלן מיר דעם וואָרט „מיר" מער ניט באַנוצן, אָבער איר זאָלט געדענקען, אַז אַלע סטרייקער האָבן אונז געשיקט".

„דער אויסגאַנג פון די פאַרהאַנדלונגען איז געווען גינסטיק פאַר די סטרייקער; יענער ערשטער סטרייק אין לאָוויטש האָט פאַקטיש געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער גרינדונג פון די אידיש־סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין שטעטל (ס. פּ., פּועלי ציון, בונד, אויך אַ אידישע אָפּטיילונג פון פּ. פּ. ס.).

„דער יונגער סיגאַל איז, אַלס רעזולטאַט פון דעם אויסגאַנג פון סטרייק, געוואָרן אַ גאַנצער מיוחס ביי די זאַקן־אַרבעטער און ביי די אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן.

„ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ פּועלי־ציון גרופּע אין שטעטל, האָט ער זיך אין איר אָנגעשלאָסן, און מיט דעם פאַנגט זיך אָן זיין אַרבעטער־ און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט."

### ג

ביז דעם זעכצנטן יאָר פון זיין לעבן האָט סיגאַל פאַרזוכט סיי דעם פּולן ביטערן טעם פון היימיש־שטעטלשער נויט, סיי די פולע פרומע פרייד פון די ערשטע פאַרטייאישע מצוות — אַ געניגנדיקער פּעקל באַגאַזש מיט וואָס צו קומען אין פּיאָנערן־לאַנד אַמעריקע. יע, דער אמתער פּיאָנער איז ער געווען! אָן אַ גואל, אָן אַ קרוב, אָן אַ פריינט!

„סיגאַל — דערציילט אונז זיין נאָענטער פריינט — האָט זיך געלאָזן אין וועג אַריין מיט דריי רוסישע רובל, ניט אָנזאָגנדיק קיינעם אין דער היים אַז ער פאָרט אַוועק, ניט וועלנדיק אַרויסרופן טרויער און פאַרצווייפלונג אין דער משפּחה מיט זיין פאָרן קיין אַמעריקע (און ווער ווייסט וואָס ס'וועט דאָרטן ווערן מיט זיין אידישקייט), אויך ניט וועלנדיק פאַרשאַפן זיין מאַמען, דער אַלמנה, צער, אַז עס פאָרט אַוועק דער פּרנסה געבער פון הויז.

„סיגאַלס ערשטע אַמביציע איז געווען זיך אַריבערצוכאַפּן דעם רוסיש־דייטשן גרענעץ. האָט ער זיך געלאָזן אויפן וועג קיין דאָבזשינסק. אין דעם שטעטל האָט געוואוינט אַ פוטער־סוחר, וואָס פלעגט יעדן יאָר קומען אין לאָוויטש צום מאַרק פון פוטערוואַרג און פלעגט איינשטיין אין הויז פון סיגאַלס משפּחה.

„קומענדיק קיין דאָבזשינסק האָט אים טאַקע דער פוטער־סוחר געהאָלפן אַריבערגיין דעם גרענעץ.

סיגאַל איז אָבער געכאַפּט געוואָרן פון דער גרענעץ־וואַך און איז אַרעסטירט געוואָרן. מיט גרויסע שוועריקייטן האָט ער זיך באַפרייט פון טורמע אין דעם קליינעם שטעטל, ער האָט זיך אַריבערגעכאַפּט דעם גרענעץ און מיט דער הילף פון דייטשן הילפס־פאַראיין,

ווען פאַרשטייער ס'האָט געוואונט אין שטעטל, איז ער געקומען קיין ברעמען.

„אין ברעמען איז פאַר אים איינגעאָרדנט געוואָרן אַ מעגלעכקייט צו פאָרן מיטן 4טן קלאַס קיין גאַלוועסטאָן (די רייזע האָט געדויערט 23 טעג).

„אויף דער שיף האָט ער געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ סטרייק פון די פּאַסאַזשירן פון דריטן און פערטן קלאַס זיי זאָלן קריגן בעסער עסן און בעסערע באַהאַנדלונג.

„דער סטרייק איז געוואונען געוואָרן. דער קאַפּיטאַן און זיינע געהילפן האָבן געקראָגן גרויס דרך־ארץ פאַר די אימיגראַנטן און פאַר סיגאַלן, אַלס זייער אָנפירער.

„דאָס ביוראָ פון קאָמיטעט אין גאַלוועסטאָן, וואָס האָט די אי־מיגראַנטן אויפגענומען, איז אינפאָרמירט געוואָרן וועגן דעם סטרייק אויף דער שיף און מיט גרויס שרעק באַגעגנט די „רעוואָלוציאָנערן — די טראָבל־מאַכער", מורא האָבנדיק, אַז ענלעכס זאָל זיך ניט אי־בערחזרן אין די אימיגראַנטן־לאַגערן אין גאַלוועסטאָן".

קומענדיק זומער־צייט קיין גאַלוועסטאָן, האָט ער, חוץ שטיקנ־דיקער היץ, זיך אָנגעטראָפן מיט פריער־געקומענע שיף־ברידער, וועלכע האָבן אים דערציילט וועגן דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע פאַר ערשט־אָריבערגעקומענע און אויך וועגן דער שלעכטער באַ־האַנדלונג מצד דעם קאָמיטעט. דריי טעג איז, קענטיק, געווען מער ווי גענוג פאַר דעם שנעל־אָריענטירטן בחור צו תופס־צו־זיין, אַז אין גאַלוועסטאָן וועט ניט אויפגיין זיין שטערן. ער האָט זיך, דעריבער, אויפן פערטן טאָג, געווענדט צו די באַאַמטע פון קאָמיטעט, אַז מען זאָל אים שיקן אין אַן אַנדער שטאָט. זייענדיק ביים פאַך אַ קירזשנער, האָבן די באַאַמטע אים מיט אַ גרופּע אימיגראַנטן געשיקט קיין סאַנט פּאָול, מינעסאָטאַ, וואו ער האָט טאַקע גלייך געקראָגן אַ שטעלע אין אַ פאַבריק פון היטל־מאַכעריי פאַר דריי דאָלער אַ וואָך.

מיט דריי רובל אין האַנט, — האָט זיך סיגאַל געלאָזן אין זוך פון נייעם לאַנד, און מיט דריי דאָלער אין קעשענע האָט ער גענומען זוכן זיין אַלט־נייע היים: די פּועלי־ציון און — גלייכצייטיק — די שוועסטער־אָרגאַניזאַציע, דעם פאַרבאַנד (שלום עליכם צווייג 16).

און פון דאָרט אָן האָט זיך אָנגעהויבן זיין טריאומפאַלער מאַרש איבער דער אידישער אַמעריקע און בכל תפוצות ישראל.

## ד

אויסגעקלאָמבוסט דעם חבר סיגאַל האָט דער גרינדער פון „פאַרבאַנד" און זיין דעמאָלטיקער סעקרעטאַר, מאיר בראָון. אין זיין

אַריינפיר־וואָרט צום סיגאַל־בוך דערציילט חבר בראַון וועגן זיין „אַנטדעקונג״ :

„מיין באַקאַנטשאַפט מיט סיגאַלן הויבט זיך טאַקע אָן פון סט. פּאָול. איך קען אים שוין אַרום 35 יאָר.

„אין מיינע אָפטע נסיעות איבערן לאַנד, אין מיין אַמט פון פאַר־באַנד־סעקרעטאַר, פלעג איך באַזוכן סט. פּאָול כמעט יעדן יאָר, און איך האָב שוין געוואוסט, אַז סיגאַל וואַרט שוין אויף מיר מיט אַ צאָל פראַגן און פּראָבלעמען פון אַ ברייטן פאַרנעם. מיר פלעגן האָבן אינטע־רעסאַנטע מיינונג־אויסטוישונגען. איך האָב אים שנעל דערקענט, זיך צו אים צוגעבונדן און אים אָפט דערמאָנט אין מיינע באַריכטן צו דער פאַרבאַנד־לייטונג, אַז מען דאַרף דעם חבר אַריבערנעמען קיין ניו־יאָרק, ווייל ער פאַרמאָגט אייגנשאַפטן און פייאיקייטן פון אַ פירער.

„אָבער סיגאַל איז אויך געווען אַקטיוו אין זיין יוניאָן, זיך דאָרט אַנגעהויבן אָנזען. ס׳איז מעגלעך, אַז ווען דער פאַרבאַנד לאָדט אים ניט איין, אין האַרבסט 1922, צו ווערן געהילפס־סעקרעטאַר פון פאַר־באַנד, און סיגאַל וואָלט דעם אַמט ניט אָנגענומען, וואָלט ער געוויס פאַרנומען מיט דער צייט אַ גאַר אָנגעזעענעם אַמט אין זיין יוניאָן (די היטל־מאַכער).

„ס׳איז געווען אַ קעגנזייטיקער געווינס פאַרן פאַרבאַנד און פאַר חבר סיגאַלן, וואָס ער האָט זיך פאַרבונדן מיט דער הויפּט־פירערשאַפט פון פאַרבאַנד.

„ער האָט אין די ערשטע דריי און אַ האַלב יאָר ווי געהילפס־סעקרעטאַר, און אין די לעצטע 25 יאָר ווי דער פאַרבאַנד־סעקרעטאַר, אָפּגעגעבן דעם פאַרבאַנד זיינע פעאיקייטן און איז געוואַקסן צוזאַמען מיטן פאַרבאַנד, ווערנדיק איינער פון זיינע וויכטיקסטע פירער.״

## ה

אויב מאיר בראַון פאַרדינט געהעריקן שכר פאַר „אַנט־דעקן״ דעם „חבר פון סאַנט פּאָול״ און אים אַרויספירן אויפן ברייטן טראַקט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע, קען דוד פינסקי גענומען ווערן אַלס אָן עד נאָמן ווי אַזוי אונטער זיין 16־יעריקער פּרעזידענט־שאַפט איבערן „פאַרבאַנד״ עס האָט געאַרבעט און געווירקט דער נייער „חבר״. דער באַרימטער שריפטשטעלער איז איבערצייגט, אַז ביים אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן האָט דער „פאַרבאַנד״ שוין דער־גרייכט די סאַמע הויך פון זיינע מעגלעכקייטן, „און אָפט האָט זיך געדאַכט, אַז די באַוועגונג באַוועגט זיך נישט, אַז מען איז געקומען צו דער לעצטער סטאַנציע, צום פאַרפרירונג־פּונקט״. עד שבא לואי סיגאַל.

„אין לואיס סיגאַלן — שרייבט דער היסטאָריקער פּינסקי — האָט דער פאַרבאַנד געפונען אָט די קראַפט, וואָס האָט זיך געריסן פאָר־אויס, און דער פאַרבאַנד איז אַרויס פון פאַרגליווערונג, אָנגעהויבן צו באַוועגן זיך, צו וואַקסן, צו ווערן כוח אין דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע. אויב דער פאַרבאַנד האָט זיך געלאָזט הערן און פילן און פאַרנעמען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין די פאַרשיידענע אויפברויזונגען אין דעם אַמעריקאַנער אידישן לעבן, נישט אַלס אַנהענגל פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון, נאָר ווי אַ זעלבשטענדיקער וואַקסנדיקער כוח, איז עס דער־פאַר, וואָס לואיס סיגאַל האָט געהאַט אין זיך גרויסע פירערשאַפט, וואָס האָט געמוזט פון אַלעמען אָנערקענט ווערן און פון אַלעמען געזוכט ווערן. אין אַלע באַוועגונגען, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן פון דער אידישער נויט און ווי ענטפערס אויף איר, האָט ער פאַרטראָטן דעם פאַרבאַנד, און אומעטום אַלס וואָרטזאָגער. שטענדיק אין די עקזע־קוטיוו־קאָמיטעטן, אומעטום אויף אַ פּלאַץ פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אַנטרייב. ער האָט גענומען אויף זיך די פאַרשיידנסטע פליכטן, באַלאָדן זיך מיט קאָמיסיעס, אַרויפגעלייגט אויף זיך פאַראַנטוואָרט־לעכקייטן. ער וואָלט דאָס אַלץ געטאָן, ווייל ער האָט געהאַט אין זיך דעם רוף צו טאָן, צו העלפן, צו קומען מיט ראָט און טאָט דאָרטן, וואו ער האָט עס געפילט פאַר נויטיק. אָבער ער האָט עס איצטער גע־טאָן אין דעם געשטייגערטן געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווייל ער האָט עס געטאָן אַלס פאַרטרעטער פון פאַרבאַנד, ווייל ער האָט גע־וואָלט, מען זאָל זיך רעכענען מיט דעם נאָך אומבאַקאַנטן פאַרבאַנד. מען האָט געוואָלט וויסן, וואָס האָט סיגאַל צו זאָגן, אָבער ער האָט גע־זאָגט, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן, אין נאָמען פון פאַרבאַנד.

„אין וואָס פאַר אַ קאָמיסיעס און קאָמיטעטן איז ער נישט געווען פאַרטראָטן! איך גלויב נישט, אַז איך געדענק זיי אַלע. איך ווייס אַפילו נישט, צי איך ווייס זיי אַלע. איך בין אַ בעלן צו לאָזן פרייען פּלאַץ, אַ סך ליידיקע שורות, ער זאָל אַליין אַריינשרייבן אין וויפל קאָמיסיעס און קאָמיטעטן איז ער געווען פאַרטראָטן פאַר די 25 יאָר, וואָס ער איז סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד.

„וואו נעמט ער צייט? וואו נעמט ער כוח צו פירן די געשעפטן פון אַן אַלץ גרעסער ווערנדיקן פאַרבאַנד, צו פּלאַנעווען וועגן און מיטלען צו דער פאַרגרעסערונג פון דעם פאַרבאַנד, און אין דער איי־גענער צייט צו העלפן טראָגן די געשעפטן פון כל ישראל? וואו עסט ער? ווען שלאָפט ער? יעדע שעה פון טאָג איז ביי אים אויסגערעכנט, און די פאַרשיידענע זיצונגען האַלטן אים וואַך ביז אַ שטיק אין דער נאַכט.

„ווי וואונדערבאַר נאָכצופאָלגן, ווי ער גייט אַריבער פון איין

ענין צום אַנדערן. פאַרמאַכט געוואָרן איין אָפּטיילונג אין זיין באָוואוסט־זיין און אויפגעעפנט געוואָרן אַ צווייטע. און באַלד אַ דריטע, אַ פערטע, אַ פינפטע. און אין אַלע די ענינים איז ער ווי אין דער היים. געדענקט צום פונקט, ווי עס האַלט מיט דעם ענין, און רעדט, ווי ער וואָלט די גאַנצע צייט געטראַכט וועגן אים. מען דאַרף אים נישט דערמאָנען, וואו מען איז שטיין געבליבן, וואו מען האָט איבערגעריסן. גיכער וועט ער דערמאָנען און אונטערזאָגן מיט אַ דערשטוינלעכער פרישקייט פון זכרון און פאַראינטערעסירטקייט."

מען לייענט פינסקיס התלהבותדיקע רייד וועגן דעם מושלם־סעקרעטאַר און מען מוז אים גלייבן. זיין מויל איז איבערפולט מיט וואָרט פון עכטן שבח:

„סיגאַל האָט אין זיך נישט נאָר גרויסע פּינקטלעכקייט פון צייט, נאָר אויך גרויסע פּינקטלעכקייט פון וואָרט. איך האָב דאָס שוין גע־שריבן וועגן אים איינמאָל און צווימאָל: ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אין דער געשעפט־פירונג פון דעם פאַרבאַנד ווי אין אַלע זיינע פיל פאַרצווייגטע קהלשע טעטיקייטן אַ זעלטן געפיל פון ערע און ערלעכ־קייט, פון אמתדיקייט, געוויסנהאַפטיקייט און נאמנות. און אַן איידל געפיל פון יושר, וואָס פאַרהיט אים פון פּעדאַנטישער עקשנות. די גרעסטע באַליידיקונג פאַר אים איז צווייפל אין זיין וואָרט. דער מענטש, וואָס האָט חושד געווען זיינס אַ וואָרט, וועט זיין פריינט קיינמאָל נישט ווערן. און נאָך אַ שווערע באַליידיקונג: צו דענקען, אַז ער האָט זיך גענומען פאַר אַ זאַך, איידער ער האָט גוט דורכגעטראַכט און איז אי־בערצייגט געוואָרן אין איר קאָרעקטקייט. נישט קוקנדיק אויף אַלע זיינע אומצייליקע פליכטן און טעטיקייטן, האָט ער נאָך קיינמאָל גאָר־נישט נישט פאַרנאַכלעסיקט. האָט ער אויף זיך וואָס גענומען, האָט ער עס דורכגעפירט. דאָס אַלץ ווייסן די רעגירונג־באַאַמטע, וואָס קומען מיט אים אין באַרירונג אַלס משגיחים אויף די פאַרשידענע אָרדנס. דאָס ווייסן די באַנק־דירעקטאָרן, מיט וועלכע ער איז געשעפט־לעך פאַרבונדן אַלס סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד. דאָס ווייסן די פירער פון דעם אידישן קאָנגרעס, און די פירער פון דעם נאַציאָנאַל פאָנד, און אַזוי כסדר. אָבער קודם כל ווייסן עס די חברים פון דעם פאַרבאַנד און פון דער פאַרטיי פועלי־ציון".

איז, ווי געזאָגט, ווען מען זאָל דעם 80־יאָריקן חסיד פון לואי סיגאַל אויפוועקן אין מיטן נאַכט, און ביי אים בעטן אַן אינטערוויו וועגן דעם ווי־פון־גאָט־צוגעשיקטן סעקרעטאַר פאַרן פאַרבאַנד, וואָלט ער, אַן שום איבערטראַכט, געמאַכט דעם פאָלגנדיקן „סטייטמענט":

„די זעכצן יאָר פון מיין פּרעזידענטשאַפט האָבן מיך זייער נאָענט צוזאַמענגעבראַכט מיט סיגאַלן. איך האָב זיך אויסגעלערנט

צו באַוואונדערן אים, ליב געקראָגן אים, טראָג צו אים די וואַרעמסטע געפילן, אָבער איך האָב אים קיינמאָל נישט געפרעגט, ווער זיינען געווען זיינע עלטערן, וואָס איז געווען זיין קינדהייט, זיין אינגלשאַפט, וואָס האָט ער געלערנט און צי האָט ער וואָס געלערנט. איך שטיי ביי אַ שלאָגנדיקן, שפּרודלענדיקן קוואַל און פרעג נישט, פון וואַנען עס קומען זיינע וואַסערן, איך לאָז זיך נישט אַוועק אין אויסגראָבונגען און פאַרטיפונגען צו דערגיין זיין מקור. איך האָב הנאה פון זיין וואַסער און בין פאַרכאַפּט פון צוצוזען, ווי דער קוואַל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן ברייטן טייך, וואָס שיקט זיינע וואַסער; אין גרויסע ווייטקייטן.

„איך ווייס, אַז ער איז נישט דורכגעגאַנגען קיין ישיבות, קיין גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן. אין אַלץ, וואָס ער רעדט און טוט און שרייבט, דערקען איך נאָר אים אַליין. אין יעדער פראַגע ברענגט ער זיין אייגנס, און קיינמאָל ציטירט ער קיינעם נישט. ער איז אַן איינגעפליישטער פּועלי־ציון, אָבער איך בין זיכער, אַז זיין פּועלי־ציוניזם קומט צו אים נישט פון שטודירן באָראָכאָוון אָדער סירקינען. ער האָט וואָס אויפגעכאַפּט פון דער לופט, און דאָס איבעריקע איז זיינס. ער האָט זיך דערוואָרבן, וואָס ער האָט געוואָלט זיך דערווערבן. ער איז געבאָרן געוואָרן אין אַ צייט און אַ סביבה, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין קעמפער, און ער איז געוואָרן אַ קעמפער".

## ו

מיט אַזאַ אויפריכטיקן — און פאַרדינטן — לויב־געזאַנג מעג שטאָלצירן דער סאַמע אַמביציעזסטער כלל־טוער. נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? — ווען אַזאַ סומירנדיקער געזאַנג קומט איינמאָל אין אַ יובל. אין צווישנצייט זיינען דאָ די טעג פון זריעה, פון זייען און שניידן און באַראַנעווען. פּינסקי אַלס געזאַנג־מאַעסטראָ האָט צו זיך ניט אפשר זיין גלייכן. ווען ער ווענדט זיין געזאַנג צו פרויען און צו קינסטלער איז ער אין פּלאַץ. אָבער דוד פּינסקי איז פאַר 16 יאָר גערופן געוואָרן צו טראָגן די קרוין פון דער פּאָטענציעל־גרעסטער אידישער מאַסן־אָרגאַניזאַציע דאָ אין לאַנד. ער האָט אין די אַלע טעג פון וואָך און פון יאָר געדאַרפט ניט נאָר זיין דעם סעקרעטאַרס אומדערמידלעכער באַוואונדערער און באַזינגער, נאָר — מער נאָך — זיין כאַראַקטערפולער ראַטגעבער און — גאָר אָפט — זיין אַנווייזער. זיך פילן מעשה באַלעבאָס, ניט — אין בעסטן פאַל — ווי אַ ווירדיקע דעקאָראַציע. און — למען האמת און למען געשיכטע — איז כדאי דאָ צו נאָטירן, אַז די 16־יאָריקע פּרעזידענטשאַפט פון אַזאַ זינגענדיקן ראש ווי דוד פּינסקי איז, אפשר, היפש מיטשולדיק וואָס לואי סיגאַל

— מיט אַלע פאַרדינטע שבחים פון זיין יובל־בוך — האָט ווייט־ווייט ניט אויפגעשפּילט אין היגן לעבן און, איבערהויפּט, אין לעבן פון דעם „פאַרבאַנד" זיין פולע באַרופענע שליחות.

אַזאַ סעריעזע באַהויפּטונג פאָדערט באַשטעטיקונג. וועלן מיר ברענגען אַ ראיה פון אַ פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן אין דעטראָיט, אין 1940. אויף יענער קאָנפערענץ איז, צווישן אַנדערעס, פאָרלאָפן אַ זאַך, וואָס קען אַנדערש ניט באַצייכנט ווערן ווי אַ מעשה נורא. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ „בינדנדיקער" רעזאָלוציע פאַר די פאָלקס־שולן פון „פאַרבאַנד". וואָס קען זיין וויניקער? לואי סיגאַל — דער געררימטער אידישיסט, קולטוריסט און וואָס־ניט — איז געווען קעגן „בינדן" דעם „פאַרבאַנד" מיט אַ שול־רעזאָלוציע און — הערט און שטוינט — אַ אידישער שרייבער מיט אַ וועלט־נאָמען (דוד פּינסקי) האָט גערעדט און געשטיצט פאַר סיגאַלס פאָרשלאָג. צום גרויסן גליק האָט פּנחס גינגאָלד דעמאָלט מאָביליזירט אַלע זיינע פעיאיקייטן און אַלע קולטור־כוחות אויף דער קאָנווענשאָן און האָט דערמיט גע־ראַטעוועט דעם כבוד פון פאַרבאַנד. אָבער איז דאָס ניט קיין מערקוויר־דיקע אילוסטראַציע פון פּינסקיס בלינדער נאָכגייענדיקייט נאָך דעם סעקרעטאַר? קען דען ווער אָפּשאַצן דעם שאָדן צום פאַרבאַנד און דעם שאָדן צו סיגאַלס וואוקס גופא אונטער דער 16־יעריקער שטענדיק־זינגענדיקער ממשלה פּינסקיס?

ז

ביים אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן האָבן צוויי יונגע און אַמביציעזע פּראָווינץ־חברים אינוואַדירט ניו־יאָרק: איינער אַ יענקי, פון מאַסאַטשוסעטס, אייזיק העמלין; דער צווייטער, אַ וועס־טערנער, פון מינעסאָטאַ — לואי סיגאַל. דער ערשטער, מיט אַ מיסיע פון פאַרקויפן ציוניזם צו דער אידישער אַרבעטערשאַפט; דער צווייטער — מאָביליזירן חלוצים פאַר פולער אידישקייט דאָ אין לאַנד. העמלין האָט געשטאַמט פון אַ נעאָ־חסידישער דינאַסטיע אין היגן פּועלי־ציוניזם, און האָט זיך אַ רומפּולן נאָמען געשאַפן אַלס „זאַפּע־וואַלאָ" ביי די דעמאָלטיקע הערינג־באַנקעטן פון דער פּאַרטיי. סיגאַל האָט אין עלף יאָר ביז זיין קומען אין ניו־יאָרק דורכגעמאַכט אין סט. פּאָול אַ גרינטלעכן כמו־קאָלעדזש־קורס אין אַמעריקאַנישן טרייד־יוניאָניזם, און ס'האָט אים דערוואַרט אַ דערפאָלגרייכע קאַריערע אויף דעם געביט.

דעם יענקי איז געלונגען, מיט דעם פייער פון זיין נעאָ־חסידישן אויפזינג, צו צעשמעלצן די פּראַסטיקע וואַנט פון קאָסמאָפּאָליטיש־אינטערנאַציאָנאַליסטיש־נע־פּאַסעראַנישער שנאה צום ציוניזם און

צו צעפּלאַקערן די פאַרפראַרענע גענאָסיסטישע הערצער מיט וואַרעמ־קייט צום אַרבעטנדיקן ארץ ישראל, און האָט דערמיט פולשטענדיק דורכגעפירט זיין שליחות.

דער וועסטערנער האָט דאָ פּרובירט אָנווענדן די סטראַטעגיע פון טרייד־יוניאָניזם אויף זיין נייעם פּאָסטן און אויף אַ נייעם פראָנט. נאָר דאָס וואָס עס האָט זיך, אפשר, גוט געגראַמט אויף איין געביט, האָט, אָבער, גאָר ניט ריטמיש געקלאַפּט אויף אַ צווייטן געביט. לואי סיגאַל, קומענדיק אין ניו־יאָרק אין יאָר 1922 איז געווען אונטערן פרישן קאַמף־דרוק מיט די קאָמוניסטן. דאָרטן איז דער קאַמף קעגן די לינקע געווען אַ רעאַלער, אַ געזונטער און אַ געבענטשטער. יעדע אָפּאָזיציע אויפן טרייד־יוניאָן פראָנט האָט, דעריבער, געמעגט פאַר־דעכטיקט ווערן, און האָט, אין סאַמע קאַמף פאַר קיום פון דער יוניאָן, ניט געקענט טאָלערירט ווערן. ניט אַזוי, אָבער, אין „פאַרבאַנד״. לואי סיגאַל האָט אין „פאַרבאַנד״ מיטגעבראַכט, חוץ זיינע גרויסע אָרגאַניזאַטארישע און רעדנערישע פיאיקייטן, אויך אַ סופּער־עמ־פינדלעכקייט צו איר מאַיעסטעט די אָפּאָזיציע. ער האָט אָרגאַניש ניט געקענט סובל־זיין וועלכע עס איז קעגנערשאַפט צו זיינע אָנ־שויאונגען און איינשטעלונגען. און האָט ער אויף ווענען געוואָרפן אַן אומחן — איז שוין יענער, פריער־שפּעטער, באַזייטיקט געוואָרן. דעם שרייבער פון די שורות, זייענדיק אין אַקטיוון דינסט פון פאַרבאַנד אין יענער צייט — איז אויסגעקומען צו אָבזערווירן לואי סיגאַלן ביי זיין באַלדיקן אָנקומען קיין ניו־יאָרק, אַלס געהילף־סעקרעטאַר צו חבר ס. גאָלדשטיין. סיגאַל האָט נאָר געקענט אַרבעטן מיט נאָכזאָגער און מיט יע־זאָגער. אַ היפּשער טייל פון זיין ענערגיע איז אויס־געגעבן געוואָרן אויף צו „סטרימלאַינד״־מאַכן די גענעראַל־עקזעקוטיווע אויף באַהערשן די קאָנווענשאַנס און אויף אָפּצואווישן וואו אַ שמץ נאָר פון אַן אָפּאָזיציאָנערע שטימע, — אַזוי, אַז פון ראָוד־איילאַנד ביז קאַ־ליפאָרניע פאַרנעמט אונזער אויג פלאַכלאַנד, קיין שום בערגל און קיין שום טאָל.

און בעת דער יענקי, פון זיין אייגענעם געטורעמטן טעמפּל, פירט דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין מחיל אל חיל, האָט דער וועסטער־נער רעדוצירט זיין גרויסע און בכבודיקע אָרגאַניזאַציע — דעם פאַר־באַנד — צו אַ ליידיס־אָקזילערי, אין אויסשליסלעכן דינסט כמעט צום געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן ביי די ברענטשעס אַ רוטין פון פאַנד־אויף־פאַנד־זאַמלונגען פאַר ארץ־ישראל, מיט דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין אַלס די הויפּט־אַטראַקציע. פון אַ לאַנד אַמעריקע האָט מען כמעט ניט געהערט. און בעת העמלין האָט פון יאָר צו יאָר אַלץ מער און אַלץ פולער אויפגעשפּילט זיין געראָ־

טענע שליחות פאַר דער הסתדרות, האָט לואי סיגאַל אַלץ מער און מער זיך גענומען אַוועקרוקן פון זיין ראַליע וואָס די השגחה העליונה אַליין האָט אים אפשר אַנפּאַרטרויט — פון אויפשלאָגן — דורך דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד — אַ קוואַליקן אידישן לעבן, אויף די יסודות פון דער אידישער פאָלקס־קולטור, דורך דעם פורעם פון דעם הייליקן לשון אידיש ביי די שפּע׳פולע ברעגן פון די אַמעריקאַנישע לענדערייען.

העמלין האָט אויסגענוצט אַ פּאַפּירענעם בריק — די באַלפור־דעקלאַראַציע — אויף וועלכן זיך צו שטעלן און פון וואַנען צו נעמען שטירצן די וואַנט פון גענאָסנטום. סיגאַל האָט געדאַרפט און געקענט אויסנוצן די גרעסטע געשעעניש איז דער צוויי־טויזנט־יעריקער אידישער געשיכטע — די געטלעכע התגלות פון מדינת ישראל פאַר פאַרוואַנדלען דעם פאַרבאַנד אין דעם מאַסן־אויסדרוק פון אָרגאַניזירטן אַמעריקאַנישן אידנטום, און דורכן פאַרבאַנד מיטשפּילן אין די תחית־המתים פּראָצעסן פון קוואַלפולער אידישקייט.

לואי סיגאַל איז אַ יונגער מענטש, אין מיטן פון לעבן, און איז נאָך איצט געבענטשט מיט יוגנטלעכן פייער און, ווי געזאָגט, מיט קיינמאָל־ניט־געזעטיקטע געזעלשאַפטלעכע אַמביציעס. זאָל ער איצט, ערב דעם 40־יאָריקן יובל פון פאַרבאַנד, גנעדיקער ווערן צו אַ קעגנערישער שטימע; זאָל ער — ביים ראַנד פון אידישער געשיכטע — אין פולן דעטור זיך איצט אומדרייען צו די פאַרוואַרלאָזטע אידישע פעלדער פון דער לענג און ברייט פון די אַמעריקעס, און מיט אויפריכטיקער תפילה אין האַרצן — זיך פאַרמעסטן אויף לאַנד אַמעריקע, און זיך שטעלן צו איר מיטן פּנים.

פאַר דער עכטער שליחות זיינער — העלפן אויפשטעלן דאָ אין לאַנד בנינים פאַר אידישער קולטור; גאַנצע שולן פאַר ניט־צעפּיצלטע אידישע קינדער; טעמפּלען פון אידישער קולטור און טו־רעמדיקע פעסטונגען פאַר קוואַליקער אידישער פרייד און נשמהדיקן אידישן געזאַנג — וועט זיך חבר סיגאַל ערשט דאַן קענען נעמען ווען ער וועט זיך אָפּטרייסלען פון זיינע אַרומרינגלענדיקע — מיט גאַר־ניט־זעלטענע אויסנאַמען — פאַרשטייט זיך — פון זיינע יומם־ ולילהדיקע באַזינגער און באַזאַלבער, און וועט, אַנשטאָט מאַשין־מענטשן, צוציען אנשי הרוח, מענטשן פון גרויסער וויזיע אין קאָפּ און מיט ציטער פון גאָט אינם האַרצן.

# נייטען עהרליך

## א.

נייטן עהרליך

דאָס וואַרעמע ניט־פאַרגעס־לעכע וואָרט וואָס איז די טעג געזאָגט געוואָרן וועגן אַ יונגן אידישן אַרבעטער־פירער — וועגן נייטן עהרליך — איז געקומען פון דעם מויל פון אַ ניט־אידן: ווינסענט ר. אימפעלי־טערי, פּרעזידענט פון „ניו־יאָרק סיטי קאַונסיל". עס פאַרשטייט זיך, אַז געזאָגט האָט ער דאָס אויף דעם ערשטן־מאַי־באַנקעט אין וואַלדאָרף אַסטאָריא, לכבוד דעם יובל פון דער קעיק־בעקער יוניאָן און לכבוד זיין, נייטן עהרליכס, 50־טן געבורטסטאָג. וואָס האָט ער אַזוינס געזאָגט פאַר אַ וואָרט, וואָס זאָל פאָדערן פירושים? ער האָט געזאָגט, ניט מער און ניט ווייניקער, אַז דער אימיגראַנט נייטן עהרליך האָט אין די דרייסיק יאָר, וואָס ער איז דאָ אין לאַנד, מער צוגעטראָגן צו אַמעריקע, וויפיל אַמעריקע האָט אים געקענט געבן. און דאָס איז זייער אַ סך געזאָגט. אין אָט־דעם זאַץ האָט דער קאָפּ פון סיטי־קאַונסיל אַריינגעלייגט אַ געוויכטיקן אינהאַלט, מיט וועלכן וואָג מען קען ניט איין גרויסן אַנטיסעמיטישן אַנגריף צוריקשלאָגן. מיט אָט־דעם ווערטער־קראַנץ האָט ער עהרליכן אַנגעטאָן אַזאַ קרוין וועלכע וואָלט געלאָקט ניט איין גרויסן אידישן צי ניט־אידישן אַמעריקאַנער.

דאָס צווייטע וואָרט וועלכן דער יובילאַר וועט, האָפּנטלעך, ניט פאַרגעסן אַזוי שנעל, איז געקומען בקול דממה דקה: דאָס ניט־געזאָגטע אָבער פיל־זאָגנדיקע וואָרט פון דעם אַנאָנימען פובליקום. דעם שרייבער פון די שורות איז שוין אויסגעקומען בייצוזיין אויף גרויסע פייערונגען, אָבער אַזאַ אַריסטאָקראַטישע פייערלעכקייט און עמך־מעסיקע פאָלקסטימלעכקייט צוזאַמען געדענקט זיך שוין ניט פאַר אַ לאַנגער, לאַנגער צייט.

און דאָ פּאַסט זיך צו דערציילן אַ פּאָפּולער־ווערנדיקן משל וועגן

דעם אַמאַליקן באַצויבערנדיקן גאָווערנאָר פון ניו־יאָרק, אַלפרעד סמיט. ווען ער וואָלט געלעבט וואָלט ער, מסתמא, אויך געווען אויף עהרליכס שמחה. דערציילט מען וועגן אָט דעם פאַרלעגענדאַריזירטן גאָווערנאָר אַזאַ מעשה: אויף זיין טור, צו רעווידירן די כשרות פון די משרתים און יוצר משרתים וואָס באַלעבאַטעווען איבער די אינסטיטוציעס פון שטאַט ניו־יאָרק, איז אים אויך אויסגעקומען צו באַזוכן דעם באַרימטן פריזן „סינג־סינג". ווען די אַרעסטאַנטן האָבן זיך דערוואוסט וואָס פאַר אַ גדול עס געפינט זיך אין זייערע דלד אמות, האָבן זיי געבעטן דעם „וואָרדן", אַז זייער ליבלינג זאָל זיי אַדרעסירן כאָטש מיט איין וואָרט. דער פאָלקסטימלעכער אַלפרעד סמיט — וואו אויך דאָ איז קענטיק זיין ענלעכקייט צו עהרליכן — האָט זיך לאַנג ניט געלאָזן בעטן, און ער האָט די סינג־סינגער „באָרדערס" אַדרעסירט מיט אַ גאָר קורצן „ספּיטש": „באָיס, אַי עם גלעד טו סי יו אָל היר". אַזוי, אַן ערך, וואָלט עהרליך געדאַרפט זאָגן צו די אַלע וועלכע זיינען געקומען אין זיין כבוד־וועגן, ווייל די איבער־טויזנט־קעפּיקע מאַסע וואָס האָט איבערגעפאַקט, אַזוי אָרדנונגספול און אַזוי יום־טובדיק (און אַזוי אידישלעך — ניט נאָר צוליב אונזער שלום סעקונדעס מוזיק, נאָר אויך צוליב נאַפּאָלעאָן רידס „אלי אלי") דעם גרויסן זאָל פון דעם מולטי־מיליאָנערישן וואָלדאָרף אַסטאָריאַ איז געווען די שענסטע רעדע וואָס קען צוגעטראָגן ווערן צו אַן אַמביציעזן און ענערגישן פירער אין די רייף־יאָרן פון זיין לעבן.

## ב

צו פאַרשטיין און אָפּשאַצן ווי געהעריק די ראָלע פון נייטן עהרליך אין זיין יוניאָן פון קעיק־אַרבעטער, און אין דער היגער אַרבעטער באַוועגונג בכלל, מוז געוואָרפן ווערן עטוואָס ליכט אויף די פאַרהיסטאָרישע טעג פון די בעקער־יוניאָנס אין אַלגעמיין. אידישע בעקער־אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן אימיגרירן אין „גאָלדענעם לאַנד" מיט אַן ערך 70 יאָר צוריק. און כאָטש די קעיק־בעקער יוניאָן פייערט אָפיציעל איר 20־יאָריקע עקזיסטענץ, איז, אָבער, די אומאָפיציעלע היסטאָריע פון די צוקערניקעס אַ פיל עלטערע. פאַרזוכן פון יוניאָניזירן די בעקער־אַרבעטער זיינען נאָך געמאַכט געוואָרן ביים סוף פון לעצטן יאָרהונדערט. די מיטגלידער פון לאָקאַל 51 קעיק־בעקער, וועלכע האָבן איצט זייערע רחבותדיקע יוניאָן־אָפיסעס אין דער מעכטיקער געביידע פון 250 וועסט 57־טע גאַס, וואָלטן זיך, אפשר, ניט פאָרגעשטעלט, אַז די ערשטע פאַרזאַמלונג־פּלעצער פון די בעקער אין ניו־יאָרק זיינען געווען אין סאַלונס. ווען די ערשטע בעקער־יוניאָן האָט זיך אָרגאַניזירט אין ניו־יאָרק, אין יאָר 1887, האָט זי דעם מיטינג אָפּגעהאַלטן אין אַ ביר־סאַלון אויף לודלאָוו, לעבן העסטער סטריט. ס'קען זיין,

אַז אויף עהרליכס יום־טוב האָט זיך ניט איין „אַלד־טיימער" דערמאָנט פון יענע „ערשטע טעג".

דער ערשטער סעקרעטאַר פון די „פּאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן", ב. ווײַנשטיין, שילדערט אין זיין בוך „אידישע יוניאָנס אין אַמעריקע" דעם „בראשית" פון דעם אידישן בעקער אין אַמעריקע: „ווען איך בין געקומען אין אַמעריקע", — דערציילט ער — „זיינען אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סייד געווען בלויז עטלעכע אידישע בעקערייען. אין 99 העסטער סטריט איז דאַן געווען אַ אידישע בעקעריי, צוזאַמען מיט אַ שפּייז־קלייטל. געבאַקן האָט מען די ברויט אין אַ טיפן קעלער, וואו עס האָבן געאַרבעט אַ 3־4 אידישע בעקער־אַרבעטער. דער באַלעבאָס פון יענער בעקעריי איז געווען אַ געוויסער בלאָך, אַ אידישער אימיגראַנט פון רוסיש־פּוילן, וועלכער איז שוין דאַן, מיט 47 יאָר צוריק (אַזוי ווי דאָס בוך איז דערשינען אין 1929, איז דאָס אַ קימא־לן פון 68 יאָר צוריק — י. ל.) ניט געווען קיין גרינער אין אַמעריקע. אַ צווייטע אידישע בעקעריי, געדענק איך, איז געווען אויף העסטער, לעבן עלדרידזש סטריט. דאָרטן פלעגן די גרינע גיין קויפן ביליק גוטע שוואַרצע ברויט, צוויי פונט פאַר דריי סענט. אַ דריטע אידישע בעקעריי איז געווען אויף העסטער, קאָרנער לודלאָו סטריט. איר אייגנטימער איז געווען אַ רויטער. האָט מען אים גערופן דער „רויטער בעקער". ביי אים פלעגט מען באַקן אויף שבת זיסע קויליטשעס און די גרינע אידישע אימיגראַנטן פלעגן זיך אָפט קוויקן מיט די „זיסע חלה". עס זיינען אויך געווען נאָך אַ פּאָר אידישע בעקערייען אין דער ערשטער אידישער געטאָ אויף באַיאַרד סטריט, צווישן קריסטי און דיוויזשאָן סטריט, וואו די בעקער־באַלעבאָטים זיינען געווען דייטשע און בעהמישע יאַהודים.

„די אידישע בעקער־אַרבעטער האָבן אין יענע־יאָרן געאַרבעט 17־18 שעה אין מעת־לעת אין די פינצטערע טיפע קעלערס. ווען דער בעקער פלעגט מאַכן די טייג, פלעגט ער דאַרפן וואַרטן 10 שעה ביז די טייג פלעגט אויפגיין אום צו קענען מאַכן פון איר ברויט. פלעגט ער דערווייל אַוועקגיין אין אַ רעסטאָראַן אָדער אין אַ ביר־סאַלון.

„דעמאָלט איז נאָך ניט געווען אין מאַרקעט די היינטיקע הייוון, וועלכע טרייבט אויף די טייג אין 2־3 שעה צייט. די דעמאָלטיקע בעקער פלעגן מאַכן אייגענע הייוון פון האפּס און צעקוועטשטע קאַרטאָפלעס אויסגעמישט מיט מאַלץ. די אייגענע געמאַכטע הייוון פלעגט זייער לאַנגזאַם אויפבורענען די טייג".

פון דעם סאָרט אַרבעטער האָט מען דאָס געוואָלט, אין 1887 גרינדן די ערשטע בעקער־יוניאָן. און ווי לאַנג האָט זיך די יוניאָן געהאַלטן? פון אסתר תענית ביז שושן־פּורים. צוליב אַ סכסוך וועגן

אַ ביר־סאַלון איז אין 1888 אונטערגעגאַנגען די ערשטע בעקער־יוניאָן. אין קאַמף צווישן צוויי פּאַרטייען, צווישן אָנהענגער פון דעם אַלטן סאַלון און אָנהענגער פון דעם נייעם סאַלון — וואו צו אָפּהאַלטן די פאַרזאַמלונגען — האָט זיך די יוניאָן געמוזט אויפלייזן. זינט דאַן, פאַרשטייט זיך, זיינען פילע און ווייטערע פּרואוון געמאַכט געוואָרן צו אָרגאַניזירן די בעקער. נאָר אויב די ברויט־בעקערס זיינען דאָך אין לויף פון דער צייט, אָרגאַניזירט געוואָרן אין אַ ריי לאָקאַלן, זיינען די צוקערניקעס, די לעקאַך־אַרבעטער, געווען ניט מער ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגן. עד שקם רוזוועלט, ביז דער גוטער גורל האָט אונטערגעשפּילט, און עס האָט זיך באַוויזן די רוזוועלט־זון אויף דעם אַרבעטער־האָריזאָנט. דערמוטיקט פון דעם רוזוועלטישן שמייכל, איז דער אַרבעטער געוואָרן האָפערדיקער, זיין טראָט — פעסטער, און אין זיין שטים — רייד פון אַ שטאָלצן מענטש. אין אָט דעם יאָר האָבן אויך די קעיק־בעקער גענומען דערפילן דעם דראַנג נאָך אַן אומ־אָפּהענגיקער יוניאָן. דאָס איז זיי מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק, לפי־ערך, געגעבן געוואָרן, כאָטש מיט אַ האַלבן מויל: אַן אַקזילערי קעיק־בעקער יוניאָן, פון די לאָקאַלן 505, 507 און 509. אין אָט־דער „אַקזי־לערי" האָט זיך נייטן עהרליך אַריינגעוואָרפן מיט אַלע זיינע טאַלענטן, און איז, אַזוי אַרום, געוואָרן איינער פון רוזוועלטס פּלייסיקסטע תלמידים און אויסטייטשער פון „ניו־דיל". ווען ער איז אין 1934 דערוויילט געוואָרן אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון דער קעיק־בעקער יוניאָן איז די יוניאָן באַשטאַנען פון 240 מיטגלידער „שטאַרק" און מיט גאַנ־צענע 700 דאָלאַרן אין דער קאַסע. און — ביי דער יוניאָן איז דאָס דעמאָלט געווען אַן אוצר, ווייל פיל מיטגלידער האָבן זיך גענומען שושקען, אַז דער „נייער מענטש" וועט נאָך, חלילה, איינשלינגען די קאַסע, און, אַזוי אַרום, נאָך „אויפעסן" די יוניאָן. דער קלוגער נייטן עהרליך האָט, לייענענדיק זייערע פּנימער, געזוכט צו באַרויקן די אָנ־געשראָקענע באַנקירן. ביי דער ערשטער פּאַסיקער געלעגנהייט, האָט ער דערקלערט צו די סקעפּטיקער און צווייפלער, אַז אויב ער וועט אין משך פון דריי חדשים ניט פאַרגרעסערן די מיטגלידערשאַפט און ניט פולער מאַכן די קאַסע וועט ער פאַר אָט־דער צייט ניט פאָדערן קיין שום קאָמפּענסאַציע. צו קענען אַזוי ריידן און אַזוי האַנדלען האָט נאָר געקענט איינער וואָס האָט גלויבן געהאַט אין זיינע כוחות און וואָס האָט שאַרף געזען די גרויסע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן פאַר דער יוניאָן.

אָבער — דאָס איז ניט געווען קיין צוקערלעקעכל אַרונטערצושלינ־גען. ווייל — אויפן וועג פון זיין באַשטייגן דעם טראָן פון פירערשאַפט פון דער קעיק־בעקערס יוניאָן האָט ער זיך גלייך אָנגעטראָפן אָן אַ ריי נאָבעלע פּנימער, — די משרתימלעך פון דעם דאָטש שולץ חדר —

וועלכע האָבן אין יענע יאָרן געשאָלטעוועט אין דער בעקער־אינדוסטריע, באַשיצנדיק די באַלעבאַטים קעגן די „געפערלעכע" יוניאָן אָרגאַ־ניזאַטאָרס. ס'האָט זיך געפאָדערט מער ווי געוויינלעכע קוראַזש צו פאַרמעסטן זיך קעגן דעם כוליגאַנישן אַפּאַראַט פון שולצישער אונ־טערוועלט! און, נייטן עהרליך האָט, הפנים, באַזעסן אָט־דעם קו־ראַזש, און האָט ניט איין מאָל זיין לעבן ממש געשטעלט אין סכנה. אָט־די פעסטקייט פון כאַראַקטער האָט, ווי פרישע קוואַל־וואַסער, גענומען קרעפטיקן דער נייער יוניאָן. זי האָט גענומען וואַקסן אין צאָל און אין איינפלוס. די קאַסע האָט זיך גענומען אָנפילן. דער פּרעס־טיזש פון דער יוניאָן צווישן די באַלעבאַטים האָט גענומען שטייגן.

מיט 18 יאָר צוריק, דערציילט, אין זיין באַגריסונג, ה. האָראָוויץ, פּרעזידענט פון דער יוניאָן, האָט מען געדאַרפט לייען אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר צו קענען אָנהאַלטן דעם קליין אָפּיסל אין קלינטן האָל; היינט האָט די יוניאָן אַ רעזערוו־פאָנד פון 300 טויזנט דאָלאַר; אַ „וועלפער־פאָנד"; 10 באַצאָלטע באַאַמטע; אַ דיסציפּלינירטע און צעמענטירטע מיטגלידערשאַפט פון צוויי און אַ האַלב טויזנט, און אַ שם טוב — ווי דער שטאַרקסטער לאָקאַל אין דער משפחה פון בעקער־לאָקאַלן.

## ג

הכל מודים, אַלע וואָס פאַרשטייען אַ פּרשה פון בעקער־יוניאָניזם, גיבן צו, אַז די שטאַרקייט פון דער קעיק־בעקער יוניאָן איז אַ רעזולטאַט פון נייטן עהרליכס גייסטיקער גבורה: זיין איניציאַטיווע, זיין ענערגיע, זיין פּיאָנערישער טראַט, זיין טאַקט און זיין אויסערגע־וויינלעכער שכל הישר. מיט די אַלע געבענטשטע כוחות זיינע, איז אים געלונגען אַריינצוציען נייע אַרבעטער־שיכטן אין לאָקאַל 51, נייע אינדוסטריע־קאָנטאַקטן מאַכן, און, אַזוי אַרום, דערפירן דער קעיק־בעקער־יוניאָן צו איר איצטיקן צושטאַנד, צו איר פּרינצלעכער ראָל צווישן די בעקער־אַרבעטער יוניאָנס און צו איר גרויסן פּרעסטיזש און דרך־ארץ צווישן די באַלעבאַטים און זייערע אַסאָסיאיישאָנס.

## ד

דאָס וואַרשעווער אינגעלע, וועלכער איז מיט 50 יאָר צוריק געבאָרן געוואָרן ביי „יודל דעם בעקער" און ביי געלע מינדל — געבאָרן געוואָרן טאַקע אין אַ קעיק־בעקעריי — האָט אורזאַכן צו זיין שטאָלץ אויף די אָנגעלאָדענע יאָרן פון זיין פאַרגאַנגענהייט און מעג גיין, צוזאַמען מיט זיין שיינער לעבנס־באַגלייטערין ליליען, מיט גע־הויבענע קעפּ צו אַ ליכטיקער צוקונפט.

# ראובן פינק

## א

אין זיין פערטן און לעצטן אַרטיקל פון דער סעריע „די אידישע און די אידיש־ענגלישע פּרעסע״, פאַרעפנטלעכט לעצטנס אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע״, וואו ראובן פינק פּאָלעמיזירט אין אַט־דער סעריע זיינער מיט דר. א. א. ראָבאַק, געפינט זיך אַט־דער פאַראַגראַף, וועלכער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר מיין איצ־טיקן העלד:

ראובן פינק

„דר. ראָבאַק גיט אָן אַלס סימן די ישראלדיקע טעגלעכע פרעסע צו באַווייזן, אַז מען קען אַרויסגעבן און אָנהאַלטן טעג־לעכע צייטונגען מיט אַ קליי־נעם טיראַזש. ער פאַרגעסט אָבער, אַז וואָס ס׳קאָסט אַרויס־געבן אַ טעגלעכע צייטונג אין תל אביב האָט קיין שום שייכות ניט מיט דעם וואָס עס קאָסט אַרויסצוגעבן אַ טעגלעכע צייטונג אין ניו־יאָרק. איך רייד שוין ניט דערפון, וואָס כמעט אַלע תל אביבער צייטונגען ווערן אויסגעהאַלטן פון פּאָליטישע פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך, מיט וועלכע מיר זיינען, ברוך השם, אַזוי פיל געבענטשט אין ישראל. מילא, דאָס וואָס דר. ראָבאַק גיט אָן, אַז אין ישראל גייען אַרויס 11 טעגלעכע צייטונגען מיט אַ טיראַזש פון 100 טויזנט, בין איך אים מוחל. דער פאַקט איז, אַז אין ישראל גייען אַרויס 20 טעגלעכע צייטונגען: — 13 העברעאישע, 2 דייטשישע, און איין צייטונג אויף ענגליש, אַראַביש, אונגאַריש, רומעניש און פראַנצויזיש. עס איז שוין ניט איין מאָל אָנגעוויזן געוואָרן, אַז קיין איינציקע אידישע טעגלעכע

צייטונג גייט אין ישראל ניט אַרויס. דאָס איז אַזאַ גרויסער סקאַנדאַל, וואָס קיין שום תירוצים וועלן אים ניט קענען אַוועקמאַכן. פאַרוואָס דייטש, אונגאַריש, רומעניש און פראַנצויזיש זאָלן זיין — אַלס שפּראַכן — בילכער פאַר די אידן אין ישראל איז אַ רעטעניש וואָס, איך האָב מורא, קיינער וועט ניט קענען פאַרענטפערן".

אַ דורכשניטלעכער פ.א.ש.־לייענער קען, אויפן סמך פון אָט־דעם פּאַראַגראַף, בלייבן אונטערן איינדרוק, אַז דער שרייבער וועלכער רעגיסטרירט דאָ זיין פּראָטעסט קעגן מדינת ישראל צוליב דעם „גרויסן סקאַנדאַל" וואָס „קיין אײן־איינציקע אידישע טעגלעכע צייטונג גייט אין ישראל ניט אַרויס" איז, מסתמא, אַ לעבלעכער ציוניסט, צי, אפשר, גאָר אַן אַנטי־ציוני. די, אָבער, וואָס באַזיצן כאָטש מאָגערע ידיעות פון דעם לעבן און שאַפן פון ראובן פינק, ווייסן אַז ניט נאָר איז ער ניט קיין אַנטי־ציוני, ניט נאָר קיין לעבלעכער ציוניסט, נאָר ער האָט אויף זיין חשבון אַזעלכע ציוניסטישע דערגרייכונגען, אויפ־טואונגען און פאַרדינסטן, מיט וועלכע ער איז איינציק אויף דער אידישער גאַס.

## ב

ווען ראובן פינק וואָלט אין זיין זייער רייכן קהלשן לעבן גאָר ניט מער געשאַפן ווי געוויסע צוויי ענגלישע ביכער וואָלט ער זיך מיט דעם מאָנומענטיזירט ביים אידישן פאָלק בכלל און דער ציוניסטישער באַוועגונג בפרט. די צוויי ביכער זיינע האָבן געשפּילט אַן אַנטשיידענע, — אויב ניט די אַנטשיידנסטע ראָלע — אין באַאיינפלוסן דעם אַמעריקאַנער קאָנגרעס לטובת ציוניזם און, שפּעטער, לטובת דעם אויסשמיד פון דעם אידישן שטאַט.

די אידישע אַמעריקע איז ניט־אָרעם אין ציוניסטישע עסקנים, ציוניסטישע געלערנטע, ציוניסטישע שרייבער, הסטאָריקער, א. אַז. וו. נאָר ווען מען האָט אין די יאָרן פון נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע געדאַרפט צוזאַמענשטעלן אַ בוך וועגן ציוניזם און זיין שייכות מיט דער אַמעריקאַנער רעגירונג האָט די „זי־אַ־עי" געמוזט זיך ווענדן וועגן דעם צו דער „גייענדיקער ענציקלאָפּעדיע". דאָס איז געווען אין אַנהויב 1919. אין לויף פון דעם יאָר האָט מר. פינק ניט נאָר געדאַרפט שאַפן אַ רואיק־געשריבענעם היסטאָרישן בוך פון אַן אידייע, פון אַ באַוועגונג, נאָר ער האָט געמוזט גלייכצייטיק מיטנעמען אַלס שותפים, אַלס מיטשאַפער די וויכטיקסטע, די גרעסטע און די מערסטע קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרן פון אַמעריקע. יעדער אַמעריקאַנישער געזעץ־מאַכער איז אַריינגענומען געוואָרן אין פינקס ציוניסטישן חדר, וואו מען האָט מיט אים געדאַרפט איינקנעלן אַ גוטע פרשה ציוניזם, אַזוי, אַז אַרויסגייענדיק פון דעם חדר זאָל ער קענען האַלטן די גע־

הערי‌קע ציוניסטישע דרשה, המכונה „סטייטמענט”. פון דעם דאָזיקן חדר האָבן יענעם יאָר גראַדואירט 231 קאָנגרעסלייט און 69 סענאַטאָרן, און זייערע גראַדואירונגס־רעדעס, ד. ה. די פריינטלעכע „סטייטמענטס” לטובת אַ נאַציאָנאַלער אידישער היים אין פּאַלעסטינע זיינען געווען אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון דעם בוך „די אַמעריקען וואָר־קאָנגרעס ענד זייאָניזם”, — אַ בוך וואָס איז צעשיקט געוואָרן צו יעדן קאָנגרעסמאַן, יעדן סענאַטאָר, יעדן ציוניסטישן עסקן. דאָס בוך האָט געפּירט צו דער אַקצעפּטירונג פון דער „לאָדזש־פיש רעזאָלושאָן”, לטובת ציוניזם, וואָס דער 65טער „וואָר־קאָנגרעס” האָט אָנגענומען אין יאָר 1922.

לואי ליפּסקי, אין זיין וויכטיקער און אינטערעסאַנטער סעריע פּאָרטרעטן פון ציוניסטישע פּערזענלעכקייטן אין „קאָנגרעס וויקלי”, דערציילט, אַז אַפילו נחום סאָקאָלאָוו, דער גרויסער ציוניסטישער מנהיג, וועלכער האָט אין יענעם יאָר געוויילט אין אַמעריקע, האָט ניט געהאַט קיין אמונה אַז דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס וועט אָננעמען אַ ציוניסטיש־פריינטלעכע רעזאָלוציע.

און דאָרט וואו דער מאמין סאָקאָלאָוו האָט ניט געהאַט קיין אמונה — האָט פינק באַוויזן.

די אָנגענומענע לאָדזש־פיש רעזאָלוציע, וואָס איז געווען אין גייסט און אַפילו אין סטיל פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט זיך אַזוי געלייענט:

*"Resolved by the Senate and House of Representatives of the United States of America in Congress assembled,* that the United States of America favors the establishment of a national home for the Jewish people, it being clearly understood that nothing shall be done which may prejudice the civil and religious rights of Christian and all other non-Jewish communities in Palestine, and that the holy places and religious buildings and sites in Palestine shall be adequately protected."

(„באַשלאָסן פון דעם סענאַט און רעפּרעזענטאַנטן־הויז פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, דאָ אין קאָנגרעס פאַרזאַמלט: אַז די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע איז צו גונסטן די עטאַבלירונג אין פּאַלעסטינע פון אַ נאַציאָנאַלער היים פאַרן אידישן פאָלק, דערביי זאָל פאַרשטאַנען זיין, אַז קיין זאַך זאָל ניט געטאָן ווערן וואָס זאָל זיין קעגנעריש די ציווילע און רעליגיעזע רעכט פון קריסטלעכע און אַלע אַנדערע ניט־אידישע געמיינדעס אין פּאַלעסטינע, און אַז די הייליקע פּלעצער און רעליגיעזע געביידעס און ערטער אין פּאַלעסטינע זאָלן ווי געהעריק באַשיצט ווערן”).

ווען דאָס בוך איז דערשינען, איז דער מחבר ניט געווען אין אַמעריקע. ער איז געוועןביים פּרידנס־קאָנפערענץ, אַלס קאָרעס־פּאָנדענט פון „טאָג" (דער צווייטער אידישער שרייבער פון אַמעריקע ביי דער פּרידנס־קאָנפערענץ איז געווען אב. קאַהאַן, דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס"). אַגב, זיינען טייל קאָרעספּאָנדענציעס פון ראובן פינק אין „טאָג" איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַ ריי וויכ־טיקע ענגלישע צייטונגען, וועלכע האָבן, פאַרשטייט זיך, באַצאָלט פאַר דער „סוירוויס", אַזוי אַז דער „טאָג" האָט ניט געהאַט קיין פּעני הוצאות ביים האָבן אַזאַ „סטאַר" ביי דער פּרידנס־קאָנפערענץ.

איבער צוויי צענדליק יאָר איז מר. פינקס בוך גענוצט געוואָרן אַ וויאַ האַנט־בוך פון ציוניזם אי ווי אַ שווערד אין קאַמף פאַר ציוניסטישער סטראַטעגיע. אין משך פון אַט־דער צייט איז, דערווייל, עטוואָס טעמפּ געוואָרן אַט־דער שווערד, און עס האָט זיך געבעטן אַ נייער מין כלי־זיין מיט וועלכן אויסצופעכטן אַ נייערע, אַ גרעסערע זאַך: דעם אויסשמיד פון אידישן שטאַט. און אויף דעם האָט זיך ווי־דער געפאָדערט די מאָביליזאַציע פון אַמעריקאַנער געזעץ־שאַפנדיקע כוחות. ס'איז געווען אין מיטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער פאַרשטומטער קול פון אונזער אויסגעקוילעט פאָלק אין אייראָפּע האָט, אפשר, הימלען געטרייסלט, נאָר האָט ניט אַ ריר־געטאָן די הערצער פון די פרידלעכע, פון די ציוויליזירטע פעלקער. אָבער אַמעריקע, מיט אַלע אירע מעלות און פליוסן, איז אויך אַ לאַנד פון רעאַל־פּאָליטיק. די דערווײלטע קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרן וויסן זייער גוט דעם טייטש פון „לאָג־ראָלינג". און מיט דער ניט־אָפּיציעלער און ניט־אָרגאַניזירטער „אידישער שטימע" רעכנט מען זיך שטאַרק אין די הויכע־נידעריקע פּאָליטישע ספערן. האָט מען געדאַרפט רעדן תכלית מיטן 78טן — און צווייטן — „וואָר־קאָנגרעס". האָט די ציוניסטישע פירערשאַפט אין אַמעריקע געדאַרפט אַ צווייטן וואָגיקן בוך וועגן „אַמע־ריקע און פּאַלעסטינע", — אַ בוך וואָס זאָל אָפּפרישן דעם זכרון פון די אַמעריקאַנער געזעצגעבער וועגן פאַרוואָרצלטקייט פון חבת ציון דאָ אין לאַנד, פון די ערשטע קאָלאָניאַלע יאָרן ביז היינט־צו־טאָג. און צום צווייטן מאָל האָבן זיך אַלע ציוניסטישע הענט געשטרעקט צו ראובן פינק, ער זאָל זיך אונטערנעמען צו שאַפן סיי דאָס ווערק און סיי — דורך דעם בוך — העלפן באַאיינפלוסן די געהעריקע מלוכה־אינסטאַנצן לטובת אַ צווייטער פּראָ־פּאַלעסטינישער רעזאָלוציע מצד אַמעריקע. און ווידער איז אין 1944 דערשינען אַ בוך־אַ־שווערד: „אַמעריקע און פּאַלעסטינע", אַן איבער 600־זייטיקער ספר, וועלכער איז צעשיקט געוואָרן צו יעדן קאָנגרעסמאַן, יעדן סענאַטאָר און יעדן גאָווערנאָר דאָ אין לאַנד, און צו אַלע מיטגלידער פון ענגלישן פּאַר־

לאַמענט. מיט דעם פאַנאַנדערשיקן דאָס בוך איז סיגנאַליזירט געוואָרן דער רוף צו יעדן מיטגליד פוןביידע „הייזער" פון קאָנגרעס. אין רעזולטאַט, האָבן זיך אויף דער נייער ציוניסטישער רעזאָלוציע אונטערגעשריבן 328 קאָנגרעסלייט און 83 סענאַטאָרן, און אַזוי אַרום, פאַרוואַנדלט די רעזאָלוציע אין אַן אַקט. אַ דריטל פון פינקס ווערק, דער פּאָליטישער טייל פון בוך, און אין זעלבן יאָר, אין 1944, דערשינען אין מלוכהשער דרוקעריי פון דער פעדעראַלער רעגירונג. אויף דער פאָדערשטער זייט פון דעם מלוכה־דאָקומענט לייענט זיך אַזוי:

**THE JEWISH NATIONAL HOME IN PALESTINE**

SUPPLEMENTAL STATEMENTS TO

HEARINGS

submitted to the

COMMITTEE ON FOREIGN AFFAIRS

HOUSE OF REPRESENTATIVES

seventy-eight congress

second session

on

**H. Res. 418 and H. Res. 419**

**RESOLUTIONS RELATIVE TO THE JEWISH**

**NATIONAL HOME IN PALESTINE**

Printed for the use of the Committee on Foreign Affairs

UNITED STATES

GOVERNMENT PRINTING OFFICE

WASHINGTON : 1944

ראובן פינק איז געווען דער ערשטער איד צו קריגן פון סטייט דעפּאַרטמענט די נייעס וועגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע. צוויי חדשים פאַר דער אַרויסגעבונג פון אָט־דעם גראַנד־היסטאָרישן דאָקומענט, האָט מר. פינק געדרוקט אַן אַרטיקל וועגן דעם אין „אידישן קעמפער". צו זיין ענציקלאָפּעדישן וויסן, איז מר. פינק אויך אַ נוח לבריות, אַן אָנגענעמער מענטש, אַ וועלקאָמענער אומעטום, מיט אָפענע טירן פאַר אים אין די כלערליי געהיימע חדרים, ביז אינטימער פריינטשאַפט מיט אַזעלכע איינפלוסרייכע פערזענלעכקייטן ווי, צ. ב., ריכטער לואיס ד. בראַנדייס. אָט־די אַלע אָנפאַרטרויטע שליסלען, טירן, פענצטער האָט מר. פינק דעליקאַט, געוויסנהאַפט און טרעפלעך גענוצט לטובת אידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, מיטן הויפּט־ציל: צו דערווערבן דעם אַמעריקאַנישן פּאָליטישן געוויכט, אין די צווישן־טעג פון אידישן רענעסאַנס, אויפן וואָגשאָל פון שטאַטלעכער אָנערקענונג און אויפריכטונג.

ג

מר. פינק איז ניט נאָר אויף איין געביט אַן איינציקער, און ניט נאָר אויף איין פעלד איז ער, אַלס ערשטער, דערשינען. אַזוי, צ. ב., איז ער דער ערשטער געווען צו גרינדן אַ אידישע „לאַיף אינשור־רענס קאָמפּאַניע" — „גערעגטי לאַיף אינשורענס קאָ. אָוו ניו־יאָרק", אין 1927, און איז דער דערפינדער פון „טריפט"־פּלאַן, — אַ קאָמבי־נאַציע פון לעבנס־פאַרזיכערונג („אינשורענס") און „סייווינגס". לויט די יסודות פון אָט־דעם „פּלאַן" האָט ער, אין מיטן פון די צוואַנציקער יאָרן, געגרינדעט און אָרגאַניזירט אַזאַ פינאַנץ־אינסטיטוציע א. נ. „יונייטעד טריפט פּלען, אינק.", וואו ער האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָפיט־ברענגענדיקן געשעפט, וואָס האָט אים, מיט דעם, פאַר־זיכערט זיין עקזיסטענץ, ער זאָל זיך קענען — ווי אַן איין־מענטש־אינסטיטוציע — ווידמענען צו קהלשע אינטערעסן און צו דער ליינ־דערונג פון יחידימשע נויטן, — אַן עובדא, וועלכע ער פירט דורך, זינט 1936, מיט זעלטענער איידלקייט און מיט אַ טוערישער הויך־שפּיציקער דערגרייכונג פון אַ ווירטואָז.

אין אויגוסט, 1936, האָט מר. פינק געגרינדעט און אַרויסגעקראָגן אַ טשאַרטער אויף אַן אָרגאַניזאַציע וואָס האָט געהייסן: „ליג עגעינסט דיסקרימינייישאָן אין עמפּלאָימענט". אָט־די ברענענדיקע פראַגע, וועל־כע איז די צענטראַלע קאָנטראָווערזיאַנעלע „אישיו" געווען אויף די נאָר־וואָס אָפגעהאַלטענע קאָנווענשאָנס פוןביידע גרויסע פּאָליטישע פּאַרטייען דאָ אין לאַנד, און וועט נאָך, מסתמא, ניט פאַרענטפערט ווערן פאַר אַ היפּשער צייט, איז, צום ערשטן מאָל, דורך מר. פינקן אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן סדר־היום פון דער אַמעריקאַנישער עפנטלעכקייט. ער איז אויך געווען דער איינציקער אידישער שרייבער צו דינען אַלס פּאָרזיצער פון „דרעפט באָארד" אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ד

ראובן פונק איז, נאָך הלל ראָגאָפן, פיליכט, דער צווייטער קאָלעדזש־גראַדואירטער און אַמעריקאַניש־דערצויגענער ביים אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט, צו שרייבן אידיש. געבאָרן אין 1889 אין האָשט, אוקראַינע (וואָלינער גובערניע), איז ער געקומען אין אַמע־ריקע אין 1903. ער האָט דורכגעמאַכט פּאַבליק סקול אין איין יאָר, און אין 1907 האָט ער געענדיקט די פּריווילעגירטע טאַונסענד העריס האַי־סקול. אין 1911 האָט ער גראַדואירט „דהי דזשאָרדזש וואַשינגטאָן יוניווערסיטי", וואו ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין מאַטעמאַטיק. עטלעכע יאָר שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן לערנען מאַטעמאַטיקס אין

היי־סקול, און אין 1916 האָט ער שוין דערקלעטערט אַלס דער הויפּט פון מאַטעמאַטיק־אָפּטייל פון די וואַשינגטאָנער היי־סקולס, — זייענדיק דאָרט דער ערשטער אידישער לערער. פאַר דעם איז ער דערהויבן געוואָרן צו רעדאַקטאָרשאַפט פון „קאָונסעלאָר בולעטינס“, אַ טעגלעכע רעגירונגס־צייטונג אין וועלכער עס דערשיינען באַריכטן פון אַלע אַמעריקאַנער קאָנסולס פון אַלע לענדער.

זייענדיק אַ תושב אין וואַשינגטאָן און באַזיצנדיק אַ לייכטע פעדער, חוץ אַן אוצר פון וויסן, האָט מר. פינק אָנגעהויבן זאָגן זיין וואָרט אין דער אידישער פּרעסע, און איז, אַזוי אַרום, דער ערשטער איד אַלס וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענט. חוץ זיינע אָפטע אַרטיקלען אין „טאָג“ אונטער זיין נאָמען, איז ער אויך אַקטיוו געווען מיט זיין פעדער אונטער פאַרשיידענע פּען־נעמען. זיבן יאָר האָט ער אין יענער צייט געדרוקט אַרטיקלען אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע“ א. נ. דר. מערי גאָלדפאַרב. אונטערן נאָמען באַראָן פאָן האָשטער האָט ער מיטגעאַרבעט אין „קונדס“. צווישן זיינע מער־באַקאַנטע פּסעוודאָנימען זיינען ראָבערט קאַץ און סטאַטיסטיקוס.

אין יענע טעג פון קאָכיק־שטראָמיקער אידישער אימיגראַציע האָט דער „גרינער“ עולם, נאָך די סוועט־שאָפּ שטונדן, פאַרהאַלטן אין זיך כוח און פלייס, צו שעפּן תורת אַמעריקע פון ראובן פינקס צוויי היפש־פאַרשפרייטע בראָשורן : „קאָנסטיטושאָן ענד דעקלערײשאָן אָוו אינדעפּענדענס“ און „ווי צו ווערן אַן אַמעריקאַנער בירגער“.ביידע 64־זייטיקע בראָשורן זיינען דערשינען אין דעם דעמאָלטיקן סאָלידן אידישן פאַרלאַג פון מאַקס נ. מייזעל.

ה

אימיגראַציע איז דער צווייטער גאָלדענער קאַפּיטל פון דעם פיל־בלעטערדיקן ספר החיים פון ראובן פינק. ניט נאָר האָט ער געשריבן מער וועגן אימיגראַציע ווי וועלכער עס איז אַנדערער איד אין אַמעריקע, נאָר ער האָט אויך מער אויפגעטאָן אויף דעם געביט, ווי וועלכער עס איז אַנדערער יחיד דאָ אין לאַנד.

דער איצט־באַקאַנטער „מוז“ אין אימיגראַנטישן שולחן ערוך — אַפידייוויטס — איז פינקס אַ דערפינדונג. די רעגירונג האָט עס פון אים קאָפּירט אין 1921 מיט האַק־און־פּאַק. קרובים און פריינט וועלכע ווילן וועמען אַריבערנעמען אַהער קענען דעם ערשטן טראָט ניט שטעלן אָן אַן אַפידייוויט. דער דערפינדער אַליין האָט געמוזט גאָר אָפט צו דעם אָנקומען ביי זיין אַריבערברענגען אין גאָלדענעם לאַנד 500 ניט־קרובישע פליכטלינגע. מיט דער גלאָריע פון אַט־דעם אויסנאַמלעכן אַקט אַליין קען שוין אַ מענטש אַ לעבן דורכגיין.

אין זיין קאַמף אין 1924 קעגן אימיגראַנטיש־פיינטלעכן „אימי־גריישאַן־ביל" האָט ער דער ערשטער גענוצט דאָס וואָרט „רייסיסט", — איז אַ לאַנגן אַרטיקל אין ליבעראַלן וואָכנבלאַט „דהי ניישאַן", — אַ דער אַנגענומענער געזעץ וועגן אימיגראַציע אין יענעם יאָר איז געווען ראַסיסטיש געפאַרבט, פונקט ווי עס איז איצט דער איצטיקער מעקערען־ביל פון 1952, וועלכער איז באַזירט אויפן אימיגראַציע־געזעץ פון 1924.

אַ ריי וויכטיקע אַמענדירטע רעזאָלוציעס וועגן אימיגראַציע זיינען איינגעפירט געוואָרן פון דער רעגירונג אַלס רעזולטאַט פון אַ געהיימען דאָקומענט צוגעשטעלט פון מר. פינק צו פרעזידענט רוזוועלט, א. נ. „אַמעליאָריישאַן אָוו אימיגריישאַן רעגולייטשאַנס וויטהין דהי פריימוואָרק אָוו אַמעריקען אימיגריישאַן פּאַליסי".

"Amelioration of Immigration Regulations within the Framework of American Immigration Policy").

## ו

ווי געזאָגט, האָט מר. פינק, אין עלטער פון 47 יאָר, זיך צוריקגעצויגן אין 1936 פון זיינע פּריוואַטע עסקים, ער זאָל זיך קענען ווידמענען אויסשליסלעך צו קהלשע ענינים. זיין שטרענגער לאָזונג איז געווען — מער פאַר זיך ווי פאַר אַנדערע — „פרענדשיפּ בעפאָר ביזנעס": פריינטשאַפט קומט פריער פון ביזנעס. און פונקט ווי אין דער וועלט פון תורה און וויסן איז ער אָנגענומען אַלס „אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע", אַזוי איז ער אין לעבן אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון גוטסקייט און פריינטשאַפט, אין שטענדיקער גרייטקייט צו דינען זיינע מיט־מענטשן אויף הונדערטערליי אופנים.

ס'איז נאָר געווען אַ ... טאָג ... מיט אים צו פאַרברענגען אין זיין „מקדש־מעט", כדי אַ באַגריף צו קריגן פון זיינע צענפאַכיקע תרי"ג מצוות וואָס ער איז, באהבה, מקיים, אָן שום מידקייט, אין יעדער רגע פון זיין ייִאַכזאַמקייט. און אויף אַ טייל נאָר פון אַ טאָג אַזאַ בין איך אַן עדות געווען ת'האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַרויסשיקן טשעקס פאַר עטלעכע אידישע ביכער, וועלכע ער האָט ניט באַשטעלט. נאָר מען ווייסט שוין אין די שרייבערשע קרייזן אַז פינק איז מקבל באהבה יעדעס אידיש בוך — חוץ אַ קאָמוניסטישן. און — מצוה גוררת מצוה. ס'איז אַריינגעקומען אַ נעגערשע פרוי מכוח דיסקרימינאַציע, און שוין האָט דער טעלעפאָן גענומען פאַרבינדן מענטשן מיט אינסטיטוציעס, כדי ברענגען אַ ישועה פאַר אַ דערדריקטער פרוי פון אַ פאַרפאָלגטער ראַסע. און אָט קלינגט דער טעלעפאָן, מיט אַן אָנקלאַגע, אַז די „עקוויטייבל לייף אינשורענס קאָמפּאַני" האָט ניט קיין אין

אידישן מיטגליד אין איר דירעקטאָרן־ראַט. און שוין צירקלט פינקס לאַנגע און לייכטע פאַונטיין־פען ווערטער, לאָגישע, הומאַנישע, צום פּרעזידענט פון דער ביליאָניקער „אינשורענס קאָמפּאַניע" (ווי איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, האָט מר. פינקס בריוו געהאַט די געהעריקע ווירקונג, און אַ איד איז באַשטימט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער „באָארד אָוו דירעקטאָרס"). אַזעלכע געזונטע איינפלוסן האָט ער אויסגענוצט, אין לויף פון יענעם טייל־פון־טאָג מיינעם, אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פון דעם מענטש־טעטיקייט. זיינע פּערזענלעכע, איכישע אינטערעסן האָבן זיך לחלוטין ניט אָנגעזען.

ז

אין דעם נעמלעכן אַרטיקל זיינעם, ביים אָנהויב פון מיינע שורות, באַצייכנט זיך פינק אַלס אַן „אַמאָל־שרייבער". דאָס, נאַטירלעך, איז עכטע באַשיידנקייט פון זיין זייט, נאָר ניט דער עכטער אמת. ווייל פינק, דאַכט מיר, איז הויפּטזעכלעך און שטענדיק אַ שרייבער. וואָס־נאָר אַ טעות, וואו־נאָר אַן עוולה, ווען־נאָר אַ הילף־רוף איז ער, בליצנוויין, אויפן אָרט, מיט זיין וואָרט, פון דער פען. ער ווערט גאָר ניט מיד פון שרייבן פּערזענלעכע בריוו צו שרייבער, אידישע אי־בערהויפּט, ביים איבערלייענען די טאָג־פּרעסע. ער איז קיינמאָל ניט פויל צו אַ נעם־טאָן די פעדער און זי איינשפּאַנען אין קאַמף קעגן אַן עוולה. און ער איז קיינמאָל ניט שפּעט, מיטן וואָרט פון דער פען אין עכאָ פון אַ מענטשנס אַ רוף.

זיין פּערזענלעכע קאָרעספּאָנדענץ איז אַ קאָלאָסאַלע און אַ פאַרשיידנאַרטיקע. דאָס קען מען זען אויך פון די ענטפערס, ווי צ. ב. דער ענטפער צו פינק פון לואיס מאַרשאַל אויף 23 געדיכטע מאַשין־געשריבענע זייטן, אָדער אַ בריוו פון סעמועל גאָמפּערס אויף זעקס לאַנגע זייטן, צי זיינע טויזנטער בריוו צו מלוכה־מענטשן, אָנהויבנ־דיק פון לאָקאַלע מלוכהשע אינסטאַנצן ביז צו די קעפּ פון אונזער מעכטיקער מדינה.

צו זיינע איצטיקע 63 יאָר איז מר. פינק נאָך פול מיט יוגנטלעכ־קייט, מיט לייכטן טראָט, אין שטענדיקער גרייטקייט אַנטקעגנצוקומען אַ שמייכלענדיקער יעדן איינעם מיט תורה־וואָרט אין זיין מויל און מיט ברודער־הילף אין זיין האַנט.

# אב. קאַהאַן

## א

וועגן אַב. קאַהאַנען איז לייכט צו שרייבן און—שווער. לייכט— ווייל זיין לעבן איז אַן אָפן בוך. און שווער — ווייל די געדיכט־גע־שריבענע בלעטער פון זיין לעבן קענען זיך ניט איינפּאַסן אַפילו אין דעם סאַמע דיקסטן באַנד.



נאָר גאָר גוטע וואָרט־מייס־טערשאַפט — וואָס דאָס איז ניט פאַר מיינע כוחות — קען זיך מיט אַזאַ לייכט־שווערער טעמע, ווי עס איז די פּערזענלעכקייט אַב. קאַהאַן, ספּראַווען.

נאָר עס שיינט מיר, אַז דעם שליסל־טאָן צו דעם 90־יאָריקן אויפשפּיל פון אַב. קאַהאַן האָט געגעבן ניט קיין וואָרט־וויר־טואָז, ניט קיין באַרופענער שרייבער בכלל, נאָר אַ פּאָלי־טיקער, — טאַקע אונזער איי־גענער דוד בן־גוריון.

אין טאָג פון אַב. קאַהאַנס געבורטסטאָג־פייערונג (אין האָ־טעל קאָמאָדאָר), האָב איך אויף דער ערשטער זייט פון „פאָרווערטס" דערזען פּרעמיער בן־גוריונס קייבל באַגריסונג, און מיט אַ באַשטימטער נייגעריקייט גענומען לייענען:

„ירושלים, סעפּטעמבער 8.

„עס איז אַ גרויסער זכות צו באַגריסן דעם גיבור פון אַמעריקאַנער אידישן זשורנאַליזם צום נייַנציקסטן געבורטסטאָג.

„אַב. קאַהאַן איז מער ווי אַ שעפערישער רעדאַקטאָר, מער ווי אַ קעמפּנדער אָנפירער פון אַ באַוואוסטזיניקער צייטונג, וואָס האָט באַגלייט דעם אידישן לעבן דורך אַ האַלבן יאָרהונדערט אין לייד און פרייד, אין חורבן און דערלייזונג.

„קאַהאַן איז דער אָנזאָגער פון דער פאַראייניקונג און באַפרייאונג

פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע, איינער פון די הויפּט־טרעגער פון אידישן געוויסן, אַ מאָנומענטאַלע פעסטונג פון אידישער אַחריות אין דער גאַרער וועלט און שטאָלצע שטיצונג פון ישראל, וועלכע פאַרקערפּערט אידישע זעלבסטווירדע, פרייהייט און זעלבסט־שטענדיקייט אויף זיין אייגענעם באָדן.

„אַב. קאַהאַנס געשענקטע יאָרן זיינען אַ מתנה דעם אידישן פאָלק. דוד בן־גוריון."

בין איך זיך דאָ מודה, אַז בן־גוריונס פּרעציזע רייד, איבערהויפּט די לעצטע צען ווערטער, האָבן פאַר מיר אָנגעשלאָגן דעם טאָן פאַר מיין באַשיידענעם זמר צום „דיען" פון אידישן זשורנאַליזם.

## ב

ווען מען בלעטערט די לעקסיקאָנען פון אידישע שרייבער וואַרפט זיך, צווישן אַנדערעס, דער שמערצלעך־באַדויערנדיקער און ברוטאַלער פאַקט פון קצור ימים. דער דורכשניטלעכער לעבנס־דויער פון אַ אידישן שרייבער איז ביי עטלעכע און פופציק יאָר. אויב ס'איז ריכטיק די השערה פון דזשיימס ברענטש קעבל, אַז אַ שרייבערס כוח גברא הויבט זיך ערשט אָן אַרויסוויזן ביי פופציק יאָר — האָט דאָך דער דורכשניטלעכער אידישער פען־מענטש כמעט קיין געלעגנהייט ניט צו באַווייזן זיין שרייבערישע גבורה, און אַזוי אַרום איבערלאָזן קאַרביקע צייכנס אין דער ליטעראַטור! „אַב. קאַהאַנס געשענקטע יאָרן" זיינען, דעריבער, ניט נאָר, ווי בן־גוריון דריקט זיך בריד־לעך אויס, „אַ מתנה דעם אידישן פאָלק", נאָר אויך די גרעסטע גע־שאַנק צו דעם שרייבער, רעדנער און פּאָליטיקער אַב. קאַהאַן, — ער זאָל קענען פאַרמונדיקן זיינע שריפטן און פאַרענדיקן, מער־ווייניקער, זיין שליחות אויף דער ערד.

מער נאָך, אפשר, ווי אַט־דער גרויסער זכות איז פאַר אים אַליין, איז אַב. קאַהאַנס געבענטשטער אַריכת ימים געווען פאַר אַנדערע. וויל קאַהאַנס אַלזייטיקע מעשים אין משך פון די לעצטע דריי דע־קאַדעס זיינען ניט נאָר געווען אַ לאָגישער המשך פון זיינע פריערדיקע שטורמישע יאָרן, נאָר זיי האָבן אויך באַשטעטיקט און באַגרינדעט זיין גאַנצן לעבנס־נוסח.

## ג

דער לעצטער פּאַראַגראַף פאָדערט אַ שטיקעלע רש"י.

אַב. קאַהאַן, ווי באַוואוסט, האָט געהאַט אַ סך פאַרערער — לייט וואָס האָבן באַוואונדערט זיין מוט, דעם שפּרודל פון זיין קאַמף, זיין גוטן קאָפּ, זיין גראַד־ליניקייט. ניט גרויס איז, אָבער, געווען די צאָל פון זיינע חסידים. ד. ה. ער איז געווען אַ לערער, און אַ גוטער לערער,

אָבער ניט קיין רבי. און אויב גאָר קליין איז די צאָל מענטשן, אַפילו אין „זיין" אייגענער באַוועגונג, וואָס האָבן אים ליב געהאַט, איז, דערפאַר, גאָר גרויס געווען — און איז נאָך אַפילו איצט — די צאָל פון זיינע קעגנער און, אַפילו, פאַרהאַסער. אַב. קאַהאַנס דיקטאַטאָרישע נאַטור בכלל און זיין דיקטאַטאָרישע הנהגה אין „פאָרווערטס" האָבן אים געקרוינט פאַר דעם פעלדמאַרשאַל פון דער גרעסטער אַרמיי־פון־קעגנער אין אידישן לעבן אין אַמעריקע. אויך אויף דעם געביט, זעט עס אויס, איז ער אומפאַרגלייכבאַר.

אָבער אין ליכט פון זיין זכותפולן אַריכת ימים פאַרלירט, לעצטנס, זיין מעכטיקע קעגנער־אַרמיי זעלבער און אַפּיצערן.

נעמען מיר, צ. ב. איין דיוויזיע פון זיינע קעגנער — די אידי־שיסטן. ערגעץ־וואו האָט אַב. קאַהאַן אַ פלירטעווע געטאָן מיט נבואה. ער האָט, נעמלעך, נבואה געזאָגט, אַז אידיש וועט אין אַמעריקע ניט האָבן קיין אַריכת ימים. און מער האָט אים ניט געפעלט; איבער נאַכט, ממש, איז מאָביליזירט געוואָרן אַ נייע דיוויזיע פון קעגנער קעגן אים.

צום 50־יאָריקן יובילעי פון „פאָרווערטס" רעזומיר איך טאַקע, אין אַ פּאַראַגראַף, („ב.־י. וואַכנבלאַט", נומער 302, פון 6טן יוני, 1947) די טענות פון אַט־דעם טיפּ קעגנער, און דעם ווערט פון די טענות:

אין געוויסע, אַזוי־גערופענע, קולטוריסטישע, צי אידישיסטישע, קרייזן קוקט מען קרום אויפן „פאָרווערטס" צוליב אַ געוויסער נבואה פון אַב. קאַהאַנען, אַז אידיש וועט אין אַמעריקע ניט האָבן קיין אַריכת ימים... אָדער צוליב געוויסע דייטשמעריזמען אָן וועלכע די צייטונג האַלט זיך אָן, אָדער צוליב אַ ריי אַנדערע, גערעכטע צי אומ־גערעכטע, פאַרעדונגען און טענות צו דער גרעסטער אידישער צייטונג אין דער וועלט. די אַלע בעלי־טענה זיינען, אָבער, גרייט, אין היץ פון זייערע טענות, מקריב זיין די צייטונג גופא, מיט אַלץ וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר, ווייל און ווייל — זיי האָבן אַ טענה . . . אוודאי מעג מען און זאָל מען האָבן טענות, און אוודאי זאָל מען ניט מיד ווערן פון פאָדערן גערעכטיקייט ביי אַזאַ מעכטיקער איב־סטיטוציע, ווי עס איז דער „פאָרווערטס". די פרייע, קאָנסטרוקטיווע קריטיק איז דערפרישנדיקע און דערקוויקנדיקע לופט פאַר יעדער אינסטיטוציע, וועלכע קריגט, מיטן גאַנג פון די יאָרן, אַ טענדענץ צו סטאַגנאַציע. און ווען דער „פאָרווערטס" איז מאָמענטנווייז געוועןביים ראַנד פון עלטער־געפאַר, פון גלידער־פּאַראַליז, איז דער שריי־בער פון די שורות ניט פויל געווען און האָט געשריען: קאַראַאול! און ניט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו אַלאַרמירן דעם געפאַר־סיגנאַל, כאָטש איך האָב געוואוסט אַז איך וועל מיספאַרשטאַנען

ווערן און קיין גוטס וועט מיר פון דעם ניט אַרויסקומען... איך וועל אויך ווייטער ניט מיד ווערן פון מאָנען, פון וועקן. אָבער צוליב די איינצלנע איינדאָרנדיקע צווייגן דאָ און דאָרט, האָב איך קיינמאָל ניט פאַרזען די פולע גרויס פון דעם מעכטיקן בוים. פאַר מיין באַוואוסטזיין איז תמיד געשטאַנען דער גרויסער היסטאָרישער פאַרדינסט פון „פאָרווערטס״: צו האָבן אויסגעלערנט דעם רויען אימיגראַנט צו לייענען און צו ס פּ ע נ ד ן אַ פּ ע נ י אויף אַ אידישער צייטונג. שאָמער האָט אויפגעשטעלט אַ לעזער־לעזערין פאַר דעם מעשה־ביכל און אַב. קאַהאַן האָט אויפגעהאָדעוועט און האָט דערצויגן אַ צייטונג־לייענער און אַ צייטונג־קויפער. אין די קליינע שטעטלעך פון מזרח־איראָפּע, פון וואַנען די אידישע מאַסן האָבן גענומען אַהער שטראָמען ביי סוף פון לעצטן יאָרהונדערט — אין יענע שטעטלעך איז ניט געווען קיין זין, קיין פאַרשטענדעניש און קיין ב אַ ד ע ר פ ע נ י ש פאַר אַ אידישער צייטונג. דאָרט פלעגן קוים צירקולירן צוויי־דריי צייטונג־עקזעמפּליאַרן, וועלכע פלעגן קומען פון „צענטער״ צום דאָקטאָר, צום אַדוואָקאַט, אָדער צום דערפאָלגרייכן לערער... און דאָס אויסלערנען און איינגעוואוינען דעם הילפלאָזן אימיגראַנט צו ספּענדן זיין מיט־שוויס־פאַרהאָרעוועטע סוועטשאָפּ־פּעני אויף אַ צייטונג — אָ, זאָל אָט־דער פאַרדינסט ניט גענומען ווערן צו־לייכט!

און ווי דיקטאַטאָריש אַב. קאַהאַן — דער פאַרשריגענער אַנטי־אידישיסט — זאָל זיך ניט געווען האָבן אויפגעפירט אין „פאָרווערטס״, טאָר מען, אָבער, אויך ניט פאַרזען די היפשע צאָל שרייבער, וועלכע ער האָט — מיט דער הילף, נאַטירלעך, פון „פאָרווערטס״ אַרויסגעפירט!

און דאָ בעט זיך, אפשר, צו ציען אַ פּאַראַלעל צווישן אַב.קאַהאַנס אַנטי־אידישיסטישן „רעקאָרד״ מיט דעם „רעקאָרד״ פון אַ געוויסן פּראָפעסיאָנעלן אידישיסט.

יענער פּראָפעסיאָנעלער אידישיסט איז געקומען קיין אַמעריקע מיט „אַ נאָמען״ אַלס ליטעראַטור־קריטיקער. מיט „אַ נאָמען״ פון איין זייט, און מיט אַ צד אין דער צייטונג פון דער צווייטער זייט איז ניט שווער געווען אַנצוקומען אַלס שרייבער אין „פאָרווערטס״. אַב. קאַהאַן האָט, אָבער, זיין דרך אין דער פּרעסע, און זיינע באַשטימטע סימנים פון שרייבערישע פיאיקייטן. און אַ דאַנק זיין זיכערן דרך און זיינע באַשטימטע סימנים האָט ער גאָר גיך איינגעזען אַז „אַ נאָמען״ איז איין זאַך, און קענען שרייבן איז אַ צווייטע זאַך, און האָט יענעם שרייבער גאָר גיך משלח געווען. צווישן די אידישיסטן האָט מען זיך יאָרן לאַנג געקאָכט איבער דעם. אָבער אַז גאָט גיט יאָרן, און עס וואַקסט אויס אַ געהעריקע דיסטאַנץ פאַר אָט־יענער פּאַסירונג, הויבט מען אָן לערנען אַנדערש דעם פּשט: אמת טאַקע, אַב. קאַהאַן

האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ פֿאַלשער נבואה וועגן אידיש. דער מאַן האָט דאָך, אָבער, אַזוי פיל פאַר אידיש אויפגעטאָן סאַי שרייבעריש, סאַי רעדאַקטאָריש און סאַי רעדנעריש, האַלטנדיק אַ רעדע אין אַ געזונטן ווילנער אידיש דאָ אין אַמעריקע אַזוי ווייט ווי אין יאָר 1882! און וואָס איז „פאַרלאָפן" מיט יענעם פּראָפעסיאָנעלן אידישיסט און מיט דעם כלומרשט־געקרוינטן ליטעראַטור־קריטיקער דורך אָט־דער צייט? ער האָט זיך פאַרקנעכט צו אַ ליטעראַרישער קליקע, האָט איר אין לויף פון איבער 25 יאָר געהאָלפן זיך באַפעסטיקן אין אונזער באַגרענעצטער סביבה און איז, אַזוי אַרום, געוואָרן אַ גבאי פון די הויפּט־אינטריגאַנטן קעגן דער אַזויפיל געקריוודעטער און פון אַלעמען פאַרלאָזענער ליטעראַטור אין דער הייליקער אידישער פאָלקסשפּראַך.

און אַזוי ווי אין ליכט פון אַב. קאַהאַנס אריכת ימים איז מ י ר קלאָר געוואָרן די מיספאַרשטענדעניש מיט זיין נבואת־אידיש, אַזוי האָבן פיל אַנדערע אָנגעהויבן אַנדערש באַטראַכטן אָט־דעם ענין, און האָבן, ביסלעכווייז, גענומען דעזערטירן פון אָט־דער אַנטי־קאַהאַניסטישער דיוויזיע.

מיט דעם גאַנג פון די יאָרן ווערט, דעריבער, קלאָר אַז וואָלט אַב. קאַהאַן נאָר צוגעטראָגן זיינע ביכער צום אידישן און אַלגעמיינעם ליטעראַטור־אוצר; נאָר דערצויגן אַ מאַסן־לייענער פאַר דער אידישער פרעסע; נאָר אַנטוויקלט צענדליקער נייע וויכטיקע אידישע שריפטשטעלער; נאָר געהאַלטן אין משך פון 50 יאָר דעם „פאָרווערטס" אויף אַ באַשטימטער ליטעראַרישער ניוואָ און מוסטערהאַפטער מאָראַלישער הויך — וואָלט מען, אין דער שפּראַך פון דעם בעל־הגדה, געקענט זאָגן: דיינו! מער ווי גענוג פאַר דעם איינעם לעבן פון וועלכן עס איז וויכטיקן שטערבלעכן.

ד

אויף דעם דערמאָנטן באַנקעט האָב איך פאַרצייכנט אָט־דעם זאָג פון הלל ראָגאָף: אַב. קאַהאַן ווערט מער געאַכטעט מיט דעם גאַנג פון די יאָרן, ווייל די אַרבעט מיט 50—40 יאָר צוריק וואָלט געקענט געטאָן ווערן פון אַנדערע, אָבער אָן קאַהאַנען אין די 20־ער, 30־ער און 40־ער יאָרן וואָלט געווען אַ חורבן.

וויל איך דאָ — און ווידער אין ליכט פון די יאָרן — מאַכן אייניקע באַמערקונגען גראָד וועגן דער אַרבעט קאַהאַנס פון 50—40 יאָר צוריק. ער איז געקומען אין אַמעריקע (פילאַדעלפיע) אין 1882, און צוויי יאָר שפּעטער האָט ער זיך שוין באַטייליקט אין דער גרינדונג פון דער ערשטער אידישער יוניאָן דאָ אין לאַנד. ער האָט

זיך באַטייליקט אַלס רעדנער, אַלס שרייבער, אַלס בעלעטריסט און, שפּעטער, אַלס איינפלוסרייכער רעדאַקטאָר פון דער פאַרשפּרייטסטער אידישער טאָג־צייטונג. די מצרישע שקלאַפעריי, אין אַ מאָנסטער־האַפטערער געשטאַלטונג, האָט דעמאָלט איינגעקלאַמערט די הילפלאָזע אַרבעטער פון די גרויסע שטעט און, איבערהויפּט, פון ניו־יאָרק. שווער געווען פון יענעם מענשן־מאַטעריאַל צו אָרגאַניזירן יוניאָנס. מערסטע פאַרזוכן פון גרינדן יוניאָנס פלעגן „געקרוינט" ווערן מיט דורכפאַל. נאָך ערגער איז געווען מיט סטרייקס, ווי איך האָב דאָס פאַרצייכנט אין מיין בראָשור וועגן סידני הילמאַן:

די אַקטיווע אידישע סטרייקערס, וואָס פלעגן קומען פּיקעטן אַ שאַפּ, פלעגן גלייך אַרעסטירט ווערן און ס׳איז ניט געווען ווער זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען. פון אַזאַ ווילדער פאַנטאַזיע ווי „דינגען אַ לאָיער" האָט גאָר קיינער ניט געוואָגט צו טרוימען. מען קען, בכן, זאָגן אַז די יאָרן פון 1881 אַזש ביז 1910 זיינען געווען די דרדקי־יאָרן פון יוניאָניזם אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס אין אַמעריקע בכלל און אין ניו־יאָרק בפרט. פולע 30 יאָר איז דער אידישער אַרבעטער־אימיגראַנט געגאַנגען אין יוניאָן־חדר ביז מען האָט פון אים און מיט אים געקענט אויסקנעטן אַזאַ מאַסאָווע קאַמף־אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל ווערט זיין דעם נאָמען „יוניאָן" און מיט וועמען די באַלעבאַטים זאָלן זיך ערנסט רעכענען.

דער דרייסיק־יאָריקער קאַמף קעגן דעם שענדלעכן סוועטשאַפּ־סיסטעם, אַ קאַמף אין וועלכן אַב. קאַהאַן איז אָפּט געווען די צענ־טראַלע, די אינספּירירנדיקע פּערזענלעכקייט איז געווען אַזאַ פאַר־צווייפלטער, אַזאַ גיגאַנטישער, אַזאַ העראָאישער, אַז אַלע כוחות און אַלע טאַלאַנטן האָבן געמוזט אין אים איינגעשפּאַנט ווערן, כדי דער אַרבעטער־קלאַס זאָל, ענדלעך, אין טריאומף קענען אַרויסקומען.

און ערשט איצט הויבט זיך אָן אויסקלאָרן פאַר מיר און פאַר אַנדערע ציוניסטישע אַנטי־קאַהאַניסטן, פאַרוואָס מען האָט אין יענער עפּאָכע ניט אין זינען געהאַט די אידישע אינטער־רעסן, די נאַציאָנאַלע מאָמענטן, די קולטור־אויפגאַבן. עס דאַכט מיר איצט, אַז ניט אַב. קאַהאַן, נאָר משה רבנו אַליין וואָלט אין די 80־ער און 90־ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט נאָר געהאַמערט — מיטן שטעקן און מיט זיינע צייכנס — אין איין ריכטונג: יציאת מצרים...

## ה

און נאָך אַ רעוויזיע, אין שיין פון איצטיקן קאַהאַנישן געבורטס־טאָג. אין דער דערמאָנטער בראָשור וועגן הילמאַנען באַריר איך,

כהאי לישנא, דעם האַרבן ענין פון דעם ס ת ם - ס אָ צ י אַ ל י ז ם אויף דער דעמאָלטדיקער אידישער גאַס:

„אויב ס'איז, אָבער, אַזוי שווער געגאַנגען דאָס געבורט פון יוניאָניזם אויף דער היגער אידישער גאַס איז אָבער דעם ס ת ם - ר אַ ד י ק אַ ל י ז ם פיל לייכטער אָנגעקומען צו דערווערבן פּאָזי-ציעס אין היגן אידישן לעבן — ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינ-גען. ווייל דער אמת איז דאָך, אַז ניט אַלע אידישע אָנקומענדיקע אין נייעם לאַנד זיינען געווען כולו הילפלאָז. ס'זיינען געווען אַנדערע פּנים'ער אויך. מיר ווייסן פון אַן „עם-עולם"-געזעלשאַפט — אַן אָרגאַניזאַציע פון יונגע אידישע ראַדיקאַלן וואָס איז געקומען צום לעבן אין אדעס, אין יאָר 1881, אַלס „ענטפער" אויף די פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד אין יענע טעג. די עם-עולמ'ניקעס זיינען אויך געווען אַ טייל פון יענע ערשטע שטראָמען פון אידישער מאַסן-אימי-גראַציע. זייער קומען איז געווען מאָטיווירט הויפּטזכלעך פון אידעאַ-ליזם. זיי זיינען געקומען אין נייעם לאַנד מיט פרישן גלויבן אַז מען קען און מען דאַרף איבערבויען דאָס אידישע לעבן אויף קאָמוניסטישע יסודות און ווייזן דער וועלט אַז דער איד איז ניט קיין פּאַראַזיטישער עלעמענט אין דער געזעלשאַפט. פון פריער, פון די יאָרן 1848 אָן זיינען שוין דאָ געווען אַ צאָל אַנטרונענע רעוואָלוציאָנערן פון דייטש-לאַנד, נאָכדעם ווי ביסמאַרק האָט איינגעפירט דעם „אַנטי-סאָציאַ-ליסטישן געזעץ". דערפון איז געדרונגען אַז די ערשטע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע און, במילא, אין ניו-יאָרק זיינען געווען דייטשן. זיי האָבן דאָס א י מ פּ אָ ר ט י ר ט דעם סאָציאַליזם אין קאָלאָמבוסעס מדינה. און פון זיי שטאַמען דאָס די אַלע ראַדיקאַלע ווערטער אין אונזער אידיש-אַמעריקאַנישן פּראָלעטאַרישן לעקסיקאָן. אין די 80-ער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט האָט די אימיגראַציע אונז אויך מזכה געווען מיט ניט קיין קליינער גרופּע אידישע אַנאַרכיסטן און סאָציאַ-ליסטן און ס'האָבן אָנגעהויבן אויפקומען „פּראָפּאַגאַנדע-פּאַראַיינען" (אין 1884) און „רוסיש-אידישער אַרבעטער פּאַראיין" (1884), וואו אויך אָט-די פּאַרזאַמלונגען פלעגט דאָמינירן צום ערשטן דייטש און נאָכדעם, אין די עטוואָס-שפּעטערע יאָרן — רוסיש. צו יענער צייט איז אויך אויפגעקומען דער „פּאַראיין פון אונגאַריש-אידישע סאָ-ציאַליסטן" און דער „אידישער אַרבעטער פּאַראיין" — וואָס איז באַ-שטאַנען, מערסטנס, פון אונגאַרישע און גאַליציאַנער ראַדיקאַלן; „פּיאָנירע דער פרייהייט", אַ טעטיקע אידיש-אַנאַרכיסטישע אָרגאַני-זאַציע, וועלכע איז אויפגעקומען אין 1887 אַלס „ענטפער" אויף דער היימאַרקעט-אַפערע אין שיקאַגאָ. ראַדיקאַלע פּראָפּאַגאַנדיסטן אין יענע יאָרן זיינען געווען: אב. קאַהאַן, ל. מילער, מ. זאַמעטקין, ב.

פייגענבוים, ש. יאַנאָווסקי, מאָריס הילקוויט, יוסף באַראָנדעס, דר. מיכאל קאָהען און דר. מאַקס גירזשדאַנסקי. אָט־די אַלע מענטשן זיינען געווען די פּאָפּולערסטע רעדנער אין יענער צייט אויף דער איסט־סאַיד פון ניו־יאָרק און ס'איז זיי „מיט פאַראייניקטע כוחות" געלונגען צו פאַרקויפן דעם קאָסמאָפּאָליטיש־צעקריפלטן באַגריף פון אינטערנאַציאָנאַליזם צו דער ניט־אָריענטירטער אידישער מאַסע פון ניו־יאָרק און די ווי אויף־הייוון־וואַקסנדיקע אימפּעריאַלע אידישע שטאָט ניו־יאָרק האָט זיך גענומען אויסצייכענען מיטן אָוועקשליידער פון אידישקייט, פון אָפּ־זונדערן זיך פון דער מינדסטער אידישער טראַדיציע, מיט אַ סדרה פון יום־כיפור־בעלער און מיט כל'ערליי אַנדערע צו־להכעיס אונטער־נעמונגען קעגן גאָט און קעגן זיין פאָלק ישראל.

„יאָ, די אידן וואָס זיינען אויף מעכטיקע כוואַליעס געטראָגן גע־וואָרן אַהער פון „מאַטושקאַ ראַסיאַ" און פון אַנדערע סלאַווישע לענדער האָבן ניט פאַרגעסן מיטנעמען מיט זיך די כאַראַקטעריסטיש־רוסישע „שטימונג", דעם סלאַווישן טעמפּעראַמענט — אַ שטימונג און אַ טעמפּעראַמענט וואָס האָט געקראָגן דעם קאָנסעקווענטן אויסדרוק אין טראָצקי'ס „פּערמאַנענטע רעוואָלוציע".

אָבער אַז מען לעבט — דערלעבט מען גאָר איבערראַשנדיקע דער־שיינונגען. ווייל וועלכער סאָלידער כוח אין אַמעריקאַנער אידנטום שטייט איצט ווי אַ פעסטונג הינטער מדינת ישראל ? אָט־דער אַמאָ־ליקער ראַדיקאַל־קאָסמאָפּאָליטישער עולם. און ווער איז דער לאָגי־שער כאָטש ניט־אָפיציעלער פאַרטרעטער און פאַרטיידיקער פון דער אַרבעטער־ממשלה פון מדינת־ישראל ? דער אָרגאַן פון יענע ראַדי־קאַל־קאָסמאָפּאָליטן — דער „פאָרווערטס".

ו

און, צום סוף, נאָך איין שטריך — וועגן קאַהאַנס אַנ־הויבנדיקן, פייערנדיקן און אויסהאַלטנדיקן קאַמף קעגן קאָמוניזם אויף דער אידישער גאַס : ביים אָנהויב פון מיינע איצטיקע אייליקע נאָ־טיצן האָב איך גערעדט וועגן די לייט־אַרטיקלער פון ניו־יאָרק „טיימס" און „העראַלד־טריביון", וואו זיי אונטערשטרייכן דעם אויסגעהאַל־טענעם ביישטראַג פון קאַהאַנען קעגן קאָמוניזם. דאָס נעמלעכע האָט, אין זיין באַגריסונג, באַרירט דער פרעזידענט פון אַמעריקע, הערי ס. טרומאַן. מען ווייסט, הייסט עס, אין די „הויכע פענסטער" דעם ביישטראַג פון „פאָרווערטס" צום געזונטן וואוקס און צום פּילזייטיקן פּראָגרעס פון אַמעריקע.

ערגעץ־וואו, הייסט עס, ציט זיך אַ גאַנץ זעבאַרע ליניע צווישן

קאַהאַנס סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, רוזוועלטס „ניו־דיל“־ישער פילאָזאָפיע און טרומאַנס רעאַליסטישן אידעאַליזם, פּונקט ווי עס איז דאָ אַ גאַנץ קרובה׳שע שייכות צווישן דער טרייד־יוניאָניסטישער „הסתדרות“ אין אַמעריקע און צווישן זיין פּאָליטישן פאַרבינדעטן — די מאַפּאַי׳אישע אַדמיניסטראַציע פון דער יונגער איזראַעלישער אַרבעטער־רעפּובליק.

ז

און צום סאַמע סוף: אַ ריין פּערזענלעכער מאָמענט. אַנהויב 1923, ווען ס׳האָבן זיך אַ באַוויז געגעבן די ערשטע העפטן פון מיין ערשטן זשורנאַל „אויפגאַנג“, האָט מיך ווער אין שלומס קאַפע־הויז פאַרגעשטעלט פאַר אַב. קאַהאַנען. אַלט געווען בין איך דעמאָלט 21, און אויסגעזען — מיט עטלעכע יאָר אינגער. קענטיק, אַז איך האָב אויף קאַהאַנען געמאַכט אַ גינסטיקן איינדרוק, כאָטש איך האָב אים גלייך דערקלערט, אַז איך האָב ניט וועלכע עס איז אַמביציעס פאַר דער טעגלעכער פּרעסע. ער האָט מיט מיר, אָבער, לאַנג גערעדט, און האָט עטלעכע מאָל ווידערהאָלט: „יונגערמאַן, אַנטלויפט פון דער אידישער גאַס, שרייבט ענגליש.“ אָפן גערעדט, איז פאַר מיר, דעם שטאָלצן אידן, יאָרן לאַנג ניט קלאָר געווען קאַ־האַנס האַנדלונג מיט אַ יונגן אידישן שרייבער. און, מילד גערעדט, ווייט ניט סימפּאַטיש. איך ליכט, אָבער, פון דער אומבאַגרייפלעכער רשעות פון די פּראָפעסיאָנעלע אידישע שרייבער, איבערהויפּט פון די קליקע־שרייבער, וועלכע זיינען „זיילן“ פון „טאָג“, בשותפות מיט די שרייבערישע אונטעראָפּיצירן אין דער קליקע, וועלכע העלפן־מיט אין דער קאָנספּיראַציע קעגן אַ ליטעראַטור דורך די קאָלומס פון „מאָרגען זשורנאַל“ — ווערט מיר איצט קאַהאַנס דעמאָלטדיקער געשפּרעך מיט מיר אויפגעקלערט און אָפילו סימפּאַטיש.

אין אַב. קאַהאַנס ביבליאָגראַפיע זיינען דאָ עטלעכע פּאָלעמישע און, אָפילו, קריגערישע אַרטיקלען מיינע מיט אים. צו זיין איצטיקן באַנקעט, אָבער, בין איך געגאַנגען ווי אַן אָפּגעזוכטער קרוב, ווי אַ שטילער פריינט און ווי אַ וואַרעמער און אָפענער פאַרערער.

# דר. אברהם קאַראַלניק

## א.

אונטער דער האַנט פון אַ שרייבער וועלכער איז מחוץ דער טעגלעכער פּרעסע איז ניט שטענדיק דאָ אונטער דער האַנט דער נויטיקער רעפערענץ־בוך, אין וועלכן מען זאָל קענען אַריינבליקן וועגן אַ געזוכטער דאַטע אָדער פעסטצושטעלן אַ פּינקטלעכן ציפער. אַזוי אַרום, צ. ב., האָט ניט מיין פעדער די געהעריקע קאַראַלניק־ביבליאָגראַפיע, צו קענען וויסן, כאָטש פאַר זיך אַליין, דעם פרײדיקן טאָג פון זיין אויפגיין און דער טראַגישער קאַלענדאַרישער שורה פון דעם יום־המיתה פון אַזאַ ניט־אויסגעלעבטער שעפערישער פערזענלעכקייט. פאַר דעם גרעסטן טייל לייענער פון דער אידישער פרעסע און פון דער אידישער ליטעראַטור זיינען, אפשר, ניט נויטיק אָט־די דאַטעס און אָט־די ציפערן. ווייל קאַראַלניקס יאָרצייט ווערט ביי אים, בקול דממה דקה, סיי־ווי געפּראַוועט. ער דערמאָנט זיך אָן אים ווען ער לייענט די פּלאַטשיקע מאַמריסטיק פון דער טעגלעכער פּרעסע. זיין גייסטיק פּנים לויכט אויף ביים אָפּטן בראַדיען אין טייך פון זשורנאַליסטישע באַנאַליטעטן. און דער סאַמע פּינקטלעכסטער יאָרצייט קאַראַלניקס פאַלט אויס דעמאָלט ווען מען ווערט צום וויפלטן מאָל איבערצייגט אַז קיין יורש האָט ער ניט געלאָזן.

## ב.

פון פאַרוואָלקנקייט איז געווען זיין קומען. מיט מיסטעריעזער איינגעשלאָסנקייט איז ער געווען באַהויכט און באַרינגלט. ווי אַ פאַרגליווערטער בליץ אין זיגזאַג האָט ער זיך אַ שנייד אַריין געגעבן צווישן אונז, און האָט גלייך נייגעריקייט אַרויסגערופן.

פאַר דער העכערער אידישער אינטעליגענץ, איבערהויפּט פאַר דער אידיש־אייראָפּעאישער, איז דר. קאַראַלניקס שריפטשטעלערישע טעטיקייט אין רוסישע און דייטשישע שפּראַכן געווען באַקאַנט לאַנג, לאַנג איידער ס׳האָט נאָך ווער עמען עס איז געקענט איינפאַלן אַז דר. קאַראַלניק וועט איינגעפלאָכטן ווערן אין דער אידישער ליטעראַטור. פאַר אונזער היימישער פאָלקס־אינטעליגענץ, אָבער, איז דער נאָמען דר. אברהם קאַראַלניק ערשט אויפגעלויכטן מיט 33 יאָר צוריק (ניט רעכענענדיק דעם אַרטיקל, וואָס קאַראַלניק האָט אָנגעשריבן אין 1904 אין אברהם רייזענס „דאָס אידישע וואָרט“, אין קראָקע, אויף דער טעמע: „די פּרוי אין דער אידישער ליטעראַטור“).

אָבער זיין פּלוצלונגדיקער אַריינשפּאַן אין דעם אידישן שרייבן האָט אַלעמען איבערראַשט.

ס׳איז געווען דעם 26־טן דעצעמבער 1915. קיין רעקלאַמע־פּאַ־

פירלעך האָבן ערפּלאַנען אין יענעם טאָג ניט צעוואָרפן אין דעם ניו־יאָרקער אידישן תחום, לכבוד זיין קומען. אויטאָמאָביל־פּאַראַדן האָבן ניט צעקלונגען אין די היגע אידישע קוואַרטאַלן דעם אָנזאָג פון זיין קומען. אַפילו קיין בילד ניט, אַפילו ניט קיין נאָטיץ אין אַ קעס־טעלע (ווי דער „טאָג" האָט זיך דעמאָלט נוהג געווען מיט רעקלאַמירן גדולים). נאָר פשוט. מען האָט אַן עפן אויף געגעבן דעם „טאָג", ערשט אַ נייער דאָקטאָר איז אויף דער לייט־אַרטיקל זייט. לייענט מען אי־בער דאָס קעפל „אין דעם ווייסן קענעדע", און מען באַשליסט אַז עס איז מסתמא אַ טעות הזעצער. ער האָט גיכער געמיינט אין דעם ווייטן קענעדע. גאָר ווייסן. אַ נייע נייעס. מען הויבט אָבער אָן לייענען: „אַ סימפאָניע אין ווייס. וואו דאָס אויג קוקט — ווייסער שניי, ווייטע, ווייסע פעלדער, ווי באַדעקט מיט הערמעלין, פריש, קאַלט און ווייס, גלימצערנדיק, שימערירנדיק. פון דעם באַלקאָן פון מיין צימער שיינט אַריין אַ בלויע לענטע, — דער גרויסער סענט־לאָרענס טייך, צייכענען זיך ווי דורך אַ מאַטאָוון שפּאַקטיוו די כוואַליענדיקע ליניעס פון די לאָרענס־בערג".

איבערגעלייענט דעם פּאַראַגראַף, בלייבן די לייענער, ווי באַ־רוישט: איז עס זשורנאַליזם, בעלעטריסטיק, צי אפשר גאָר דיכטונג אין פּראָזע? יע, ס'לאָזט זיך אַפילו אויסשטעלן אין קורצע שורות.

צעעפענען מענטשן זייערע אויגן אין קינדערשער תמימות, ציען מיט די אַקסלען, און לייענען ווייטער. הערן זיי שוין ביסלעכווייז אויף זיך שרעקן פאַר דער מערקווירדיקער אַנדערשקייט פונם שרייבן, פונם לשון, קענען זיי זיך ניט אָפּחידושן פון דער לומדות און גרינט־לעכער באַהאַוונטקייט, וואָס דער מיסטעריעזער מחבר ווייזט אַרויס אין דער געשיכטע, פּאָליטיק, ליטעראַטור און עקאָנאָמיק פון קענעדע.

וואַרטן שוין מענטשן מיט אומגעווינלעכער אומגעדולד אויף זיין ווייטערדיקן שרייבן. און אין אַ פינף־זעקס טעג אַרום — אַהאַ, זיך דערוואַרט: „די האַנט פון גאָט". אַן אַרטיקל, וואו עס ווערט אויפגע־וואָרפן און דורכגעמישט קונסט און פילאָזאָפיע, און מיסטיק, און עטיק, און געגומען האָט זיך עס פון דעם: איז געווען אויף אַ מלחמה־קרבנות־פאַרזאַמלונג, אין קאַרנעגי האַל, געהערט אַלערליי רעדעס, און די פּראָזע „גאָטס האַנט" פון אַ ניו־יאָרקער בישאָף האָט אים אַזוי שטאַרק אימפּאָנירט, אַז עס לאָזט אים ניט רוען, און ער שרייבט אַן זיין צווייטן אַרטיקל, וואָס ער פאַרענדיקט אַזוי: „אַ לעגענדע איז די וועלט, אַ לעגענדע געשריבן און יעדן טאָג ניי געשריבן פון דער ווייסער סודותדיקער האַנט. פון אַלע פינגער פון דער האַנט זיינען מיר די לעגענדאַרישסטע, אַ קאַפּיטל פאַר זיך, געשריבן און פאַרבעסערט, און איבערגעשריבן, און ניי־געשריבן. אָבער קיינמאָל ניט אויסגע־

מעקט. און דער אַלטער פאַרמעט בלייבט תמיד פריש און פעאיק מקבל זיין נייע צייכנס פון דער סודותדיקער האַנט״...

נאָכדעם איז דר. קאַראַלניק שוין געוואָרן אַן אָפטער גאַסט אין „טאָג״, און די לייענער זיינען שוין געוואָרן היימיש מיט זיין אופן שרייבן. און אויך דר. קאַראַלניק האָט זיך מיט אויסערגעוויינלעכער צופּאַסונגס־פעאיקייט איינגעהיימישט מיט אַמעריקע. ווען נאָר ערשט אַ פּאָר וואָכן אין לאַנד האָט ער שוין געשריבן מיט אַזוי פיל בקיאות און זיכערקייט וועגן היגע מענטשן, אינסטיטוציעס, באַוועגונגען.

זיין יעדער אַרטיקל איז געווען אַ געשפּרעך אויף טעג. אין קרייז־לעך, קלובן, היימען און מיטינגען האָט מען וויכוחים וועגן דעם געפירט. זיין יעדער אַרטיקל איז געווען אַ געשעעניש. אָבער די סענסאַציאָנעלע געשעענישן האָבן לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, ווייל סוף אַפּריל, 1916, פאָרט קאַראַלניק אָפּ פון אַמעריקע.

ג.

דריי און אַ האַלב יאָר וואָרט די בעסערע אידישע לע־זערשאַפט אויף זייער ליבן שרייבער. און דעם 30־טן סעפּטעמבער, 1919, איבער דער גאַנצער ברייט פון דער צייטונג — „די שטימע פון בלוט און טרערן״. אַ טאָפּלטן „זיחד״ האָט יעדער לייענער אי־בערגעלעבט פון די דאָזיקע דריי קאָרעספּאָנדענציע־אַרטיקלען: זיך געפרייט וואָס ענדלעך זיך דערוואָרט אויף קאַראַלניקס שרייבן, און שטיל געזיפצט ווייל „מיט פאַרגליווערטן שרעק אין די אויגן און מיט איינגעהאַלטענעם קרעכץ״ זיינען זיי (קאַראַלניק און נאָך צוויי שלוחים) געפאָרן „אין דער גרויסער וועלט אַריין, כדי דערציילן דער וועלט וואָס דאָס אוקראַאינישע אידנטום שטייט אויס״.

און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום הויבן זיך אָן דרוקן זיינע „צער־בלעטלעך״. זיינען דאָס געווען אומפאַרגעסלעכע בלעטלעך. אמת־טיפער צער האָט פון זיי אַרויסגערעדט. מסירת־נפשדיקע טריישאַפט פון אַ גינציקן ברודער האָט זיך פון זיי אַרויסגעזען. ווער קען און וועט אַמאָל פאַרגעסן „צוועלף״, „דער סטאָליער״, „לייזער דער גדול און קלמן קטונתי״, „דער סמבטיון״ און די אַנדערע פון דער סעריע „צער בלעטלעך״? אַז די טיפן און בילדער זיינען אַזוי געשיל־דערט, ווי זיי וואָלטן פון מירמלשטיין געווען געהאַקט.

ניט נאָר שרייבט קאַראַלניק בילדעריש וועגן מענטשן און זאַכן, וואָס ער האָט געזען, דורכגעלעבט, דורכגעפילט, נאָר עס געלינגט אים זיך אַריינצולעבן אין קיינמאָל ניט געזעענע סביבות און קיינמאָל ניט דורכגעלעבטע סיטואַציעס און געבן אונז פאַנטאַזיע־שיינע און פאַרבן־רייכע פּרטים.

אַט, צ. ב., ווי ער הויבט אָן וועגן „לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי:
„אין דעם וואַרשטאַט פון דעם מייסטער אַנדרעא דע טשאַנע, גע־רופן איל ווערראָקיאָ, איז געווען פריילעך און רעשיק. אַרום און אַרום יונגעלייט אין מאַלערישע קאָסטיומען פון דעם פופצנטן יאָרהונדערט — קורצע, שמאָלע סאַמעטענע פּלודערן, לאַנגע זאָקן, האַלב־שיך מיט אויסגעבויגענע נעזער, ווי שיפלעך; שוואַרצע, סאַמעטענע רעק, שמאָל אין דער טאַליע, און מיט ברייטע, ווי אויפגעבלאָזענע אַרבל; אויפן קאָפּ אַ בערעט, אַ סאַמעטן היטל אָן אַ דאַשעק — יעדער ביי אַן אַנ־דער אַרבעט. איינער איז געזעסן ביי אַ טיש, געהאַלטן אַ שטיקל גאָלד און געשמאָלצן עס אויפן פייער; אַ צווייטער האָט געשניצט, אַ דריטער איז געשטאַנען ביי אַ מירמלשטיין־בלאָק און געקלאַפּט מיט אַ האַמער, אַ פערטער האָט געמישט פאַרבן פאַר אַ גרויסן לייוונט מיט אַנגעוואָר־פענע פיגורן. און ווידער איינער האָט גאָר געשפּילט אויף אַ לירע און צוגעזונגען דערצו אַ ניי פלאָרענטיש גאַסן־ליד".

בכלל איז זייער אינטערעסאַנט דר. קאַראַלניקס אופן פון אָנשרייבן אַן עסיי, אַן אַרטיקל. זעלטן ווען ער האַלט זיך ביי אַ טעמע, ביי אַ פּונקט. ער שרייבט בכלל ניט צוליב עפּעס, צוליב עמיצן. זיין שרייבן איז מערסטנס אַ וויכוח מיט זיך אָדער אַ ווידוי פאַר זיך.

אָט צ. ב. לייענען מיר זיינס אַן עסיי „די טויטע שטאָט". איז ווי האָט ער עס אויפגעשריבן? ער האָט איבערגעלייענט אַ טעלע־גראַמע: „די עסטרייכישע לופט־פליער האָבן באָמבאַרדירט ראַווענאַ אין איטאַליע, און האָבן צעשמעטערט אַ טייל פון דעם קלויסטער „סאַנט־אַפּיעלינאַריא". דערמאָנט עס אים אָן געפיל פון נקמה, פון דאַנען — אידיש־קריסטלעכע באַציאונגען, צעשטערונג פון אַלטער־טימלעכקייטן, ראַסן, אַלט־רוים א. אַ. וו.

אָדער אָט לייען איך זיינס אַן אַרטיקל „דער צוריקגעשטעלטער זייגער". מען האָט געמאָלדן, מסתמא, אין דער פּרעסע אַז מען זאָל מאָרגן איבערדרייען אויף אַ שעה דעם זייגער. דערמאָנט עס אים אָן אַ אידישן וויץ וועגן 25 שעה אין מעת־לעת, דערנאָך אַסאָציאירט זיך עס ביי אים מיט דעם ענין פון זעלבסטנאַרערייִ, דאַן קאָמבינירט זיך דאָס ביי אים מיט הויפּט־שטרעמונגען אין פילאָזאָפיע, מיט רייזענס „מאי קאַ משמע לן" און מיט אַ ליריש־פילאָזאָפישן פינאַל וועגן שרעק פאַר דער קומענדער שעה.

אָדער ער האָט געבלעטערט דר. יעקב קלאַצקינס אַנטאָלאָגיע פון אַלט־גריכישער פילאָזאָפיע „משנת ראשונים". געפעלט אים אַזאַ סאָרט ספר. פעלט אים אַיין אַז יעדער ספר וואָלט געקענט רעדוצירט ווערן צו איין זאַץ, אויב ניט צו איין וואָרט. אַ ראיה — אַז ס'איז אַמאָל ניט געווען קיין דרוק־מאַשין האָבן מענטשן געמוזט מצמצם זיין אין ווער־טער, אין אותיות, כדי דער זכרון זאָל קענען אָפּהיטן דעם עיקר

שבעיקר. פון אינטענסיווקייט אין פאָרם אַ בליץ אַריבער צו שאַרפקייט און קערנדיקייט פון אינהאַלט; פון דאַן — אַ נאַטירלעכער צושפרונג צו דער גאַנצער אַלט־גריכישער פילאָזאָפיע, אַ צעגלידער, אַ מיניאַטור־קריטישער איבערבליק איבער אַלע אַלט־גריכישע פילאָזאָפישע ריכ־טונגען, אַ צענטרירונג אַרום די דענקער, אַלערליי סברות וועגן מהות פון ציניזם, ביז פאָלגנדן פינאַל, וואָס איז, ווי אַלעמאָל ביי קאָראַלניקן, דער קלימאַקס פון אַ געדאַנק־אויפבליץ אָדער פון אידעע־אויפפאַל:

„ווער ווייסט, אויב ניט דער ציניקער בכלל, דער פון נעכטן און פון היינט און פון מאָרגן, איז אויך ניט בלויז אַ קרבן פון זיין אייגענער פאַרבאָרגענער, שלעכט פאַרבאָרגענער סענטימענטאַליטעט? ער מיינט קיין צעשטערער. ער איז אַפילו גאָרניט קיין האַסער. ער איז בלויז גאָרניט וואָס ער זאָגט. ער איז גאָרניט קיין צווייפלער, ער איז גאָרניט אַ פאַרשעמטער. ער שעמט זיך פאַר זיך אַליין. ער האָט מורא צו ווערן אַ שעפעלע — און פאַרשטעלט זיך דערפאַר פאַר אַ וואָלף — און די מענטשן אַרום אים גלויבן אים. אַ וואָלף איז אַ וואָלף. אַפילו ווען אַ מאַסקע — פאַרוואָס האָט ער זי אויסגעקליבן? בלויז איינער ווייסט, אַז אין דער וואָלפן־פעל שטעקט אַ קליין, דערשראָקן און גוט־מוטיק שעפעלע. און אַפט שרעקט זיך דאָס שעפעלע פאַר דער איי־גענער מאַסקע. דער „ציניקער" האָט מורא פאַר אַ שפיגל, און קוקט דערפאַר תמיד אַראָפּ. ער האָט מורא צו קוקן גלייך אין די אויגן — אפשר וועט ער זיך דערזען — און דערפאַר איז זיין קוק אַזוי בייז, ווייל קינסטלעך, ווייל סוף־כל־סוף — ווירקלעכע טיפקייט פירט צו טיפער גוטסקייט; ווייל סוף־כל־סוף — איז גאָר נישטאָ קיין שלעכטס אויף דער וועלט. אָבער דעם סוד ווייסן בלויז די העכסטע פעסי־מיסטן".

ד.

דער סוף פון קאָראַלניקס אַן אַרטיקל איז מערסטנטייל צום אינטערעסאַנטסטן, ווייל שטאַרק, אינטענסיוו, קאָנצענטרירט. אַמאָל קען מען ניט וויסן צו וואָס קאָראַלניק צילט ביז מען פאַרענדיקט ניט דעם גאַנצן אַרטיקל, ווייל אָפט איז אין די לעצטע 3־4 שורות אַרויסגעבראַכט דער געדאַנק אָדער די אידעע פון דעם גאַנצן אַרטיקל.

און פונקט ווי דער סוף, און נאָך אפשר מער, זיינען ביי דר. קאָ־ראַלניקן אינטערעסאַנט זיינע קעפּלעך.

יעדעס קעפּל ביי קאָראַלניקן איז די „משנה" פון זיין אַרטיקל. און ווער עמיצער געדענקען אַ קעפּל וועט ער שוין אויך וויסן דעם אינהאַלט פון דער אידעע, געדאַנק, איינפאַל אָדער שטימונג, וואָס איז אויסגעדריקט אין יענעם אַרטיקל.

אַזעלכע קעפּלעך, ווי „דער באַרג פון זבולון", „די אידישע

זקנ׳אָקראַטיע״, „דער רויטער שטיוול״, און „דזשימי שלאָפּט״, און ענלעכע קענען זיך אַזוי שנעל ניט אויסוועפּן פון זכרון. אָבער עס געדענקען זיך מיר אויך צוויי קעפּלעך, וואָס מיר דאַכט זיך אַז די גרעסטע עפּיטעטן וועלן פאַר זיי זיין צו קליין — „קאַסאַקע״ און „סאַם ביבי״.

„קאַסאַקע״, דאָס זיינען די רעכטע פּועלי־ציון, וואָס מיט איין אויג קוקן זיי צום סאָציאַליזם, און מיטן צווייטן צום ציוניזם. מיט איינעם צו העברעאיש, מיטן צווייטן צו אידיש. פאַר אָט דעם דואַ־ליזם האָבן די פּועלי ציון שוין ניט איין פאַרציע קריטיק געקראָגן. מען האָט צענדליקער אַרטיקלען, בראָשורן, ביכער וועגן דעם געשריבן. און ווי פאַרטונקלט זיי ווערן אַלע פון דעם איין וואָרט „קאַסאַקע״. קאָראַלניקס אַרטיקל גופא ווערט בטל קעגן דעם זעקס־אותיותדיקן וואָרט.

„סאַם ביבי״ האָט דר. קאָראַלניק מכוון געווען אייב. קאַהאַנען. איז אַז איך האָב ניט געוואוסט וועגן וואָס און וועמען ס׳האַנדלט זיך דאָ, האָב איך עס געלייענט ביז וואַנען ס׳איז מיר קלאָר געוואָרן די אידעע. שפּעטער האָט שוין מיר דאָס איבעריקע פונם אַרטיקל ניט אינטערעסירט. „סאַם בייבי״, גלויב איך, האָט קאַהאַנען מער עגמת נפש פאַרשאַפט ווי אפשר די גאַנצע ביבליאָטעק וואָס איז שוין אָנגע־שריבן געוואָרן קעגן אים. ווייל אַזוי טרעפלעך מאַכן אַן אָפענסיווע וואָלט זיך דער געניאַלסטער סטראַטעגיקער ניט געוואונטשן. דאָס איז געווען אַרויסגענומען ביי אַ מענטשן די עצמות קאַלטבלוטיקערהייט; אים געמאַכט לעכערלעך ביזן מאַקסימום מיט אַ כוואַטסקן וואונק אין די אויגן און מיט מיושבדיקן שמייכל אַרום די אויגן.

די רואיקע איראָניע — דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע כלי־זיין ביי קאָראַלניקן. און ווייל ער באַנוצט עס אָפּטלעך און טרעפלעך האָט ער צו זיך אַרויסגערופן דעם „צאָרן״ פון דעם רוב היגע אידישע שרייבער און קינסטלער. און דאָך האָט ער אויף קיינעם קיין רוגזה ניט געהאַט; ס׳האָט זיך ניט געזען קיין פאַרביסנקייט און קיין פאַרביטערטקייט, ניט אין זיין ריידן און ניט אין זיין שרייבן.

אויף וויפל ער האָט געשריבן וועגן אידישע שרייבער, האָט ער די מערסטע פון זיי געלויבט.

אין זיין פּראַכטפולער עסיי „אומעט״ (3־טן פעברואַר, 1917, געווידמעט א. רייזענען) שרייבט ער:

„ער איז איינער פון די וויניקע אידישע דיכטער, וואָס זיינען מיר נאָענט, וואָס איך לייען ניט דעמאָלט ווען איך מוז — פּראָפעסיאָנעל — לייענען פּאָעזיע, נאָר ווען איך וויל מיך איינהערן אין מיין אייגע־נעם קול, אין דעם קאַסטן פון מיין נשמה־פידל״.

און ווייטער —

„רייזען ווייזט מיר דאָס לעבן דורך אַ פשוטער גלעזערנער טאַפליע, אָבער עס איז רעאַל, אָבער דאָס איז מיינס, אָבער דאָס איז דער אמת, זיין אמת און מיינער.

ס'איז אומעטיק. וואויל איז דעם, ווער ס'קען שפינען פון זיין אומעט זילבער־שימערירנדיקע געוועבן, מאַכן אים צו פּאָעזיע, און איך בין אים מקנא, מיין פריינט רייזען, דעם דיכטער פון דעם זיסן, מעלאָדיעזן, פאַרכישופדיקן אומעט".

נאָך שלום עליכמס טויט שרייבט ער: „שלום עליכם איז אַ דער־שיינונג פאַר זיך וואָס לאָזט זיך ניט פאַרגלייכן מיט גאָרניט.

„אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור, און בפרט אין דער אידי־שער, איז אפשר ניטאָ אַ צווייטער שריפטשטעלער מיט אַזאַ זיכערן אויער, מיט אַזאַ שטאַרקער תפיסה פון דערווירקלעכקייט".

בכלל, דענקט קאָראַלניק, איז ניטאָ קיין אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע. און ניטאָ איז זי צוליב פאָלגנדע אורזאַכן: ערשטנס, ווייל זי שפיגלט ניט אָפּ דאָס לעבן, ס'איז מער אַ יחידי־סגולה ליטעראַטור, אַ נשמה־ליטעראַטור; און דערפאַר אַזאַ מזל־ברכה אויף לידער, דיכטונג און ווייניק ראָמאַנען. צווייטנס, דער מאָדערנער שרייבער איז ניט אין קאָנטאַקט מיטן פאָלק. די אַמאָליקע שרייבער זיינען אַליין געווען פשוט, פּראָסטלעך. דער עולם איז געבליבן כמעט אויף איין אָרט, בעת דער מאָדערנער שרייבער איז ראַפינירט, סובטיל, און זיי קענען זיך ניט צונויפגיסן איינס אין איינס. דריטנס, ס'פעלט אונז די נאָ־וועלע, די דראַמע, „פיקשן", און ס'פעלט אונז די מיטלמעסיקע ליטע־ראַטור — אַ ליטעראַטור, וואָס איז אויפן גרענעץ צווישן ליטעראַטור און שונד.

אין פּראָפּאָרציע איז דער אינטערעס צו דער וועלט־ליטעראַטור ניט קיין סך אַ גרעסערע ביי קאָראַלניקן, ווי צו דער אידישער.

שרייבנדיק וועגן שעקספּירן, ענדיקט ער מיט אַזאַ פינאַל, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין וועלט־אַנשויאונג:

„ווי אַזוי זאָל מען לעבן? ס'איז דאָ נאָר איין מיטל: אָננעמען די וועלט, ווי אַזוי זי איז — פאַר אַ שפּיל... לאָמיר זיך פרייען מיט דעם שפּיל. ס'וועט זיך באַלד ענדיקן. דער פאָרהאַנג וועט זיך איבער אונז אַראָפּלאָזן. און אַנדערע וועלן קומען, אַנדערע וועלן לעבן, ליידן, וויינען ביים שפּיל. און דאָס איז די פילאָזאָפיע פונם לעבן, די רייכסטע און טיפסטע".

זיין באַציאונג צו היינען דריקט ער אויס אויף אַזאַ אופן:

„איך בין ניט קיין פאַרברענטער חסיד פון היינען. פאַרקערט, דריי פערטל פון זיין פּראָזע און אַ פערטל פון זיין פּאָעזיע רירן מיך ניט... אָפּט פאַרדריסט מיך אויף אים: פאַרוואָס האָט ער זיך אַזוי

אומזיסט אויסגעגעבן, אויסגעביטן אויף קליינינקייטן, צעטרענצלט זייַן רייכקייט, פֿאַרקלענערט כמעט ווי אויף צו להכעיס זיין גרויסע נשמה?...
איך בין זיך מתקנא אין זיי, אין די אומות העולם. פֿאַרוואָס קענען זיי זיך פֿאַרגינען צו האָבן גאָר גרויסע, אייזן־שטאַרקע מענטשן, און פֿאַר־וואָס האָבן מיר קיין איינציקן ניט? קיין איינציקן, אַחוץ אפשר שפּינאָזאַ?
און פונדעסטוועגן, און טאַקע דערפֿאַר האָב איך אים ליב אונזער גרויסן ברודער, פֿאַר זיינע פֿעלערן און פֿאַר זיינע שוואַכקייטן, ווייל איך דער־קען זיך, אייך, אונז אַלעמען אין אים".

שרייבנדיק וועגן לעאָנאַרדאָ דא ווינטשי, זאָגט קאַראַלניק ערגעץ:

„ער (לעאָנאַרדאָ דא ווינטשי) האָט ניט געוואָלט שאַפֿן קיין קונסט. ווי קען מען דאָס בכלל וועלן שאַפֿן? אין די צוויי ווערטער איז שוין אַ קעגנזאַץ. מען שאַפֿט פֿריער ווי מען וויל, אָדער מען שאַפֿט גאָר־ניט. דער ווילן קומט תמיד שפּעטער און גרויסט זיך מיט פֿרעמדע פֿעדערן".

אין דעם — קאַראַלניקס הויפּט־חסרון. ער לאָזט זיך באַהערשן, פֿאַרפֿירן פֿון שטימונג, צופֿאַל, קאַפּריז און איז ניט דער מייסטער, דער באַצווינגער פֿון זיין טעמע, פֿון זיין מאַטעריאַל.

אָבער וואָס פֿאַר אַ באַטרעף האָבן זיינע מינאָר־חסרונות לגבי זיינע מעלות און פֿאַרדינסטן?

ווער באַך אין דער אידישער פּראָזע וועט זיך נעמען צו אָנשרייבן אַ „דממה דקה" אָדער „חסידיש" אָדער „בלומען"? דאָס זיינען דאָך פּאָעמען.

אין אַלע זיינע בעסערע עסייען און אַרטיקלען האָט ער דערהויבן דעם זשורנאַליסטישן וואָרט ביז מייסטערשאַפֿט; האָט דורכגעלייטערט די פּראָזע־שורה ביז קונסט — און האָט דערמיט צוגעגעבן חשיבות און יום־טובדיקייט דער וואָכעדיקער אידישער פּראָזע.

ה.

בשעת קאַראַלניק האָט געדאַרפֿט געבוירן ווערן, איז מסתמא אָנגעגאַנגען אַ גרויסע מחלוקה ביי די מלאכי־המזל וועגן דעם אָרט, וואָס קאַראַלניק זאָל פֿאַרנעמען אין דעם ליטעראַרישן גן־עדן:

— אַ פּאָעט?
— אַ זשורנאַליסט?
— אַ פּאַרטיי־פּירער?
— אַ בעלעטריסט?
— אַ פֿילאָזאָף?
— אַ פּאָעט־עסייאיסט?

און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן — אַלץ צוזאַמען. און באַזונדערס — דיכטער־פּובליציסט.

# שאול ראַסקין

## א

דער העלד פון מיינע איצטיקע אייליקע נאָטיצן איז אַן עכטער פורעמער פון דעם ניו־יאָרקיש־אידישן שטייגער־לעבן. ער איז אַ הי־דערצויגענער. „מעיד אין יו־עס־עי״. פון דעם זעלבן באָדן פון וועלכן ער איז אַרויסגעוואַקסן — דעם זעלביקן האָט ער געהאָלפן צו צעאַקערן, און האָט אויף אים איבערגעלאָזן זיינע קאָרבן. שאול ראַסקין, דער גרינג־זיך־טראָגנדיקער, דער מיט אייביקער אינגלישקייט אין אויסזען אויף להכעיס דעם אַריבערשפּרייז פון דעם זיבעציקער גרענעץ איז פון די ראשונים אין זין פון זיין אימיגראַנטישן יחוס־בריוו. ער איז געקומען אַהער אַזש אין יאָר 1904.

שאול ראַסקין

און ווילט איר אַ בליק־טאָן אין זיין גייסטיקן טשעמאָדאַן וואָס ער האָט מיטגעפירט אַהער פון רוסלאַנד? — האָט ער גאָרניט דאַקעגן. ער דערציילט עס אייך אַליין, אין זיינע אויטאָ־ביאָגראַפישע שטריכן, דערשינען אין 1933, אַלס אַריינפיר צו זיינעם אַן אַלבום „בילדער און צייכענונגען״:

„וואָס בין איך געווען ביים אָנקומען? אַ פינף און צוואַנציק יעריקער יונגערמאַנטשיק, מיט זייער אומקלאָרע אידייען וועגן זיך און דער וועלט אַרום מיר. די סטרונעס פון מיין נשמה זיינען שוואַך געשטימט געווען אויף אידישע געפילן און געדאַנקען. גערעדט דורכאויס רוסיש, אידיש שלעכט. אַ ווילע געווען אַ מאַרקסיסט, אַ ווילע אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער און אַ ווילע אַ בונדיסט — צעשוואַר־

מען, — ניט דערטראַכט. געאַרבעט ביי ליטאָגראַפיע יאָרן נאָכאַנאַנד אָן פּערספּעקטיוון.

„אָבער אַט קריג איך אַ געלעגנהייט צו ווערן אַ צייכנער־קאַר־טוניסט אין „קיבעצער" און דערנאָך אין „גרויסן קונדס", צוויי הו־מאָריסטישע זשורנאַלן. איך קום אין באַרירונג מיט דער אידישער וועלט אַלץ נעענטער. פון רוסיש בין איך אַריבער צו אידיש לייענען רעדן און שרייבן. צוערשט אין „צייט־גייסט" דערנאָך אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע", „פרייע געזעלשאַפט", „דאָס נייע לעבן", „דאָס נייע לאַנד", „צוקונפט", „צייט" און „טאָג" און צולעצט ווער איך דער פאַרפאַסער פון אַ בוך אין אידיש.

„פון מעכאַניש קאָפּירן פרעמדע אָריגינאַלן אויף ליטאָגראַפישע שטיינער, האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַן אַנדער קונסט־שטייגער, וועגן אַן אַנדער וועג אין מיין לעבן.

„די וועלט־מלחמה האָט מיך געטראָפן אין אַ קנויל פון שטימונגען און צווייפלען וועגן דעם וואָס אַזוינס איך בין און וואָס איך דאַרף זיין. מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז די מלחמה איז געקומען אויך מיינע פערזענלעכע פּראָבלעמען אויפצוקלערן. ווען די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען אַריין אין קריג האָב איך פאַרלאָזן די פאַבריק, וואו איך האָב געאַרבעט אַלס ליטאָגראַף, כדי קיינמאָל ניט צוריק צו קומען און בין אַריין אין אידישן „וועלפער באָארד" וואָס האָט באַדינט דעם אידישן סאָלדאַט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

„און מיט דעם דערשיינען פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָב איך פאַרלאָזן אַלע מיינע קאָסמאָפּאָליטישע אידייען און געוואָרן אַ אי־דישער נאַציאָנאַליסט, אַ פועלי־ציון.

„די אַלע אידיש־נאַציאָנאַלע און קונסט רעגונגען און בענקענישן האָבן מיך געבראַכט צו דעם יאָר 1921 — צו מיין ערשטער רייזע קיין ארץ־ישראל".

## ב

די גרויסקייט פון אַמעריקע, און פון דער אידישער אַמע־ריקע, קען נאָך אַמאָל אילוסטריט ווערן, באַשטעטיקט ווערן מיט אַט־דעם שאול ראַסקינען טאַקע. געקומען אַהער אַ אידיש בחורל, אַ ליטאָגראַף. אַ מין דרוקער. איז וואָס ? ווייניק דרוקער פאַראַן אין דער וועלט ? אָבער זעט, ווי אַמעריקע האָט אים אונטערגעטראָגן דעם באָדן אויף צו צעשפּילן זיינע כוחות ! ווי פון ריידן אַ שלעכטן אידיש, ווערט ער אַ באַוואוסטער און אייגנאַרטיקער אידישער שריי־בער און פון אַן אַמאַטאָרישן מאָלער ווערט ער, פריער, אַ באַליבטער קאַרטוניסט און שפּעטער, מייסטער־צייכנער און מאָלער פון גרויסער אידיש־קינסטלערישער באַדייטונג.

ג

און ניט נאָר רודערט ראַסקין מיט פען און פענזל. ער נוצט אויך די קראַפט פון זיין פה. ד. ה. ער האַלט אין זיין האַנט דעם חוט המשולש פון פה, פען און פענזל. פאַר איבער צוואַנציק יאָר האָט ער פּרובירט מיטן כוח פון זיין פה צו אַרונטערנעמען דעם חרם פון אי־דישער קונסט, אָדער פון קונסט ביי אידן. ס'אַ קליינינקייט, צו פאַר־מעסטן זיך קעגן דעם „לא תעשה לך פסל"? און צום קרעדיט פון אַ גרוי־סער אידישער אָרגאַניזאַציע — פון אַרבעטער רינג, — וועמעס 50־טער יובל וועט באַלד־באַלד אויפגעשפּילט ווערן, — מעג דאָ פאַרצייכנט ווערן, אַז דער אַרבעטער רינג האָט ראַסקינען געגעבן די מכשירים צו קענען אויפשיינען מיט דער קראַפט פון זיין צונג. ער האָט פולע צוואַנציק יאָר גערעדט פאַר די מיטגלידער פון אַרבעטער רינג וועגן דער וויכטיקייט פון קונסט; וועגן דער פיל־שפּראַכיקער שיינקייט פון אָט־דער „שטומער" קונסט; וועגן שייכות פון קונסט צום לעבן. ער האָט געטראָגן דעם קונסט־באַוואוסטזיין צווישן די היגע אידישע אַרבעטער־מאַסן. ער האָט זיי יאָרן לאַנג געפירט אין די מוזעאומס; ער איז גאָרניט מיד געוואָרן צו פאַרמאַניען די אידישע פאָלקס־אינטע־ליגענטן אין די איזאַלירטע טעמפּלען פון קונסט. און אין גאַנצן איז זיין אַרבעט, ווייט־ווייט, ניט געגאַנגען לאיבוד. אויף זיין לעצטער אויסשטעלונג, פון 19־טן פעברואַר, ביזן 19־טן מאַרטש, 1950, אין היגן אידישן מוזעאום, האָט ער, טיילווייז, געהאַט די שכר־הנאה פון זיין אַרבעט מיט דער פה. צווישן די צוויי טויזנט באַזוכער וואָס זיינען געקומען צו דער דערעפענונג פון זיין אויסשטעלונג — אָן און פאַר זיך, אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג — האָט ער פנימער אויף פנימער דערקענט אַלס די שטילע און פאַרטרויטע מיטגייער פון זיינע פילע, פילע קונסט־עקסקורסיעס.

ד

שאול ראַסקין, דער קוועקזילבערדיקער מייסטער פון פה־פען און פענזל, איז אויך לייכט אויפן טראָט. מיט דער זעלביקער גרינגקייט ווי ער גיט אַן עקסקורסעווע צו אַ מוזעאום, טוט ער זיך אַ פאָר אין ווייט־נאָענטן טרוים־לאַנד פון זיינע קונסטן.

אין 1921 מאַכט ער זיין דעביו־רייזע קיין ארץ־ישראל. און זינט דאַן האָט ער שוין פינף מאָל איינגעשפּאַנט זיין וואַנדער־שטאָק. ועוד ידו נטויה. אין ארץ ישראל האָט ער זיך דערזען, און אין ירושלים — האָט ער זיין קינסטלערישן תיקון געפונען. ער, וואָס האָט צו 14 יאָר פאַרביטן גאָט אויף שפּינאָזען איז אויף זיינע פינעף נסיעות קיין ארץ ישראל יומם ולילה איבערגעלעגן אין די ירושלימער חסידים־שטיב־

לעך; האָט געשוועבט אין די העכערע עולמות בעת זיינע באַזוכן אין די בוכאַרער אַלטערטימלעכע שולן; האָט געשעפּט כוח און תענוג פון אויסוויינען זיך, נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, ביים כותל מערבי.

פון זיין ערשטער נסיעה קיין ארץ ישראל איז פון אים, אָבער, אויך געבליבן אַ פּען־מאָנומענט, — אַ בוך אימפּרעסיעס פון זיין גליאיקער ליבשאַפט צום לאַנד פון די אָבות, צו זיין היימלאַנד. דאָס בוך, כאָטש געשריבן מיט 30 יאָר צוריק האָט נאָך איצט פרישקייט, כאָטש נעם און דרוק עס איבער. שילדערט דאָרט דער אַמאָליקער אַפּיקורס „אַ תשעה באב ביים כותל מערבי״:

„מיר איז באַשערט געווען אין מיין לעצטער נאַכט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין ירושלים, איבערצולעבן געפילן און זען זאַכן אויף וועלכע איך האָב זיך ניט געריכט. תשעה באב איז אויסגעפאַלן שבת, האָט מען דעם פאַסטן איבערגעטראָגן אויף זונטאָג. די חתונות, אָבער, ביים כותל מערבי האָט מען אָפּגעהאַלטן שבת נאַכט. דאָס איז געווען אַ נאַכט וואָס וועט בלייבן אין זכרון פון יעדן וואָס האָט זי דורכגעלעבט ביי דער „וואַנט פון געוויין״ איבער די געסלעך פון דער אַלטער שטאָט און אַרום די מויערן פון ירושלים. איך האָב אָפּגעמאַכט מיט מיינעם אַ גוטן פריינט, אַז דעם טאָג זאָלן מיר זיין צוויי מאָל ביי דער כותל מערבי. איין מאָל, אַ זייגער זיבן אָוונט, דאָס צווייטע מאָל — צוועלף ביינאַכט. דער שכל דערפון איז געווען, צו זען וואָס דאָרט קומט פאָר אין אָוונט, ווען די גרויסע מאַסע מענטשן קומט אָן, און דערנאָך, שפּעטער, ווען עס בלייבן בלויז די אַלטע ווייסע אידן, מיט די לאַנגע, גרויסע בערד און בלייכע פּנימער, אונזערע שיינע אַלטע אידן, ווען זיי בלייבן אַליין צו באַוויינען די פאַרלוירענע הערלעכקייט״.

אין אָט דער פאַרלאָרענער הערלעכקייט האָט זיך שאול ראַסקין געפונען. והא ראיה: זיין לעצטע אויסשטעלונג „בילדער פון ירושלים״, וואָס ראַסקין באַטראַכט זי פאַר דער לוין־און־קרוין פון זיין שאַפן.

## ה

דאָס אַריינציען זיך אין די געצעלטן פון שם איז ניט מחייב ראַסקינען אויסצוטאָן זיינע פּראָלעטאַרישע מלבושים. ער בלייבט אַ חלוץ. ער שעפּט פון די עכטע אידישע קוואַלן, און קומט מיט דעם באַזאַפטיקן די קבוצישע פעלדער. און אַזוי אַרום, איז ער אַן אָפטער גאַסט אין די קאָמונעס.

פון זיין פינפטער נסיעה קיין „ארץ״, האָט ער אַזוי פאַרצייכנט אין זיין נאָטיץ־בוך:

„נאָך דעם ווי איך בין אָפּגעווען דריי וואָכן אין תל־אביב האָב

איך געקראָגן אַ פאַרבעט פון רמת יוחנן צו קומען פאַרברענגען אַ וואָך אין דער קבוצה. וועגן רמת יוחנן האָב איך עפּעס געהערט אָבער ווייניק געוואוסט, און דאָס וואָס איך האָב דאָרט געפונען האָט זאַט אָנגעפילט מיין פּען, פּענזל און האַרץ. איך האָב דאָרט געפונען דעם היפוך פון גאָר דער וועלט שלעכטס און בייז.״

די קבוצה באַלעבט, הייסט עס, זיין חוט־המשולשדיקן טאַלענט:

אַ חלוץ

„פירן פירט זיך די באַלעבאַטישקייט ווי אין יעדער קבוצה. עס ווערט אויסגעקליבן אַ „ועד״, וואָס פירט דעם חשבון און די אַרבעט אין אַלע אירע צווייגן, באַשטימט ווער, וואוהין און וויפיל. ווער אין קיך, ווער אין פעלד, גאָרטן, וויין־גאָרטן, ווער ביי מילך, ווער ביי הינער, וועשעריי און קינדעריי, נייעריי, שוסטעריי, בויעריי, בלומעריי, גראָזעריי הייזער־בוי, קערנעריי, שלאָסעריי, טישלעריי, איינקויף און פאַרקויף, קולטור־זאַכן, שול־זאַכן און נאָך אַנדערע זאַכן. דער צעטל — ווער עס גייט וואוהין היינט אַרבעטן, איז באַשטימט אויף דער וואַנט פון חדר אוכל, עס־צימער. און זעקס אין דער פרי, ווען דער רוף פון אייזערנעם גלאָק קלאַפּט אַפּ זיינע פּערציק־פופציק און אַמאָל זיבעציק קלעפּ, באַווייזן זיך מענטשן פון אַלע ווינקעלעך, פון ביידל, באַראַק און הויז. מען ציט זיך צו די וואַשצימערן, דערנאָך צום עס־צימער און דערנאָך צו דער אַרבעט.״

באַמערקט נאָר ראַסקינס אויג פּאָר דעטאַלן. דאָס דערמאָנט אָן זיין פען־צייכענונג „ירושלים — די אַלטע און די נייע״, (נומער 16, אויף דער לעצטער אויסשטעלונג), אַ מאַלעריי וואָס איבעראַשט איך מיט דער קראַפט פון אַרטיקולאַציע. אויף דעם געביט פון מאַלעריי איז שאול ראַסקין איינער פון אונזערע ווירטואָזן. און אַ גרויסער

טייל פון דער איצטיקער ראַסקינישער אויסשטעלונג איז אונטערן צייכן פון אַט דער ווירטואָזיטעט.

„כדי אָנצוקומען אין רמת יוחנן פון תל־אביב דאַרף מען צו־ערשט פאָרן קיין חיפה. דאָרט נעמט מען דעם אויטאָבוס נומער 14 פון אַ געוויסן פּלאַץ אין אַ געוויסער צייט און נאָך אַ האַלבע שעה קייקלען מיט בוכצעס און אָן בוכצעס — ברענגט אייך דער אויטאָ־בוס צו אַ גרויסן רויט־פאַרזשאַווערטן אייזערנעם טויער. דורך אַ זייטיקער טיר פון דעם טויער טרעט איר גלייך אַריין אין בוימער. בוימער פון כל המינים. און דערנאָך מענטשן און מענטשן פון כל המינים. די אַסאָציאַציע צווישן בוימער און מענטשן איז מיר אַמאָל פריער איינגעפאַלן זייענדיק אין מקוה ישראל און איך האָב עס חברים דערציילט. דאָ איז עס מיר אין געדאַנקען ווידער געקומען. אַזויפיל בוימער, הויכע, פרומע ציפּרעסן און פריילעכע עקאַליפּטוסן, בוימער קורצע און ברייטע, בוימער ווייענדיקע ווי די ווערבע און לאַכעדיקע ווי סאָסנע. פּרוכט־בוימער, אָראַנזשן, ווייַנטרויבן, באַ־נאַנעס, צירלעכע, דינינקע בוימער, ערנסטע אַלטע, ווי די צווייַ אוראַלטע אַליוון־בוימער, אַזוי אַלט ווי די וועלט־אַליין . . . און מענטשן, יונגע, נאָר־וואָס פון גלות, פון פּוילישע אומגליקן, שוין לידער־זינגענדיקע און „האָראַ“־טאַנצנדיקע, און אַלטע פּיאָנערן, מיט קנייטשן אויף באַקן און שטערנס; פרומע, עלטערע און אַלטע וואָס לערנען אַ „בלאַט“ און האָבן זיך אַ באַזונדער כשר־קיך. . . זיינען דאָ פאַראַן מענטשן צופעליקע, צייטווייליקע ווי גראָז און קוסטעס און מענטשן פונדאַמענטאַלע ווי דעמבעס קרעפטיקע, וואָס טראָגן אויף זייערע פּלייצעס דעם וואוילזיין פונם אַרבעטער־ישוב“.

כי האדם עץ השדה. דער מענטש איז ווי דער בוים פון פעלד. ראַסקין איז פאַרכאַפּט פון דער דעמביקייט־פאָרמע וואָס דער חלוצישער מענטש נעמט אָן אין נייעם לאַנד, און גאַפּט פון דער אידישער פאַר־מענטשלעכונג פון די כלעריי בוימער־מיטגלידער פון דער קבוצישער משפחה.

## ו

און כאָטש דער רוח־חיים פון דער קבוצה איז דער קאָלעק־טיוויזם, באַמערקט ראַסקין די שאַרף־געקאַרבטע פּנימער פון די דעמבענע יחידים. אַט מאָלט ער אַזאַ יחיד, אַ מאָלער פון דער קבוצה:

„ער בויט זיין קונסט אויף דער נויט צו שאַפן זיך די אַלטע יום־טובים אויף אַ נייעם שטייגער. דער דיכטער, דער זינגער און טענצער באַטייליקן זיך אין שאַפן אַזאַ נייעם אַלטן יום־טוב — מוז אויך דער מאָלער. וואָס־זשע טוט ער דאָ אויף אין רמת יוחנן? עס איז דאָ פאַראַן אַ גרויסער עס־צימער מיט ליידיקע שטיקער

ווענט אַרום דעם זאַל און לײדיקע סטעליע. צײכנט ער אַ לאַנגע לענטע פון בילדער װאָס קײטלען זיך אַרום און אַרום און דערצײלן די מעשה פון דעם יום־טוב. דער סטיל איז אַ פּרימיטיװ אידישער אין אַ רײכן טיף־לויטערן קאָלאָריט. װערטער אַקצענטירן די צײכענונג און פּסוקים דערגאַנצן עס אַזוי, אַז װען עס װערט אינסטאַלירט שאַפט זיך אַזאַ רײכער יום־טוב פאַרן אויג און נשמה אַז די גאַנצע קבוצה קוקט פאַרגאַפט און די נײעס פאַרשפּרײט זיך איבער אַנ־

חלוצים ביי דער אַרבעט

דערע קבוצות, דערפער און שטעט. מען קומט אָנקוקן און מען פאַרלאַנגט עפּעס ענלעכעס פאַר זיך. דער סטיל איז אַ דעקאָראַ־טיװער, אין צװײ דימענסיעס, אַ דערצײלערישער, אַ ראַפינירט־פּרימיטיװער, עכט־אײגענער און אידישער, אײנער פון יענע אָנהויבן װאָס טרעטן אויס דעם װעג צו אַ אידישער קונסט. איך האָב װעגן אים גערעדט אין ירושלים אין קונסט־קרײזן, מען װײסט װעגן אים און מען האַלט פון אים. אַ דירעקטאָר פון אַ מוזײ, מײנט אַז אין די קבוצות זײנען פאַרבאָרגן ניט װײניקע אַזעלכע קינסטלערישע „לאַ־מעד־װאָװניקעס", און אַז פון זײער מיט, ניט פון די װאָס זיצן אין שטאָט און מאָלן פראַנצױזיש, װעט געבאָרן װערן דער אידישער סטיל אין אונזער קונסט."

ראַסקין אַלײן האָט, אפשר, ניט געװאוסט, אַז מיט אָט־דעם פּאַראַגראַף (געדרוקט אין „קעמפער", פון 1טן נאָװעמבער, 1946) האָט ער פּראָקלאַמירט זײן קרעדאָ פון אידישער קונסט. אַז פון אָט־דעם קינסטלעריש־פילאָזאָפישן באַנעם װערן אונז קלאָרער זײנע צענד־

ליקער לייוונטן, צייכענונגען און אַקוואַרעלן אויף אידישע טעמעס; מיר הויבן אָן אַנדערש באַנעמען זיינע אומדערמידלעכע וואַריאַנטן אויף די שולן, שולעכלעך און חסידישע שטיבלעך פון ירושלים; און זיין איינציקאַרטיקער צוטראָג אויפן נייעם געביט זיינעם: אויף דעם ביכער־געביט — וואו דאָ איז ער ממש אַ פענאָמען.

ז

דאָס טאָגן און נעכטיקן אין די ירושלימער בתי־מדרשים האָט איבערגעלאָזן שטעמפלדיקע איינדרוקן אויף שאול ראַסקינס געמיט. און ס׳איז ניט קיין סתם קינסטלערישער קאַפּריז, וואָס ביים סאַמע אַריינגאַנג פון זיין סטודיאָ פאַלט אייער אויג אויף אַן אָרון־קודשל, אין וועלכן עס איז דאָ, בפועל ממש, אַ ספר־תורהלע. עס נעמט דאָך זיכער ניט אַוועק פון דער קדושה דער פאַקט וואָס דער אָרון־קודש איז געשניצט געוואָרן פון אַ וויכטיקן אידישן קינסטלער־אַרכיטעקט, (ז. אַקסעלראָד), און וואָס דאָס ספר־תורהלע איז אַן אַנטיק פון אַנטיקן־לאַנד.

און די קדושה פון די בתי־מדרשים אין די הייליקע שטעט פון ארץ ישראל, איז אויך, אפשר, פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס ראַסקין פאַרנעמט זיך די לעצטע יאָרן מיט קינסטלערישן אויפשפּיל פון די אותיות מרובעות, אַנשטאָט זיך פאַרנעמען מיט „נעכטיקע טעג״, ווי עס פאַרנעמט זיך, ליידער, דערמיט, סאַי טעמאַטיש און סאַי עקספּרעסיוו, ניט איין קינסטלער בישראל.

ראַסקין דער קינסטלער, דער פּעדאַגאָג און דער אַמאָליקער לי־טאָגראַף האָט דאָ געשלאָסן גאָר אַ זיווג־מעסיקן שידוך. זיינע „פּרקי אבות״, זיין „הגדה״, זיין „סידור״, זיין „חומש בראשית״, זיין „תהלים״, זיינע „חמש מגילות״, און זיינע אַנדערע ביכער פון גמרא־פאָרמאַט זיינען פון גוואַלדיקן קינסטלערישן און דערציערישן ווערט. און ס׳איז גוט צו וויסן, און צו דערציילן, אַז אין דער לעצטער דעקאַדע האָט זיך אויך ראַסקינס מאַטעריעלע מערכה היפּש פאַרבעסערט, אַדאַנק טאַקע אָט־די ספרים זיינע, מיט וועלכע ער איז אונז, אַזוי אָפט, און אַזוי שפע׳פול, מזכה.

לויט זיין אויסזען און לויט זיין הילוך איז שאול ראַסקין, דער זיבעציקער, נאָך אין מיטן וועג פון אויפטואונגען און פון ווייטערע ניט־אויסגעשלאָסענע געבענטשטע איבערראַשונגען.

# אברהם רייזען

## א

ווען איך וואָלט ווען געוואָלט, צי געדאַרפט, אונטערציען אַ סך־הכל פון מײַנע דרײַסיק יאָר דערפאַרונג מיט אברהם רייזענען, וואָלט איך אַט־דעם סך־הכל געקענט סומירן מיט איין וואָרט:

— יום־טוב!

דער גוטער בעל־הגורל האָט געוואָלט, אַז מיר זאָל באַשערט זײַן צו טרעפן זיך אָפט מיט דעם „דיען" פון דער אידישער ליטעראַטור. און דער „אָפט" איז, צייטנווייז, געווען גאָר אָפט. און דאָך, ביי יעטווידער איינציקער באַגעגעניש מיט אים פלעג איך כמעט נעמען שפּירן אַרום זיך אַ קלימאַטישן איבערבײַט. די בולטע אָנשטרענגונג אויף דײַן פּנים פון טאָג־אײַן־טאָג התחיבותן פלעגן עטוואָס לויזער ווערן און ביזסט שוין געשטעלט געוואָרן ביים שוועל פון ערב יום טוב.



די ליטעראַרישע עוועניו אונזערע אין אַמעריקע איז קיינמאָל אָרעם ניט געוועזן מיט קענטיקע שרייבערשע פּנימער. טאַלענט האָט דער רבונו של עולם אונז, הפּנים, ניט געקאַרגט. אָבער אַ רענדל פאַר אַ וואָרט — און אַ גוט וואָרט דערצו — אַזאַ מטבע איז גאָרניט קיין עובר־לסוחר אויף דער שרייבערישער בירזשע אונזערער. ניט איין באַגאַבטער שרייבער וואָלט ממש אויסגעגאַנגען אויף אייערע הענט, אויס הונגער פון אַ גוט־וואָרט, ווען ניט זיין, אָדער איר, לעצטע רעטונג — אברהם רייזען. אויף זיין יום־טוב טיש איז אַ שטול תמיד גרייט געווען פאַר יעדן אָנקומער. און האָט זיך ווער דערשלאָגן, דורך גרויער וואָך און האָרבן טאָג, דורך איינער פון די פיר אָפענע טירן אין אברהמס גע־

צעלט אַריין — האָט ער זיין חלק שור־הבר געקראָגן צוגעטיילט נאָך אויף דער וועלט.

אין אַ וועלט פון אומבאַגרייפלעכער ברוטאַליטעט ביי אַלע איצ־טיקע פעלקער און ביי אַלע איצטיקע נאַציעס — כמעט — זאָל אָט־די איינציקאַרטיקע גרויסע רייזענישע יום־טובדיקייט ניט אַזוי לייכט גע־נומען ווערן.

## ב

דאָס יום־טובדיקע וואָס באַגלייט רייזענען, שאָטן־מעסיק, אויף אַלע זיינע שליחותן און אויף אַלע זיינע דרכים איז, אפשר, אַ פועל־יוצא פון זיין פילאָזאָפישער־ניט־פילאָזאָפישער דערקענונג פון דעם מענטשנס עובדא אויף גאָטס ערד. דער מין מענטש איז דאָ צו דערגרייכן שלמות אין זיינע דרייערליי אויפפירונגען: 1) בין אדם למקום, 2) בין אדם לעצמו און 3) בין אדם לחברו.

אויף וויפל רייזען זעט דאָס געטלעכע אין דעם מענטשן און אויף וויפל דעם יחידס אייגענע פערזענלעכקייט שפיגלט זיך אָפּ אין זיינע מעשים, אין זיינע האַנדלונגען מיט די מיט־מענטשן, — אויף אַזוי פיל זעט ער דעם זין פון אַלע חכמות און די טיף פון אַלע מצוות אין דעם אויפפיר, דעם מענטשנס, מיט זיין חבר, מיט זיין שכן, אין מקח־וממכר, אין דיני ממונות, און אין יעדן פרט און פרט וואָס שטעלט איין אָרדענונג, און וואָס דעמאָנסטרירט דעם כאַראַקטער פון די באַציאונגען בין אדם לחברו.

אָט־דער קלאָרער באַוואוסטזיין זיינער אויף גאָטס ערד, זיין שפּאַנען ניט נאָר מיט פריידיקן טראָט, נאָר אויך מיט פעסטן שטעל, פירט אים צום אויפכאַפּ פון מענטשן־ראַנגלענישע סצענעס, פון מענטשנס זעלישע ענויים, פון מענטש מיט קלאַנגלאָזן טראָט, און, אַזוי אַרום, שאַפן ווירטואָזישע דערציילונגען פון מענער (און פרויען) מיט אָפּגעריבענע אָפּצאָסן.

רייזענס נשמה־יתירהדיקייט איז ניט נאָר אַן אַרויסשטראַלונג אַ פיזיאָלאָגישע, נאָר קען אויך, אַזוי אַרום, פסיכאָלאָגיש באַנומען ווערן. זיין יום־טובדיקייט, וואָס איז זיין אָרגאַנישער אָטעם, איז ניט נאָר אַ רעזולטאַט פון טעמפּעראַמענט, נאָר אויך אַ פועל־יוצא פון זיין קלאָרן זעלבסט־באַוואוסטזיין, פון דער דערקענונג פון זיין באַרוף און פון זיין פאַקטועלער משכמו־ומעלהדיקייט איבער די קינדער פון זיין צייט.

## ג

דער מאַן מיט די אָפּגעריבענע אָפּצאָסן — איינער פון די לייט־מאַטיוון פון אברהם רייזענס שאַפן — קען דינען ווי אַ רעפּרע־זענטאַטיווער אַריינפיר אין דעם היכל פון זיין דיכטונג.

ווי אַ באַרופענער דיריגענט, וואָס זוכט אַרויסצוברענגען פון יעדן איינציקן אינסטרומענטאַליסט אַלע מעגלעכע צויבערן פון זיין כלי־זמר, אַזוי האָט דער יונגער קאַידענאָווער דיכטער, דורך די העלדן־עפּאָסן פון זיין שטעטל, געוואָלט אַרויפברענגען יעדן מיטגליד פון דער פעלקער־משפחה, ספּעציעל דעם אידישן טייל פון אָט־דעם אַר־קעסטער, — און דעם אַנטמוטיקטן און געקריוודעטן מינאָרן שפּילער, דעם אידישן, איבערהויפּט — אויפן וועג פון השתלמות, פון פּאַר־פולקאָמענונג; צו שטאַרקן זיין טראַט, דעם קוים־קוים הערנדיקן און צו אַריינבלאָזן מוט אין זיין האַרץ, דעם אָפּגעצערטן, דעם אָפּגע־שוואַכטן.

און אַזוי האָבן צענדליקער, אויב ניט הונדערטער טויזנטער אידן אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד, און באַלד־טאַקע איבער גאָר דער וועלט, גענומען לייענען און שלינגען און זינגען א. רייזענס פּראָפּע־טישע רעציטאַטארישע רייד פון מוט און טרייסט; זיינע מונטערנדיקע און קלאַנגפולע פערזן פון קאַמף און האָפענונג; זיינע איינפאַכע היי־לונג־ברענגענדיקע ווערטער צו די אַזוי־גערופענע „נידעריקע" גאָר ממש נידערגעשלאָגענע שיכטן פון זיין פאָלק.

און זאָל ווי ווייט,
נאָך זיין די צייט,
פון ליבע און פון שלום;
דאָך קומען וועט
צי פרי, צי שפּעט, —
די צייט — עס איז קיין חלום" —

איז אין מויל פון מיליאָנען אידן אין דעם מאָדערנעם צייט־שניט פון דער אידישער געשיכטע געוואָרן דער נייער „נחמו, נחמו עמי".

## ד

אויב מיט זיין געשמידטן פערז האָט רייזען געקרעפטיקט דעם אָפּגעשוואַכטן מענטשן, האָט אים אויסגעגליכן צו אַ קומה זקופה, צו שטאָלצער מענטשלעכקייט און איז, מיט זיין גראַנדיעזער הכנסת־אורחימדיקייט, גאָר ניט מיד געוואָרן איינצולאַדן יעטווידן איינעם צו דעם אויבנאָן־שטול, דעם באַרעכטיקטן, — האָט ער מיט דעם צווייטן

מעדיום פון זיין שאַפן — די קורצע דערציילונג — געשטאַלטונג געגעבן צו אונזער גאַנצן פאָלק ממש.

און אויב אין זיין פּאָעזיע איז ער דער אוניווערסאַלער דיכטער, דער פּראָפעט וואָס זוכט אָפּצושטויבן דעם גרויען זאַמד פון דעם אָרימאַן, אים אויפהויבן פון זיין געפאַלנקייט און אים דערהויבן צו דער קרוינשאַפט פון דער יצירה — צום מין מענטש, איז אברהם רייזען אין זיין דערציילונג דער נאַציאָנאַלער אידישער דיכטער, וועלכער האָט קינסטלעריש פאַרפיקסירט אַלע גרונט־געשטאַלטן פון דער אידישער אומה אין דער שטעטלשער מלוכה פון די גלות־לענדער.

אויב מענדעלע האָט גענוצט די לירע פון סאַטירע אין זיין צוגיי צום שטעטל; אויב שלום עליכם האָט הומאָריסטיש געשטיפט מיט און אַרום די הויפּט־טיפּאַזשן פון קאַסרילעווקע; אויב אַש, — רייזענס יוגנט־חבר אין לעבן און אין שרייבן — האָט ביבליש־אידיש פאַרראָמאַנטיזירט דאָס שטעטל, פאַרוואַרפנדיק שוין דעמאָלט זיין בליק אויף די „דריי שטעט“ און אויף דער „דריי־איינקייט“ — האָט אברהם רייזען אָנגעשטעלט אויף דעם שטעטל אַ גראַנד־ליכטיקן פּראָזשעקטאָר, דורך וועלכנס שיין עס האָבן פאַר אונז, אין זייער גאָלדענער פשטות, אין זייער תמימותדיקער גאַנצקייט, אויפגעליכטיקט גרויסע אידן, הייליקע אידן, מיט מצוות און מעשים טובים איבערגעלאָדענע אידן.

אברהם רייזען האָט, אין די עטלעכע צענדליק בענד דערציילונגען פון שטעטל, מעשה חוזה, באַצייטנס, פאַרמאָנומענטיזירט אַלע גראַנד־געשטאַלטן פון די אנשי כנסת השטעטל, און דערמיט איינהאַנטיק אויפגעשטעלט די געהעריקע קינסטלערישע פּיראַמידע נאָך די קדושים פון אונזער פאָלק, און נאָך די פעלזן־פעסטע שטעטלשע מלוכהלעך, וועמעס נאַציאָנאַלע ווערט און אומבאַגרייפלעכע הומאַנישע באַדייטונג וואָס נאָר ער האָט געקאָנט שאַצן.

אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן האָט הערמאַן גאָלד אין איינעם פון מיינע זשורנאַלן (צי ס'איז געווען „אויפגאַנג“, אָדער דער „אונזער בוך“ — געדענק איך ניט) געפאָדערט דעם נאָבעל־פּרייז פאַר אברהם רייזענען, און גראָד פאַר זיינע דערציילונגען. איז דאָס צום שבח פון הערמאַן גאָלדן פאַר האָבן באַגריפן דעם גרויסן נאַציאָנאַלן באַדייט פון רייזענס דערציילונגען. ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ הונדערטסטל קולטור־פּאָליטיקער, ווי מיר האָבן פּאַרטיי־לייט, וואָלט שוין דער ענין „נאָבעל־פּרייז פאַר אברהם רייזענען“ לאַנג־לאַנג געשטאַנען ביי אונז אויפן סדר היום.

ה

נאָר פונקט ווי עס פעלט אונז דער באַגריף פון קולטור־פּאָליטיק, אַזוי פעלט אונז אויך ליטעראַטור־באַוואוסטזיין. אברהם רייזען איז אויך דאָ אַן אויסנאַם, ער פירט די ביכער פון דער אידישער ליטעראַטור מיט אַ גבירישער האַנט. אין די עטלעכע יאָרן וואָס ער האָט געדרוקט זיינע מעמואַרן אין דער ניו־יאָרקער טעגלעכער אי־דישער פּרעסע האָבן מיר געזען זיין פאַרנעם, זיין ברייטקייט. ביי אים איז אידישע ליטעראַטור ניט נאָר אַן ענין פון אַ האַלבן מנין. פון זיין משכמו־ומעלהדיקייט, זעט ער די אידישע ליטעראַטור אין אַל־קאָנטינענטאַלע פּראָפּאָרציעס. און נאָר פון אַזאַ אויסבליק קען מען פאַרשטיין רייזענס פריידן מיט דעם צוקום פון וואו־נאָר אַ שרייבער, זיין יום־טובן זיך מיט דעם אָפּדרוק פון וואו־נאָר אַ בלעטל. די אידישע ליטעראַטור איז ביי אים ווי אַ גרויסער ים, מיט וואַלפישן, און מיט פלאָטקעס; מיט לויתנס, מיט הערינגג, און אַפילו מיט טאַראַנקעס. אָבער ס׳איז דאָ, ברוך השם, שטח און לופט פאַר אַלעמען. און וואָס מער, אַלץ פריילעכער, אַלץ היימלעכער, אַלץ גרעסער די שפע פאַר יעדן איינעם. און — עס וואָלט — געוועזן דעריבער פאַר דעם געזונט פון דער אידישער ליטעראַטור, ווען אברהם רייזען וואָלט איצט, ביי זיין פינף־און־זיבעציק־יאָריקן יובל, קענען געפינען די כוחות און די מעגלעכקייט פון שרייבן און דרוקן ווייטערדיקע בונטערע בלעטער און ווייטערדיקע בייכיקע בענדער פון זיינע מעמואַרן — ווי אַ ראַם, אַ ברייטע, פאַר דער אידישער וועלט־ליטעראַטור.

ו

אונזער ליבער רייזען וואָלט גוואַלדיקע פאַרדינסטן גע־האַט פאַר דער אידישער שפּראַך און פאַר דער ריזיקער מלוכה פון אידיש, ווען ער וואָלט ניט נאָר ניט געווען דער מלך פון דער רייזען־דינאַסטיע, נאָר ווען ער וואָלט אַפילו קיין איין־איינציקע אייגענע שורה ניט אויפגעשטעלט און ניט אויפגעבויט.

אברהם רייזען איז דער ניט־פּראָפעסאָריש־אָנגעבלאָזענער טעאָ־רעטיקער פון אידיש; דער מכשירימלאָזער אַרכיטעקט פון אידיש; און דער קיינמאָל ניט־מיד־ווערנדיקער באַוואָסערער פון די ענדלאָזע אידיש־פעלדער.

אַלס יונגערמאַן פון קוים 32 יאָר, אין 1908, זעען מיר אים אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, אין פולן ערנסט פון הויבן און הויכן די פאָן פון אידיש, — די פאָן וואָס ער האָט נאָך אויף אַ רגע פון זיין האַנט ניט אַרויסגעלאָזן, און ניט אַרונטערגעלאָזן.

ביי אים האָט אידיש זיך קיינמאָל ניט געפּאָרט מיט קיין איזם, ווי די מערסטע אַזוי־גערופענע אידישיסטן פּרובירן תמיד איינשפּאַנען אידיש אין וואָגן פון אַ באַוועגונג, אָדער, חלילה וחלילה, צו די וועלכע ווילן דערשפּיצן די גאַנצע אידישע שירה צו אַן אייגענער שורה...

ז

און דאָס זעלבע איז ביי רייזענען אידישע קינדער־דערציאונג. פּונקט ווי ער האָט צוזאַמען מיט פּרצן, דר. זשיטלאָווסקין, א. אַ. אויפגעהויבן די פאָן פון אידיש, אַזוי האָט ער צוזאַמען מיט פּרצן און מיט דינעזאָנען געגרונטיקט דעם באָדן פאַר דער אידישער פאָלקס־שול, וואו ער איז, אין פולער יוגנטלעכקייט, זיך מתעסק אָרום איר עד היום הזה.

ערשט די טעג ווייס איך פון עטלעכע וויזיטן וואָס רייזען האָט, צו זיינע איצטיקע פינף־און־זיבעציקער, אָפּגעשטאַט אין עטלעכע פאָלקס־שולן. און אַ באַזוך ביי אַ שולע — די וואָס ווייסן, ווייסן דאָס — מיינט קומען אַהיים, אין וויטן בראָנקס, וואו רייזען וואוינט, 2־3 אַ זייגער פאַרטאָג.

און דאָס טוט אברהם רייזען וואָך־איין, וואָך־אויס, און דאָס וועט ער טאָן ביז לאחר מאה ועשרים שנה.

ווען אברהם רייזען וואָלט זיך מיט קיין אַנדער זאַך ניט מאַנומענטיזירט, ווי נאָר מיט זיין איבערגעגעבנקייט צו די תינוקות של בית רבן — מי ידמה לו, ומי ישוה לו — ווער, אַ ווער, וואָלט זיך געקענט אויפהויבן צו אָט־דער הויך זיינער?

ח

אין די איצטיקע טעג איז די ליטעראַרישע עוועניו אונזערע רירעוודיק און ריידעוודיק מיט דעם הונדערטסטן געבורטסטאָג פון י. ל. פּרץ, — רייזענס רבי און חבר.

אברהם רייזען, וועלכער איז אַ מוסטער אין זין פון לאָיאַליטעט, איז אויך דער סאַמע לאָיאַלסטער פון די פּרץ־יורשים. ניט נאָר זיינען זיינע מעמואַרן פול מיט פּרצן, נאָר אויך בעל־פּה איז ער דער גרעסטער באַזינגער פון זיין רבין.

איז עס צום גליק פון דער אידישער ליטעראַטור וואָס אונזער דור האָט אויסגעבעטן אַריכת ימים — און וועט נאָך ערשט, מיט התמדה, און מיט דבקות, זיך פאַרגיין אין תפילה — פאַר אברהם רייזענען, וועלכער איז דער איינציקער פון פּרצעס דור, וועלכער איז

ממשיך די פּרץ־טראַדיציע אין דער ליטעראַטור און אין לעבן, און איז, פאַר אונזערע אויגן, אויסגעוואַקסן צו אַ הויך פון „אויב נישט נאָך העכער".

ט

אויב דער הויפּט־יורש, אויב ניט דער איינציקער, פון דעם פּרץ־מין סטאַזש אין דער אידישער ליטעראַטור איז געוואָרן דער צענטראַלער אַדרעס פון וואו־נאָר אַ שרייבער און פון וואו־נאָר אַן אָטעם פון אידיש אין דער ווייטסטער פאַרוואָרפנקייט, איז דאָך קיין וואונדער ניט, אַז ער זאָל ווערן דער מאַגנעט־פּונקט פאַר די וואָס געפינען זיך אויפן היגן קאָנטינענט, און, איבערהויפּט נאָך, אין ניו־יאָרק.

און אַוודאי דאַרף ווּעמען ניט וואונדערן וואָס אויף יעדן מינדסטן יום־טוב פון „וואָכנבלאַט" איז דער אָנטייל פון אברהם רייזען געוואָרן אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט. ס'איז כמעט ניט דערשינען קיין איין יום־טוב־נומער „וואָכנבלאַט" אָן רייזענס אַ ציקל־לידער, און ס'איז כמעט ניט דורכגעפירט געוואָרן קיין איין קאָנצערט, צי ליטעראַרישער יום־טוב אונזערער אָן זיין פריידיקער באַטייליקונג.

און ווי אָפט ער פלעגט ניט דערשיינען אויף אונזערע טריבונעס, אָפט טאַקע גאָר אָפט, פלעגט ער מלך־מעסיק אויפגענומען ווערן פון עולם.

און ס'איז, דערשיבער, געווען זייער נאַטירלעך פאַר מיר, ווען כ'האָב, אין אָנהויב פון מיינע איצטיקע קאַרגע שטריכן (ווייל אויסצושעפּן די טעמע רייזען איז כמעט אוממעגלעך — פאַר מיר, אַלנפאַלס —), וועגן דעם ליבן ריז פון דער אידישער ליטעראַטור געזאָגט, אַז ווען איך וואָלט ווען געוואָלט, צי געדאַרפט, אונטערציען אַ סך־הכל פון מיינע דרייסיק יאָר דערפאַרונג מיט אברהם רייזענען, וואָלט איך אָט־דעם סך־הכל געקענט סומירן מיט איין וואָרט:

— יום־טוב!

# מאָריס שוואַרץ

## א

דער פאַראַנטוואָרטלאַכער שאַפער, אין זיין פאַרזוך — דורך פאַרשיידענע מעדיאומס — צו געבן געשטאַלט צו באַשטימטע פיגורן, געפינט אָפט אויס די הילפלאָזיקייט פון דעם פינזל צי פון דער פעדער. דער ערלעכער קינסטלער קען זיך ניט אָוועקזעצן, אַ באַרור־איגטער, אַ פאַרענדיגטער, און זאָגן צו זיך אַז ער האָט שוין דער־גרייכט די העכסטע שפּיצן פון קינסטלערישער פּערפעקציע. ער וועט דאָס ניט טאָן, ווייל אין די חדרי־חדרים פון זיין קינסטלערישן באַ־וואוסטזיין ווייסט ער, אַז דאָ און דאָרט האָט אים אויסגעפעלט אָטעם; אַז דאָ און דאָרט איז אין אים קורץ געווען די ראיה, דאָ און דאָרט איז ער געבליבן אַ געפּלעפּטער — אָן לשון.

אין אַזאַ פּלעפּונג געפינט זיך איצט מיין פעדער, אין איר פאַרזוך צו געבן, אין קאַרגע שטריכן, דעם פּנים פון דער ווערסאַטילער פּערזענלאַכקייט פון מאָריס שוואַרץ. דער אַלזייטיקער בויער און שאַפער איז פון אַזאַ גראַנדיאָזיטעט, אַז די אָנגענומענע אַדיעקטיוון דעקן ניט, כאָטש אין די הויפּט־שטריכן, דעם פּנים פון אָט־דעם שטור־מישן קינסטלער.

## ב

מאָריס שוואַרץ האָט אויפגעלויכטן אויף דער בינע פון דעם רויען אידישן לעבן אין אַמעריקע אין דער צייט ווען די אבות פון אידישן טעאַטער האָבן שוין פאַרענדיגט זייער באַרופערישע שליחות. זיי, די אַדלערס און די קעסלערס, זיינען אַוועק פון אונז זאַט אין קינסטלערישע דערוועררבונגען, אין רום, אין גלאָריע. זיי האָבן זוכה געווען צו זען ווי זיי זענען פאַרלעגענדאַריזירט געוואָרן נאָך ביים לעבן. זיי האָבן געפירט קעניגלאַכע הויפן און זענען, אין די בלי־און־רייף יאָרן פון זייער טעאַטראַלישער ממשלה, אַרומגערינגלט געוואָרן מיט טויזנטער פאַרערער. יעדער גדול האָט געהאַט זיינע חסידים. אָבער קיין י ו ר ש י ם האָבן זיי ניט איבערגעלאָזן. נאָך זיי איז געבליבן אַ וואַקואום.

און דאַן, אין גורלידיגן יאָר פון 1918, האָט זיך, גליקלאַכערווייז,

אַנטפּלעקט פאַר אונז די גיגאַנטישע פיגור פון מאָריס שוואַרץ, וועלכער האָט ניט נאָר אויסגעפילט דעם חלל וואָס די אַדלערס און די קעסלערס האָבן איבערגעלאָזן, נאָר ער האָט אונז, אין דרייסט־קייט, געגומען ווייזן נייערע וועגן פון אויפפיר, ברייטערע האָריזאָנטן פון טעאַטער־קונסט — אַ פאַרנעם פון טעאַטראַלישן שאַפן און בויען וואָס די גאַנצע געשיכטע פון אידישן טעאַטער האָט אַזוינס ניט געזען און פון אַזוינס ניט גע'חלומ'ט.

מאָרים שוואַרץ, ראָזעטאַ ביאַלים און דוד מעדאָוו אין אַ סצענע פון „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" אין אידישן קונסט-טעאַטער

ג

ס'איז גוט וואָס פון צייט צו צייט דערדרייט זיך דער לוח צו אַ רונדן ציפער, און מיר מוזן זיך דעמאָלט אומקוקן אויף געוויסע פּערזענלאַכקייטן, אויף געוויסע אינסטיטוציעס, און שענקען זיי כאָטש העפלאַכע אויפמערקזאַמקייט. און אַזוי האָט אונז דער בעל הלוח דערמאָנט אַז ס'איז געוואָרן 30 יאָר זינט מאָריס שוואַרץ האָט געגרינדעט דעם אידישן קונסט טעאַטער, און ער האָט, ביי דער סאַמע דערעפנונג, געוואָגט צו איבערברעכן די גאָרדין־טראַדיציע פון

דעם דעמאָלטדיגן אַזוי־גערופענעם באַגריף פון בעסערן טעאַטער און האָט, אין רעוואָלוציאָנערן זשעסט, זיך געשטעלט מיטן פּנים צום יונגן שרייבער און צו פרישער אידישער און וועלטלעכער טעמאַטיק.

ער האָט אָנגעהויבן זיין וועלט־טעאַטער מיט הירשביינס „פּאַר־וואָרפן ווינקל", איינע פון די צאַרטסטע אידיליעס פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור, איז געגאַנגען פון איין קינסטלערישער דער־גרייכונג צו אַן אַנדערער דורך דעם „שמידיס טעכטער" און די אַנדערע הירשביינישע קערנדיגע אידיליעס, ביז ער האָט דערפילט אין זיך די קראַפט צו פּאַרמעסטן זיך אויף דעם גאון פון אידישן הומאָר — אויף די קוואַליגע ווערק פון שלום עליכם.

די ערשטע יאָרן פון דעם אידישן קונסט־טעאַטער, אין וועלכן הירשביינס אידיליעס זענען נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון שלום עליכמיס „טוביה דער מילכיגער", „שווער צו זיין אַ איד", „סטעמפּעניו", „גרויסע געווינס", „סענדער בלאַנק", א. אַ., זענען געווען די גאָלדענע יאָרן ניט נאָר אין דעם לעבן פון שוואַרצ׳ס קונסט־טעאַטער, נאָר אין דעם לעבן פון מאָדערנעם אידישן טעאַטער בכלל. דאָס זענען געווען פאָרשטעלונגען וועלכע האָבן דעם אידישן טעאַטער־באַזוכער דערהויבן. דאָ האָט דער איד ניט נאָר איידל געלאַכט, נאָר זיך אויך לומדיש פאַרטראַכט. דער מענש האָט דאָ ניט נאָר געזען תענוגי עולם הזה, נאָר איז אויך אַרויס פון דאָרט אַ גייסטיג־געלייטערטער, מיט אַ מוסר־וואָרט אין מויל און מיט קוויקנדיגן אידישן ניגון אין זיין איבערלאָדן האַרץ.

ד

וואָלט מאָריס שוואַרץ קיין אַנדער זאַך ניט געטאָן אין זיין לעבן ווי נאָר אויפטרעטן אין די הויפּט־ראָליען פון הירשביין און שלום עליכם, וואָלט ער אויך געווען און געבליבן איינער פון די ריזן פון אידישן טעאַטער, ווייל אין שייכות צו געשטאַלטן טיפּן און כאַרקטערס לויט נוסח שלום עליכם זע איך ניט קיין אַנדערן אין דער גאַלעריע פון גרויסע אידישע שוישפּילער, וואָס זאָל זיך קענען פאַרמעסטן מיט דעם קינסטלער־שוישפּילער מאָריס שוואַרץ.

אים קומט, אָבער, אויך דער גרויסער קרעדיט פאַר אַרויספירן אַנדערע שוישפּילער און דערפירן זיי צו קינסטלערישער השתלמות. אַנדערע האָט ער אויך דערפירט צו וועלט־רום, ווי פּאָול מוני־וויזענפריינד. מיקען זאָגן, אַן גוזמא, אַז יעדער אידישער שוישפּילער האָט געשטרעבט צו שפּילן אין שוואַרצ׳ס טעאַטער. (די מזל׳דיגע שוישפּילער וואָס שפּילן אין קונסט־טעאַטער היינטיגן סעזאָן, און

מעגן און זאָלן דערמאָנט ווערן לשבח, זענען: חנה אַפעל, יצחק אינוועטאַר, באָריס אויערבאַך, גוסטאַוו בערגער, ראָזעטאַ ביאַליס, משה בילאָווסקי, שאַרלאָט גאָלדשטיין, שרה גינגאָלד, יודל דובינסקי, אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָף, יעקב מעסטל, דוד מעדאָף, לאה נעמי, מוני סערעבראָוו, מישאַ פישזאָן, יקותיאל פידלמאַן, טשאַרלס קאָהען, שלמה קרויזע, מאָריס קראַנער, משה שטראַסבערג). אַ גוטע העלפט, אויב ניט דער רוב פון אידישן שוישפילערטום אין אַמעריקע, האָט טאַקע געהאַט די גוטע געלעגנהייט צו שפילן אונטער מאָריס שוואַרצ'ס דירעקציע. און וואָלט ער קיין אַנדער זאַך אין זיין לעבן ניט געטאָן ווי נאָר דירעקטירט דעם קונסט־טעאַטער אין משך פון דרייסיג יאָר און וואָלט נאָר, אַזוי אַרום, געווען דער אויטאָריטאַ־טיווער רבי פון אַ דור שוישפילער — פאַר אַט־דער אויסנאַמלאַכער גרויסער עובדא אַליין וואָלט ער פאַראייביגט געוואָרן אין דעם היכל פון אידישער טעאַטער־קונסט און אין אונזער קולטור גן עדן בכלל.

## ה

מאָריס שוואַרץ האָט אָבער אויך פיל געהאָלפן יונגע אידישע דראַמאַטורגן צו בויען זייערע ווערק און צו דערווערבן עולם הזה און עולם הבא. אין די 30 יאָר פון זיין פאַנטאַסטהאַפטיגער רע־זשיסערישער און דירעקטאָרישער קאַריערע האָט ער צענדליגער יונגע שרייבער־נעמען באַרימט געמאַכט. סיגליטשט זיך לייכט אַראָפּ פון צונג: 150 פאָרשטעלונגען! די „הבימה" וואָס איז, כמעט, אין איין עלטער מיטן קונסט־טעאַטער — וויפיל אויפפירונגען קען זי אָנציילן? און אַנדערע טרופּעס, ווי דער היגער טעאַטער „גילד"? מען פלעגט אָפּט אַרבעטן דריי יאָר אויף איין־איינציגער „הבימה"־פאָרשטעלונג. און דאָ האָט איר אַ דורכשניט פון פינף נייע אויפפירונגען אין אַ סעזאָן. און אַזוי, יאָר־איין און יאָר־אויס, ביז דער היינטיגער סעזאָן האָט אונז דערפירט צו „הערשל אָסטראָפּאָליער", די 150־סטע אויפ־פירונג, אויך פון אַן אומבאַקאַנטן שרייבער: משה ליוושיץ. עס איז אמת, אַז חוץ יונגע האָט שוואַרץ דעם גרויסן קרעדיט פון שטעלן ווערק פון אנשי שם: אַש, אַנסקי, גאָלדפאַדן, דימאָוו, הירשביין, זינגער, ליבין, פּינסקי, פּרץ, קאָברין, שלום עליכם און זלמן שניאור. ער האָט, אָבער, אויך אַרויסגעפירט, און איינגעשטעלט ריזיגע געלט־סומען, מיט אומבאַקאַנטע אידישע שרייבער, און אָפּט, אַפילו, מיט אָנפאַנ־גער: ארי איבן זהב, פ. בימקאַ, י. ד. בערקאָוויטש, חנא גאָטעספעלד, י. גילנער, משה ליוושיץ, ה. לייוויק, משה נאַדיר, ה. סעקלער,

יעקב פּרעגער, אהרן צייטלין, יונה ראָזענפעלד, ב. רעסלער, א. אַ. דאָ רעדט זיך ניט צי די דערמאָנטע נעמען זענען געווען ביז שוואַרצ׳ן ליטעראַרישע פירמעס, צי ניט. זיין באַקאַנט, צי באַוואוסט און אַפילו באַרימט אין דער באַגרעניצטער שרייבער־סביבה איז איין זאַך און פאַרבונדן ווערן מיט אַ טעאַטער, וועלכער דאַרף ריזיקירן צענדליגער טויזנטער דאָלאַרן און דאַרף פאַנגען די פאַנטאַזיע און דעם אינטערעס פון צענדליגער טויזנטער באַזוכער איז אַ גאַנץ אַנדער זאַך. קיין טעאַטער־אונטערנעמער אין דער איצטיגער וועלט־פון־געלט, ניט ביי אונז און ניט ביי זיי, וואָלט ניט איינגעשטעלט זיין אַפּגעשפּאַרטע מי, אַפּט זיין גאַנצע קאַריערע, אויף אַ ווערק פון אַן אומבאַקאַנטן שרייבער. די אידישע עפנטלאַכקייט מעג איצט, ביי זיין דרייסיג־יאָריגן יובל, צוטראָגן שוואַרצ׳ן אַ געהעריגן ווערטער־בוקעט פאַר אַט־דער איינציגאַרטיגער דערגרייכונג זיינער, — אַ דערגרייכונג וואָס וואָלט אים געדאַרפט אין אויבאַן פון טעאַטער־רייך שטעלן — ווען ער וואָלט אַפילו קיין אַנדער „פעדער אין הוט“ ניט געהאַט.

ו

גאָט האָט געטאָן אַ חסד מיט די אידן, און ער האָט זיי צעשפּרייט צווישן די פעלקער. אַזוי זאָגט די גמרא. און וואוינענדיג צווישן די אומות פון דער וועלט קענען מיר ניט, טאָרן מיר ניט פאַרמאַכן די אויגן און זיך ניט־וויסנדיק מאַכן פון זייער הנהגה. ודע מה שתשיב... די חכמים אונזערע האָבן אונז שטענדיג געוואָרנט אַז מיר זאָלן גרייט זיין מיט אַ תירוץ פאַר די אַפּיקורסים. און אַ פשיטא שוין מיט די כופרים. דורך ווערק פון די וועלט־שרייבער וואָס שוואַרץ האָט אויפגעפירט, פון צייט צו צייט, אין קונסט־טעאַטער האָט ער דעם בעסערן אידישן טעאַטער באַזוכער מיטגענומען אויף אינטערעסאַנטע און באַלערנדיגע עקסקורסיעס וואו די וועלט האָט נאָר אַן עק. דער נאָכפאָלגער פון שוואַרצ׳ס טעאַטער האָט, אַזוי אַרום, אויך מיטגעלעבט מיט די וועלטן פון איבסען, אַנדרעיעוו, גאָגאָל, גאָרקי, הויפּטמאַן, זשולאַווסקי, טאָלסטאָי, טשעכאָוו, מאָליער, סטרינדבערג, פּשיבישעווסקי, ראָלאַנד, שעקספּיר. ניט אַלע פון די פרעמד־שפּראַכיגע פאַרשטעלונגען האָבן, אפשר, געדאַרפט געשטעלט ווערן. ניט מיט אַלע האָט שוואַרץ דערגרייכט צו יענער מייסטערשאַפט פאַר וועלכע דער קונסט־טעאַטער איז אנערקענט. אָבער אַנדרעיעוו׳ס „זיבן געהאַנגענע“ בלייבט איינע פון די ערשט־קלאַסיגע אויפפירונגען אין אידישן טעאַטער. גאָגאָל׳ס „רעוויזאָר“

איז אַ קאָלאָסאַלע אויפפירונג, וואָס ניט יעדער גרויסער טעאַטער ביי די אומות העולם קען זיך מיר־ניט־דיר־ניט דערצו אונטערנעמען. פאַר אַ יונגן שוישפּילער, ווי שוואַרץ איז געווען ביי דער גרינדונג פון זיין טעאַטער, און ווי איינער וואָס האָט אַליין געדאַרפט אויס־פלאַסטערן זיין וועג אין לעבן און זיין דרך אין טעאַטער, דאַרף אָט־דער קאַפּיטל געוואויגן ווערן אין פולער וואָג און אין ריינסטן גאָלד.

ז

ווען שוואַרץ האָט געגרינדעט זיין טעאַטער־טעמפּל איז דאָס לעבן שוין ניט געגאַנגען מיטן ריטם פון אַקסן־טריט, אָבער דאָס בירגערטום פון יענער צייט האָט נאָך געלעבט מיט די זכרונות פון יענער צייט ווען דאָס לעבן איז מילד געפלאָסן ביי די לאַנקעס פון הירשביינס גרינע פעלדער. דער אימיגראַנטישער עולם אין די טעאַטער־הייזער האָט זיך נאָך מחיהדיג געקוויקט מיט טוביה דעם מילכיגנס טייטשן און ווערטלעך. אָבער מיט דעם גאַנג פון די יאָרן האָט דער אינגאַוואַטאַרישער שוואַרץ דערפילט, אפשר מער בחוש ווי מיטן מוח, אַז די פיר־אַקטיגע דראַמע איז שוין צו־דרעמלענדיג פאַר דעם אידישן בירגער פון דער גרויס־שטאָט, און אַז די דריי־פיר 15־מינוטיגע הפסקות, אין וועלכע דער עולם ווערט אומזיסט־און־אומנישט געהאַלטן אין טומל און אין רויך זענען אַ זיב־לאָזער לאַסט אויף דעם געדולדיגן טעאַטער באַזוכער אונזערן. און דאָ האָט אין אים אויפגעבליצט דער שרייבער, דער דראַמאַטורג. ווייסט דען דער עולם די שרייבערישע שוועריקייט פון איבערבויען אַ נאָוועלע אין אַ דראַמע? אין די טעאַטער־אַנאָנסן לייענען מיר אַ שורהילע אין בראַוויר — „דראַמאַטיזירט פון מאָריס שוואַרץ". פאַקטיש מיינט דאָך דאָס: אַ נ ג ע ש ר י ב ן  אַ  נ י י  ב ו ך. די וואָס ווייסן, דערציילן מיר, אַז ווען שוואַרץ האָט פאַר־אַ־יאָרן באַשלאָסן אויפפירן פון העברעאיש ארי אבן־זהבים נאָוועלע „שיילאָק און זיין טאָכטער" האָט דער מחבר געהאַט גרייט צווייערליי דראַמאַ־טיזאַציע־פאָרמען. נאָר ווען ער האָט געזען שוואַרצים דראַמאַטיזאַציע האָט ער, אָן שום איבערלייג, זיך אָנגעכאַפּט אָן שוואַרצים נוסח. צו נעמען אַ נאָוועלע ווי „יאָשע קאַלב", צי „ברידער אשכנזי" — ביכער פון 700—800 בוך־זייטן און עס איבערבויען אין אַ דראַמאַטישן ספּעקטאַקל־געבוי פון 70—80 זייטלאַך — דאָס איז ווייט ניט קיין קליינער ווירטואָזישער ענין! און שוואַרץ האָט אויף זיין קרעדיט איבער צוואַנציג אַזעלכע דראַמאַטיזאַציעס. און אפשר ניט דער מינ־



1-טע מאַסקע: שוואַרץ אין אַנדרעיעוו'ס „זיבן געהאַנגענע"; 2-טע מאַס-
קע: שוואַרץ אין אַש'ס: „דרויי שטעט"; 3-טע מאַסקע: שוואַרץ אין
וויקטאָר פעלדער'ס „זשאַק בערגסאָן"; 4-טע מאַסקע: שוואַרץ אין שלום
עליכמ'ס „סענדער בלאַנק"; 5-טע מאַסקע: שוואַרץ אין י. י. זינגער'ס
„ברידער אשכנזי".

דעסטער ווירטואָזישער אויפטו איז „הערשל אָסטראָפּאָליער". דאָ האָט שוואַרץ גענומען משה ליוושיצ׳ס אַ פּיעסע און האָט זי איבער־געבויט אין אַ ווערק וואָס איז, אפשר, איינציג אין דער אידישער דראַמאַטישער ליטעראַטור. די גאַנצע קאָמעדיע האָט ער אויפגעבויט אין ראַם פון לאַגישן גראַם. און דאָס איז געווען זייער אַ ריזיקאַלישע שרייבערישע אונטערנעמונג. ס׳איז זייער לייכט געווען צו אַריינפאַלן דאָ אין אַ גראַם־שטראַם שטרויכלונג און פון דעם אַלעם זאָל אַרויסקומען אַ בורלעסק, אַ „טשעפּוכאַ". אָבער אויך דאָ איז שוואַרץ אַרויסגעקומען זיגרייך און ער האָט, אויף דעם הינטער־גרונט פון משה ליוושיצ׳ס קאָמעדיע, אָנגעשריבן אַן אָריגינעל ווערק — פאַר וועלכן ער האָט געדאַרפט איצט קריגן אַ באַזונדערע ליטעראַרישע אויסצייכענונג. און דאָס איז נאָך ניט זיין גאַנצער שרייבערישער ספר היחוסין. ער האָט אויך געשריבן אַ ריי וויכטיגע מעמואַריסטישע אַרבעטן; פיינע טעאַרעטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן טעאַטער, פיל־צאָליגע רייזע־באַשרייבונגען, און אַנדערע וואָגיגע זשורנאַליסטישע אַרבעטן. ווען מאָריס שוואַרץ האָט מיט יאָרן צוריק געדרוקט אין „וואָכנבלאַט" זיין וויכטיגע סעריע פון טעאָרעטישע אַרטיקלען וועגן טעאַטער, איז ער וואָרעם געלויבט געוואָרן פון אַ ריי אָנגעזעענע שריפטשטעלער. דאָ האָט איר אַ מענטשן וואָס האָט, בין יום ובין לילה, צווישן טאָג און צווישן נאַכט, אָנגעשריבן אַ דריי־פיר צענדליג ביכער. דאָ האָט איר נאָך אַ געביט פון שעפערישקייט וואָס צייכנט אויס שוואַרצן פון אַלע אַנדערע לעבעדיגע און אָוועקגייענדיגע אידישע שוישפּילער פון זיין דור.

ח

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס ביים סיום פון 30 יאָר קונס־טטעאַטער פירט שוואַרץ אויף אַ טעאַטער־שטיק וואָס וואָרצלט אין אידישן לעבן און האָט אַלע סמנים מובהקים פון אַ גוטער אָפּערעטע: איינהאַלט און אונטערהאַלט. די סאַטירע מיט וועלכער הערשל אָסטראָפּאָליער איז באַוואָפנט און וועמעס שאַרפע פיילן גרייכן טרעפלאַך אין די רייען פון דער אידישער גבירה׳קראַטיע פון אָסטראָפּאָליע איז איצט פּונקט אַזוי צייטלעך ווי אין הערשעלעס טעג. דאָס איז דער איינהאַלט. און פיינער אונטערהאַלט, אידישלעכער, איז אויך דאָ לרוב. און צו דעם, גיט מען אויך דעם עולם אַ ניגון אין אין מויל. רומשינסקי האָט דאָ געשעפּט אינספּיראַציע פון פאָלקס־

קוואַל, און ס׳איז אים געלונגען צו שאַפן אַ ריי פיינע מעלאָדיעס — פּאַסיגער שלח מנות דעם אידן אויפן וועג אַהיים.

## ט

די טעג האָט מען אין קונסט־טעאַטער אַליין פאַרצייכנט די דאַטע פון 30 יאָר לעבן און שאַפן. און לכבוד דעם האָט מען געשפּילט די ערשטע אַקטן פון פּרצ׳ס „גאָלדענע קייט״; שלום עליכמ׳ס „דאָס גרויסע געווינס״; אַנסקיס „דיבוק״ און הירשביינס „דעם שמידס טעכטער.״

ס׳ווילט זיך האָפן, אַז דער יום טוב וועט ניט בלייבן איזאָלירט נאָר אין די דלד אמות פון דעם טעאַטער. אין דער ערשטער ריי, דאַרף ער קריגן אַ וואַרימען אָפּרוף אין דער פּרעסע. אין דער צווייטער ריי, דאַרפן זיך אָפּרופן כאָטש יענע שרייבער וועמען שוואַרץ האָט געמונטערט, דורך אַרויספירן זייערע ווערק אויף דער בינע פון קונסט־טעאַטער. און אין דער דריטער ריי — דאָס פאָלק אַליין, די אידישע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן נעמען דאָס וואָרט. און דאָס איינציגע וואָס דאַרף איצט שוואַרצין געזאָגט ווערן מצד דער עפנטלעכקייט, אַז קהל וועט באַטרעטן דעם וועג פון באַזאָרגן דעם קונסט־טעאַטער מיט אַ געזיכערטער היים, וואו די שעפערישע שוואַרץ־ענערגיע זאָל ניט אויפגעגעסן ווערן פון די שווערע מאַטעריעלע זאָרגן, נאָר דער גרויסער קינסטלער זאָל זיך אינגאַנצן ווידמענען אין דינסט פון דער קונסט, אין געבענטשטער דינסט פון זיין פאָלק.